STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00352

BAY DI TAYKHN FUN PORTUGAL

Samuel Usque

Permanent preservation of this book was made possible by
Suki & Ted Nelson
in memory of
Brameister & Nelson parents

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אליהו ליפינער

ביי די טייכן פון פּאָרטוגאַל

ר' שמואל אושקי, זיין תקופה און זיין „טרייסט צו די לײַדן פון ישראל״

ייִדישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט — ייוואָ

אַרגענטינער ייוואָ־ביבליאָטעק, נומער 9

בוענאָס־איירעס, 1949

Editorial
Instituto Científico Judío — IWO
Buenos Aires, 1949

Copyright
by Elias Lipiner
Río de Janeiro

IMPRESO EN LA ARGENTINA

PRINTED IN ARGENTINE

E L I A S   L I P I N E R

"BAI DI TAIJN FUN PORTUGAL"

(JUNTO A LOS RIOS DE PORTUGAL)

דאָס אחריות פאַר די וויסנשאַפטלעכע שטאַנדפּונקטן וואָס ווערן אַרויסגעזאָגט אין די אויסגאַבעס פון ייוואָ טראָגן די מחברים גופא.

צוליב טעכנישע טעמים איז נישט מעגלעך געווען אָפּצוהיטן אין גאַנצן, אין דאָזיקן בוך, די אויסלייג־תקנות פון ייוואָ.

דעם אנדענק פון מיין פאטער גדליהו ליפינגער

וואס האט מיך געפירט אויף די וועגן פון יידי־

שער חכמה און לזכר מיין מוטער שרה וואס איז

פארשוואונדן אין קדושה מיט פיר קינדער צווי־

שן די זעקס מיליאן פרומע און באשיידענע

פון ישראל.

אַרײַנפֿיר

א

מיט בר-כוכבאן איז פארשוואונדן די שווערד פון דער יידישער געשיכטע. דער פיזישער כוח האט אויפגעהערט צו זיין א גורם אין דעם אנטוויקלונגס-פראצעס פון נאציאנאלן לעבן און די רעאקציע פון דער אויסדערוויילטער אומה קעגן אירע אנגרייפערס איז שוין, אויף ווייטער, געמאכט געווארן נאר דורכן געשריבענעם ווארט.

דעריבער האט דער איכה-טאן אנגעהויבן דאמינירן אין די ליטעראריש שאפונגען: סליחות און קינות זיינען פארצייכנט געווארן אויף געלע פארמעטן און זייענען אויסגעשטרעקט געווארן, פארוויקלטערהייט, איבערן קאפ פון תלין, מדור לדור.

און געשריבן געווארן זיינען די מגילות פון צער דווקא אין העברעיש, כאטש זיי האבן געשטאמט פון מדינות ווו יידן האבן גערעדט בלערליי שפראכן. ווייט איז געווען די תקופה ווען מיטן כוח פון ווארט איז באשאפן געווארן דער הימל, די ערד און זייער גאנצער חייל. איצט איז דאס ווארט אראפגעזעצט געווארן פון זיין טראן. דעריבער האט קיינער נישט געהאפט צו דערוועקן דעם מיטלייד פון פאנגער מיט רירנדיקע ווערטער, וואס זיינען עלול נאך, להפך, אנצורייצן אויף זיך גרינגשעצונג און שפאט. איז נאך וואס זאל פארשוועכט ווערן דורך פרעמדן געלעכטער דער פיין וואס האט געליימערט אזוי פיל יידישע דורות? גלייכער אויסצוגיסן דאס הארץ אין א הייליקן, אינטימען לשון, וואס איז פארשטענדלעך נאר פאר זיך אליין און אפשר פאר נאך א יידן וואס וועט אין דורות ארום באווייגען זיין אומגליק איבערזאגנדיק די זעלבע שורות פון יאמער, ערגעץ אין א ווינקל פון א פארווארפענעם בית-מדרש.

ב

דער גירוש ספרד ופורטוגל פון איבער פיר מיט א האלבן יארהונדערטער צוריק האט נישט נאר אפגעקלונגען יאמערלעך אין דער יידישער ליטעראטור פון יענער תקופה, נאר האט נאך ארויסגערופן א גאנץ באזונדערע ריי ווערק. די עינויים פון דריי הונדערט טויזנט וואנדערנדיקע מארטירערס האבן גורם געווען אז דאס יידישע לעבן זאל פארלירן דאס גלייכגעוויכט. עפעס א געוויכט האט געפעלט אויף דער נאציאנאלער וואגשאל, און די יידישע דיכטערס און וויסנשאפט-לייט פון יענעם

דור האָבן עס דערשפּירט. האָבן זיי פאַרלאָזט די אַלטע לאַטייניש־טעקסטן און די פאַרפּלאָנטערטע טאַבעלן פון דער הימל־מעכאַניק, כדי זיך אומצוקערן בלב ונפש צו זייער אומה, זי צו טרייסטן און פאַרשרייבן לדורות איר פּיין. דערום האָבן זיך געמערט שורות פון קלאָג און פון טרייסט, געשריבן מיט קוואַדראַטישע העברעישע אותיות, וואָס זענען ווי באַשאָפן געוואָרן, אַז מיט זיי זאָל מען פאַרצייכענען פאַרדראָס, ווייטיק און צער.

אַזוי זענען אויפגעקומען חיבורים ווי דער „ספר היחוסין" פונעם אַסטראָנאָם אברהם בן שמואל זכותא, דער „שבט יהודה" פון שלמה אבן ווערגא און דער „עמק הבכא" פונעם רופא און קאָסמאָגראַף יוסף הכוהן. די דאָזיקע ספרים פלעגט מען טרעפן אין דעם ביכער־אַלמער פון יעדן פרומען יידן, וואָס פלעגט אין זיי אַריינקוקן אין די אָפּטע שעהען פון נאַציאָנאַלן צער. אין טייל קהילות פלעגט מען זיך אפילו נוהג זיין צו לייענען תשעה באב דעם „עמק הבכא" אין איינעם מיט ירמיהוס קינות. נאָר דאָס וווּנדערלעכסטע ספר פון יענער תקופה איז געבליבן אומבאַקאַנט פאַר די שפּעטערדיקע דורות, און דער נאָמען פון זיין פרומען מחבר איז פאַרגעסן געוואָרן.

„אַ טרייסט צו די ליידן פון ישראל" (Consolaçam as Tribulaçoens de Israel) הייסט דאָס בוך וואָס מוז אומגעקערט ווערן דער יידישער ליטעראַטור, און שמואל אושקי (Samuel Usque) איז דער נאָמען פון מחבר אָן וועמען מיר האָבן פאַרגעסן.

ג

די הויפּט־סיבה וואָס האָט גורם געווען, אַז אושקיס ווערק זאָל אומבאַקאַנט בלייבן צווישן יידן, איז זיין שפּראַך: עס איז נישט געשריבן אין העברעיש, לויטן מנהג פון דער תקופה, נאָר אין אַלט־פּאָרטוגעזיש. און די הויפּט־סיבה מחמת וועלכער אושקיס נאָמען איז פאַרגעסן געוואָרן איז זיין ענייוות: ער האָט אין די צוויי הונדערט און צוויי און זיבעציק זייטלעך פון זיין בוך, נישט אָנגעגעבן קיין דירעקטע אויטאָביאָגראַפישע שטריכן, ווידער להיפוך צו דעם מנהג פון יידישע מחברים זיינע בני־דור וועלכע פלעגן ס'רוב באַשרייבן פּרטים פון זייער אייגן לעבן, אין דער הקדמה, חתימה אָדער גאָר אין מיטן טעקסט פון זייערע ווערק.

פאַר וואָס האָט שמואל אושקי געשריבן זיין ווערק אין פּאָרטוגעזיש? זיכער דערפאַר וואָס זיין הויפּט־כוונה איז געווען צו ברענגען טרייסט און דערמוטיקונג די האַרטנעקיקע מענער און פרויען, וואָס האָבן מיט קיניגלעכן שטאָלץ אויסגעביטן די צערטלעכע היימען אויף פרעמדע און בייזע וועגן. און לויט אַלטע כראָניקעס איז דאָך די מערהייט פון די דאָזיקע עקשנים געקומען דווקא פון די עם־האַרצישע שיכטן פון פאָלק, וועלכע האָבן, אין יענע צייטן פון רדיפות קעגן יידישן דת, זיכער קיין העברעיש נישט געקענט.

און נאָך אַ סיבה: אושקי האָט באַטראַכט די יידישע דראַמע נישט נאָר ווי אַ נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע וואָס דאַרף באַקלאָגט ווערן מורמלענדיק פאַר זיך אַליין, נאָר אויך ווי אַ מיאוסן פגם אויפן זויבערן געזיכט פונעם קאָסמאָס:

„די ערד פאַראַכט ז י ך אַ ל י י ן אין מיין געשטאַלט, דער הימל האָסט ז י י ן א י י ג ע נ ע ם אָטעם אין מיין ברוסט, און די מענטשן האָבן פיינט ז י ך אַ ל י י ן אין מיין אָפּבילד".

אויב דאָס יידישע לעבן איז מער נישט ווי אַן אומאָפּשיידלעכער אָטאָם פונעם קאָסמישן לעבן, דאַן זאָל דער גאַנצער וועלטאַל דערשיטערט ווערן פון דער יידישער טראַגעדיע. ווען דער גלויבן אין מענטשן איז פאַרלוירן, זאָל דער קאָסמאָס זאָגן זיין וואָרט:

„אָ, וועלט, וועלט! אויב שוין דו לאָזט נישט אַז דיינע ברואים די בעלי-שכל זאָלן געריירט ווערן פון מיין אומגליק, און אויב עס איז אין די דוממים אַריינגע־בלאָזן געוואָרן עפּעס אַ פאַרבאָרגענע סגולה פון מיטגעפיל — דאַן לאָז אַז די טייכן וואָס זייערע שוימיקע וואַסערן פאַלן אַראָפּ מיט אַ מעכטיקן גערויש פון די הויכע בערג, זאָלן איינהאַלטן זייער ווילדן פלייץ, און מיט אַ שטיל קלאָגעדיקן מידן פליסן זאָלן זיי באַגלייטן דעם לויף פון מיינע טרערן, און אויסדריקן זייער מיטלייד פאַר מיין אומענדלעכן פיין!"

אין זיין טיפער פאַרצווייפלונג פרוווט אושקי שפּעטער רעדן אויך צו די מענטשן. ער וויל זיך מיט זיי מתווכח זיין וועגן דעם גרויסן אומרעכט וואָס זיי באַגייען:

„אָ, הימל! אָ, ערד! אָ, וואַסערן! אָ שטאַרבלעכע ברואים! האָט רחמנות, מאַכט אַ ביסל לויזער דעם שטריק וואָס איר האָט אויף מיין האַלדז פאַרצויגן! לאָזט אַרויס די שטים וואָס איז שוין זינט יאָרן אין מיין ברוסט פאַרשפּאַרט!"

להיפּוך צו די אַנדערע מחברים פון זיין תקופה האָט אושקי געוואָלט אַז זיין שטים זאָל דערהערט ווערן אויך צווישן די באַדריקערס. דעריבער האָט ער צו זיי גערעדט אין אַ לשון וואָס איז זיי פאַרשטענדלעך.

ד

אושקיס לעבן איז אַ טונקעלער חלל אין דער געשיכטע פון יידישער און פּאָר־טוגעזישער ליטעראַטור. דער דאָזיקער חלל קען נאָר פאַרקלענערט ווערן. ווען מען זאָל אים אַליין מער און מער אַרומצווימען מיט די קאַנטורן פון אַנדערע באַקאַנטע געשעענישן, וואָס זאָלן וואַרפן אויף אים פון זייער ליכט און אים באַוועלטיקן. דאָס וועט געטאָן ווערן אין קומענדיקן קאַפּיטל און טיילווייז אין די קאָמענטאַרן צום טעקסט פון אושקיס בוך.

דערוויייל ווערט געגוג זיין צו זאָגן אויפן סמך פון פאַראַנענע אָנדייטן, אַז אושקי איז געבוירן געוואָרן אין פּאָרטוגאַל ביי אַ שפּאַניש-יידישער פאַמיליע וואָס איז אַהין אַנטלאָפן מחמת דעם צאָרן פון דער אינקוויזיציע. שפּעטער ווען פּאָרטוגאַל איז מיד געוואָרן פון איר היפּאָקריטישער און באַצאָלטער גאַסטפריינדלעכקייט, האָט זי אויך איינגעפירט די אינקוויזיציע, און שמואל אושקי איז אַנטלאָפן, צוזאַמען מיט זיין קרוב אברהם אושקי, אין דער איטאַליענישער שטאָט פערארא, ווו עס האָט דאַן געהערשט רעליגיעזע טאָלעראַנץ.

אין פערארא האָט אברהם אושקי איינגעאָרדנט זיין באַרימט-געוואָרענע דרוקעריי, ווו עס זיינען געדרוקט געוואָרן פיל ספרים אין העברעיש, שפּאַניש און פּאָרטוגעזיש, און צווישן זיי איז אין חודש סעפּטעמבער 1552 אויך דערשינען דאָס בוך „אַ טרייסט צו די ליידן פון ישראל”.

דאָס דאָזיקע ווערק פון גאָר גרויסער ליטעראַרישער און היסטאָרישער חשיבות, האָט אושקי געשריבן אין דער פאָרעם פון אַ וויכוח וואָס קומט פאָר אין דער טיפעניש פון אַ וואַלד צווישן דריי פּאַסטעכער: יעקב, נחום און זכריה.

גלייך ווי יעדער יחיד וואָלט טראָגן אין זיין אונטערבאַוווסטזיין די געשיכטלעכע פאַרגאַנגענהייט פון דעם פאָלק צו וועלכן ער געהערט, האָט שמואל אושקי אויסגעטרוימט אַ העלד וואָס זאָל פאַרקערפּערן די געשיכטלעכע קאָנטינואיטעט פון דער יידישער אומה.

יעקב פאַרקערפּערט די יידישע געשיכטע פון די פריסטע טעג ביז דער צייט פון מחבר. ער קלאָגט זיך אויף זיין טרויעריקן גורל, און זיינע רייד פליסן ווי דאָס שטילקלאָגעדיקע קול פון אַ באַליידיקטן און פאַרטריבענעם פרינץ, וואָס שילדערט, ערגעץ ווו אין אַ ווינקל, פאַר דערשטוינטע צוהערערס, דעם דערנערוועג פון זיינע וואַנדערונגען, און איז נאָך מצדיק דעם דין. אַ הייסע בענקעניש נאָך דער מיסטישער נסים-קראַפט וואָס פלעגט לויט די ביבלישע לעגענדעס באַוועגן די ראָד פון דער יידישער געשיכטע, שפּראָצט אָפּט אַרויס פון זיינע רייד. ער דערציילט, אָט מיט דיכטערישן אומרו און אָט מיט דער געלאַסנקייט פון אַ כראָניקער, וועגן די רדיפות וואָס ער איז אויסגעשטאַנען אין אַלע צייטן, און קלאָגט זיך פאַר וואָס קיין מאָל נעמט נישט קיין סוף צו זיי:

„די ערד, וואָס דער בייזער ווינטער דעקט אָפּ איר קלייד פון צאַרטע גראָזן און בליענדיקעביימער, קומט דער זומער, אַ גאָט, דערפרייסטו זי, און וואַרפסט אַרויף אויף אירע אַקסלען אַ מלבוש פון אַזוי פיל בונטפאַרביקע בלומען און פרוכטן שיינע בלעריי.

„עס טוען אויס די חיות זייער פאַרביקע פעל, די שאָף — זייער געפלעקטע וואָל, די פייגל — זייערע פילקאָלירטע פעדערן, אָבער דו מאַכסט אַז מיט דער

צייט זאָל זיי אַלץ אומגעקערט ווערן, צו זייער גרויסער פרייד. נאָר מיר, דעם אָרע־מען יידן, האָט דער זומער גאָרנישט אומגעקערט!

„פרייגעלאָזט פון יאָך ווערן די מידע אָקסן נאָך אַ גליענדיקן טאָג פון אַקער. באַוועגנדיק מיטן קאָפּ און זיך באַלעקנדיק גייען זיי דערנאָך מיטן אָוונט־שאָטן צו דער רו פון זייערע שטאַלן. אויך דער ארבעטזאַמער פויער שפּאַנט אהיים אין יענער שעה. לוסטיק און זאָרגלאָז עסט ער אָפּ זיין פויערישע סעודה, און פאַרגעסנדיק די מי פון טאָג, פאַלט ער אריין אין אַ טיפן שלאָף אויף אַ גאַנצער נאַכט. נאָר פאַר מיר איז נאָך די שעה פון רו נישט געבוירן, ניין! דער יאָך פון פאַנגער דריקט ווי־דער מיין נאַקן, און דער ביסן ווערט צווישן דער האַנט און דעם מויל פאַרהאַלטן פון וועגן די טרויעריקע זכרונות".

ביז אהער זיינען די רייד פון יעקבן. אָבער די געשיכטע פון אַ פאָלק אָן גליק־לעכע עפּיזאָדן, וואָלט געווען ווי אַ בייגעוודיקער גוף, אָן אַ רוקנביין: קומט זכריה און רייסט אַלע מאָל איבער יעקבס רייד, אים דערמאָנענדיק אַז עס זיינען אויך גע־ווען טעג ווען די הצלחה האָט געשיינט פאַר יידן.

אויך איז דער קיום פון אַן אומה אַזוי פיל מער פאַרזיכערט אויף וויפל טיפער אירע אויגן זיינען געווענדט אין דער צוקונפט אריין; קומט נחום און טרייסט דעם פאַרוויינטן יעקב מיט דעם גומס וואָס איז פאַר אים אָנגעגרייט אויף לעתיד לבוא.

אושקי איז אַ מייסטער אין דער ליטעראַרישער ארכיטעקטאָניק פון זיין צייט: יעקב, זכריה און נחום זיינען דריי סימבאָלישע זיילן אויף וועלכע ער האָט אָנגע־שפּאַרט דעם סודותדיקן פּאַלאַץ פון דער יידישער געשיכטע, מיט אַלע בולטע עלע־מענטן און סקולפּטורעלע באַצירונגען.

ה

פאַראַן נאָך אַ גאָר וויכטיקער אַספּעקט: אושקים בוך איז אַ פאַזע אין דער אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון דער פּאָרטוגעזישער שפּראַך און ליטעראַטור; ער האָט נישט געפאָלגט די עצה פון זיינע פריינד וועלכע האָבן אים געראָטן צו שרייבן זיין ווערק אין שפּאַניש וואָס איז שוין יעמאָלט געווען אַן אַנטוויקלטע ליטעראַרישע שפּראַך, און זיך אויסגעקליבן פּאָרטוגעזיש — נאָך דאַן אַ האַלב רוי און נישט אַנטוויקלט לשון.

אָבער אושקי האָט באַהערשט די שפּראַך און זי געפורעמט. ער האָט זי געצווונ־גען צו באַגלייטן די אָריענטאַליש־אידילישע שילדערונגען און די מעכטיקע אויפ־ברויזן פון פאַרדראָס וואָס פלעכטן זיך וווּנדערלעך צוזאַמען אין זיין ווערק. און די שפּראַך האָט געפאָלגט.

אַזוי האָט ער אַריינגעבראַכט, דער ערשטער, אין דער שפּראַך פון זיינע רודפים

אריענטאלישע בונטפארביקייט און ביבלישן ריטם, וואס האבן זי פלוצעם פארוואנדלט אין א ליטעראַרישן אינסטרומענט, און איר געגעבן כוח זיך קעגנצושטעלן דער קאסטילישער שפראך, איר מעכטיקע שוועסטער וואס איז, אין יענער תקופה, געווען גרייט יעדע מינוט זי איינצושלינגען און אסימילירן. עס זיינען אויך פאראן באווייזן און אנדייטן, אז אושקים ווערק האט געדינט ווי אן אינספּיראציע־קוואל פאר שפּעטערדיקע ליטעראַרישע שאפונגען און אפילו פאר דעם בארימטן פארטוגעזישן ווערק פון דער רענעסאנס־תקופה „די לוזיאדן״ פון קאמוינס.

פיל ווייטער וואלט זיך נאך געווען אויסגעשפּרייט דער ווירקונגסקרייז פון דעם מאראנס ווערק אין דער פּארטוגעזישער ליטעראַטור, ווען די קאטוילישע מאַכן זאלן עס, תיכף נאכן דערשיינען, נישט געווען פארמשפּטן צו גניזה אין די פארצערנדיקע פלאמען פון דער אינקוויזיציע.

ו

אָבער די ליטעראַטור איז געשאפן געוואָרן פאַרן מענטשן און ניט דער מענטש פאַר דער ליטעראַטור. דעריבער טאָר מען ניט, ביים אויסרעכענען די ליטעראַרישע מעלות פון בוך, פאַרגעסן זיין סאָציאַלן ווערט: מען דאַרף געדענקען אַז די מאַראַנען האָבן זיך געמוזט טוליען צו דעם דאָזיקן טרייסטנדיקן ספר, אַט אַזוי ווי עס טוליען זיך די שוואַכע קלעטערדיקע געוויקסן צו דעם ערשטן שטאַנדהאַפטיקן שטענגל וואָס זיי טרעפן אָן אין וועג.

דעם יידנס ווערק, געשריבן אין פּאָרטוגעזיש, איז געווען ווי אַ וואונדער־שפּיגל פון אַן אָריענטאַלישן בעל־נס וווּ איטלעכן ווערט געוויזן נאָר דאָס, וואָס ער האָט זיך באמת פאַרדינט: די פאַרפאָלגערס האָבן דאָרט דערזען זייער נאַקעטן פּרצוף, אויסגעטאָן פון דער צלם־אלוהים־מאַסקע, אָבער די פאַרפאָלגטע איז געוויזן געוואָרן ווי די קאַטוילישע געשפּענסטער־נעץ ווערט צערונען מחמת דער אויפגייענדיקער טרייסט פון גאולה וואָס שיינט דאָרט מיט אַלע פאַרבן פון רעגן־בויגן.

די קירך האָט דערזען אַ סכנה אין אושקים ווערק וואָס האָט נייטראַליזירט אַלע אירע אָנשטרענגונגען צו פאַרוואַנדלען די מאַראַנען אין גאַנצע קריסטן. דעריבער האָט זי עס תיכף איינגעשלאָסן אין אַלע אינדעקסן, צווישן די פאַרבאָטענע ביכער וואָס זיינען שעדלעך צום לייענען, און האָט באַשטימט שווערע שטראָפן פאַר יענע וואָס וועלן אַזאַ בוך לייענען אָדער פאַרבאַהאַלטן.

דערמיט דערקלערט זיך וואָס הגם עס זיינען אַרויס צוויי אויפלאַגעס פון דער „טרייסט צו די לידן פון ישראל״ — די ערשטע אין פעראַראַ און די צווייטע אין אַמסטערדאַם — קענען געציילט ווערן אויף די פינגער פון האַנט די פאַרבליבענע עקזעמפּלאַרן פון ביידע אויפלאַגעס וואָס זיינען באַקאַנט אין דער גאַנצער וועלט.

שוין די עלטערע קריסטלעכע ביבליאָגראַפן, ווי למשל וואָלף, פאַרצייכענען דאָס בוך ווי אַ זעלטן יקר־המציאות.

ערשט אין 1906 האָט דער פּאָרטוגעזישער געלערנטער מענדעס דאָס רעמע־דיאָס אָנגעטראָפן אויף אושקים בוך; האָט ער עס געלייענט, באַווונדערט און אַרויס־געגעבן אויף ס׳ניי. אָבער די דאָזיקע דריטע אויפלאַגע איז געמאַכט געוואָרן גיכער צוליב פאַרשערישע צוועקן, און איז אַ געטרייע קאָפּיע פון דער ערשטער פּעראַרער אויסגאַבע, אַפילו מיט די דרוקפעלערן. עס זיינען נישט מאָדערניזירט געוואָרן די שפּראַכיקע און סטיליסטישע אַרכאַיזמען, און עס זיינען נישט קאָמענטירט געוואָרן, ווי עס פּאָדערט זיך, די נייטיקע שטעלן. דעריבער איז די „טרייסט צו די ליידן פון ישראל״ פאַרבליבן אויף ווייטער אומצוטריטלעך נישט בלויז פאַר יידן, נאָר אַפילו פאַר די לייענערס פון פּאָרטוגעזיש.

ז

דאָס פייער פון דער אינקוויזיציע האָט פאַרצערט אויף אייביק פיל זעלטענע העברעישע מאַנוסקריפּטן און ספרים. דער זעלבער גורל איז אויך באַשטימט געווען פאַר אושקים בוך. אָבער פרומע און מוטיקע לייט, מסתמא, האָבן פאַרבאָרגן עטלעכע עקזעמפּלאַרן צו וועלכע די צענזאָרן פון דער אינקוויזיציע האָבן, ווי אַ מאָל זייערע ברידער פון סדום, די טיר נישט געפונען.

און אַז אַ פאָרשער פלעגט זיך דערשלאָגן אין דער ביבליאָטעק פון פּאַריז, האַמ־בורג אָדער ליסאַבאָן, צו איינער אַזאַ האַלבוועשקע וואָס איז געראַטעוועט געוואָרן פון פייער, פלעגט ער בלייבן דערשטוינט פון דעם הערלעכן סטיל און פון די נייע היסטאָרישע פּרטים וואָס ווערן דאָרט אַנטפּלעקט. דעריבער זיינען באַקאַנט הבטחות און פרוון איבערצוזעצן דאָס גאַנצע בוך, אָדער כאָטש פראַגמענטן אין פראַנ־צייזיש, ענגליש, דייטש און העברעיש. אמת, כמעט אַלע פרוון זיינען נישט געלונ־גען און נישט אַלע הבטחות זיינען מקוים געוואָרן, ווייל די אַלט־פּאָרטוגעזישע שפּראַך שטייט ווי אַ מויער פאַר דעם דאָזיקן וווּנדערלעכן ווייגגאָרטן. אָבער אין יידיש האָט מען דאָס אויך נישט געטאָן, און דער גערודפטער מחבר האָט נאָך ביז היינט נישט געפונען זיין תיקון אין דער שפּראַך אויף וועלכער עס רעדן דאָס רוב פון זיינע ברידער. מען האָט נישט געפּרוווט וואַרפן קיין שיין אויף זיין טונקעלער געשטאַלט, אָדער מאַכן הערן זיין שטים צווישן אַ מנין יידן. אַפילו די מחברים פון דער „אַל־געמיינער ענציקלאָפּעדיע״ האָבן אים געלאָזט שטיין אין אַ זייט, כאָטש זיין רייד האָט שוין לאַנג דערגרייכט.

עס איז דעריבער די רעכטע צייט, אַז אַלע זאָלן זיך דערמאָנען אין דעם איינ־זאַמען כראָניקער און דיכטער וואָס איז געזעסן און באַוויינט אונדזער דורותדיקן פּיין — ביי די טייכן פון פּאָרטוגאַל.

שמואל אושקי, זיין תקופה און זיין „טרייסט צו די ליידן פון ישראל"

דער מוטיקער קעמל־טרייבער

ווייל צו יענע וועמען ס'איז באַשערט צו שרייבן די ביאָגראַפיע פון צעזאַר אָדער נאַפּאָלעאָן; די כראָניקעס פון אַלע צייטן וועלן זיי אַנטקעגנקומען מיט ליכטיקע פּנימער און פּור־לע זשמעניעס. אָבער איך בין צופרידן מיט מיין חלק צו שרייבן די ביאָגראַפיע פון שמואל אושקי, כאָטש איך ווייס אַז אין וועלכער טיר איך זאָל נישט אָנקלאַפּן צו פרעגן אויף אים, וועט מען מיר ענטפערן: מיר קענען נישט דעם מאַן.

אינעם פּנקס פון דורות איז נישט פאַרצייכנט דער טאָג פון אושקים געבוירן אָדער שטאַרבן, און נישט קיין שום אַנדערער פּרט וועגן דעם דאָזיקן פאַרפאָלגטן מחבר. ווילדע מאָנאַכן האָבן דאָרט אויסגעמעקט זיין נאָמען. אויף די עפנטלעכע פּלעצער פון ליסאַבאָן האָט מען אים קיין דענקמאָל נישט געשטעלט; און אַ מאָלער, אַ בן־דור, האָט זיין בילד נישט געצייכנט, אַז די מייסטערס פון חכמת־הפּרצוף זאָלן עפּעס קענען אַראָפּלייענען.

אָבער אַ ליטעראַרישן סילועט האָט דער האַרטנעקיקער מאַן געלאָזט נאָך זיך — אַ בוך אויף וועלכן די אינקוויזיציע האָט קיין גאַנצע שליטה נישט געהאַט. ווילסטו אושקין קענען, דאַרפסטו צו זיין בוך גיין. אין מלכות פון שורות באַקומט דער אומבאַקאַנטער זיין תיקון.

און ווען דו פּליסט מיט גיריקע אויגן איבער די בלעטלעך, באַווייזט זיך דיר פּלוצעם דער מחבר אין מיטן אַ טונקעלן געווימל פון שווידער־געשטאַלטן, ווי מיט אַן אַנגעצונדן ליכט אין האַנט, און גיט דיר אַ ווייטן רמז אַז אויך זיין לעבן איז אין געפאַר, וואָרעם מחמת די אומענדלעכע רדיפות ווערט געשטעלט אין סכנה אויך דאָס לעבן פון די לעצטע יידן וואָס בלייבן נאָר אויף אָנצושרייבן די טרויעריקע כראָניק. „און ווען די רדיפות זאָלן דויערן אַ לאַנגע צייט, ווייס איך נישט, ברידער, צי עס וואָלט געבליבן אַפילו איין ייד וואָס זאָל אויף אַן אייראָפּעישער שפּראַך קע־נען איבערגעבן די דאָזיקע בשורות".

אָבער אושקי איז, אין זיין ספר, ווי אַ פּאַראָל־צייכן וואָס שיינט אויף אַ רגע, און פאַרשמעלצט זיך באַלד מיטן חושך פון דער נאַכט. אָט לעשן זיך די קאָנטורן וואָס טיילן איב אוים, ווי אַ יחיד, אין צייט און אין רוים, און זיין געשטאַלט ווערט שטאַפּלווייז אידענטיפיצירט מיטן קאָלעקטיוון גוף פון דער אומה וואָס ער פאַר־שרייבט די טראַגעדיע פון אירע דורות.

און די געשריבענע שורות ציען זיך אומענדלעך, ווי טונקעלע קעמל־קאַראַוואַנען

באַלאַדן מיט יידישן פּיין; אָבער הינטער זיי, מיט פולע קערב נחמות, וואָס שיינען ווי דאָס גאָלד פון אופיר, באַווייזט זיך אָפּט אויף ס'ניי דער מוטיקער קעמפל-טרייבער...

טייכן שפּאַלטן זיך

אין דער הקדמה צו זיין ספר זאָגט אושקי, דרך־אגב, אַז פּאָרטוגעזיש איז „די שפּראַך וואָס ער האָט מיט דער מוטערמילך איינגעזויגן" און אַז זיינע אבות קומען פון קאַסטיליע. דערפון איז צו דרינגען אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין פּאָרטוגאַל און אַז זיין פאַמיליע־נאָמען זאָל שטאַמען פון דער שפּאַנישער שטאָט Huesca אָדער, ווי מע פלעגט זי אַמאָל רופן Osca (אין העברעיש: אושקה).

געבוירן לערך אין די לעצטע יאָרן פון פופצנטן יאָרהונדערט אָדער אין די ערשטע פונעם זעכצנטן, און אויפגעצויגן אין פּאָרטוגאַל, איז ער פון דאָרטן אַנטלאָפן קיין פערארא, מסתמא אַ צייט נאָך דעם ווי דער אינקוויזיציע־טריבונאַל האָט אָנגעהויבן, אין 1531, זיין ווילדע רציחה אין פּאָרטוגאַל.

ביים אַנטלויפן האָט אים געמוזט קומען צו הילף די רייכע פרוי גראַסיאַ מענדעס, וועמען אושקי האָט געהייליקט זיין בוך. די דאָזיקע צדיקת איז דערמאָנט אין אַלטע יידישע ספרים ווי די באַרעמהאַרציקע מוטער פון אַלע געפאַנגענע מאַראַנען. איר גאַנץ פאַרמעגן האָט זי אויסגעגעבן כדי זיי צו באַפרייען פון די קאַטוילישע תפיסות.

אין דער גמרא ווערט דערציילט אַז טייכן האָבן זיך געשפּאַלטן פאַר די שליחים וואָס פלעגן זיך לאָזן אין וועג אַריין כדי אויסצולייזן געפאַנגענע. אויך פאַר גראַסיאַ מענדעס האָט זיך נישט איין טייך געמוזט שפּאַלטן איידער זי האָט זוכה געווען מקיים צו זיין די מצווה פון פדיון־שבויים. זי אַליין האָט געשטאַמט פון אַ רייכער אנוסים־משפחה וואָס האָט געלעבט אין ליסאַבאָן. נאָכן טויט פון איר מאַן פראַנסיסקאָ מענדעס נשיא איז זי, מחמת שרעק פאַר דער אינקוויזיציע וואָס האָט אָנגעהויבן ווילדעווען אין פּאָרטוגאַל, אַוועק קיין אַנטווערפּן צוזאַמען מיט איר טאָכטער ריינאַ און איר פּלימעניק יאָהאַן מיקעז. אויך אין אַנטווערפּן האָט די אַריסטאָקראַטישע מאַראַנען־פאַמיליע קיין רו נישט געפונען און זיי זיינען ווייטער אַנטלאָפן קיין ווענעציע און דערנאָך קיין פערארא. אין דער דאָזיקער שטאָט האָבן זיי זיך אַלע אומגעקערט עפנטלעך צום יידישן גלויבן. גראַסיאַ מענדעס איז געוואָרן חנא נשיא, און יאָהאַן מיקעז וואָס האָט חתונה געהאַט מיט זיין שוועסטער־קינד ריינאַ, איז באַקאַנט אונטער דעם יידישן נאָמען יוסף נשיא.

לסוף האָט זיך די רייכע אָבער פאַרפאָלגטע משפחה באַזעצט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און פון דאָרטן האָט חנה נשיא אויסגעשפּרייט אירע פליגל צו שיצן די אנוסים פון אַלע מקומות. אין דער פילאַנטראָפּישער און פּאָליטישער אַרבעט לטובת

די מאַראַנען האָט איר פיל געהאָלפן איר פּלימעניק און איידעם יוסף נשיא, וועל־בער איז געוואָרן אַ גרויסער חשוב ביים טערקישן סולטאַן.

יוסף נשיא איז געווען אַן איינפלוסרייכער דיפּלאָמאַט, וואָס האָט געשפּילט אַ גאָר וויכטיקע ראָל אין דער טערקישער אויסערן־פּאָליטיק פון זעכצנטן יאָרהונ־דערט און ער פלעגט אָפט אויסנוצן זיין הויכע פּאָזיציע כדי זיך משתדל צו זיין לטובת זיינע ברידער אין אַנדערע לענדער. ער האָט אפילו געפּרוווט שאַפן פאַר די נעיאָגטע יידן אַן אויטאָנאָמען צענטער אין דער שטאָט טבריה און אירע אַרומיקע דערפער, וואָס ער האָט באַקומען ווי אַ געשאַנק פון דעם סולטאַן, און האָט אַרויס־געלאָזט אַ קול־קורא צו די יידן אַז זיי זאָלן קומען זיך באַזעצן אין דער יידישער געגנט. אָבער די ערשטע קאָלאָניסטן זיינען נישט־פריינדלעך אויפגענומען געוואָרן פון די אַרומיקע אַראַבער וועלכע האָבן מורא געהאַט אַז די נייע קאָלאָניזאַציע וועט גורם זיין דעם אונטערגאַנג פון מוסולמאַנישן דת, און דער פּלאַן פון דעם יידישן פירשט איז צעשטערט געוואָרן.

די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער פאַרלאָזט די פּאָליטישע טעטיקייט און זיך אָפּגעגעבן דער פילאַנטראָפּישער און קולטורעלער אַרבעט. עס זיינען צו אונדז דערגאַנגען אָפּשריפטן פון פיל יידישע ספרים וואָס מען האָט געמאַכט אין זיין הויז. אים אַליין שרייבט מען צו דאָס ספר „בן פורת יוסף“. נאָך זיין טויט (1579) האָט די אַלמנה ריינאַ, חנהס טאָכטער, נאָך ממשיך געווען די אַרבעט און געעפנט אַ דרוקעריי פאַר יידישע ספרים.

דאָס איז די געשיכטע פון דער פרוי חנה נשיא, וואָס פלעגט שטיצן מיט אַ ברייטער האַנט יידישע תלמידי־חכמים און האָט אין יענער מוראדיקער צייט גע־שפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָל ביים אויסלייזן די געפאַנגענע פון דער אינקוויזיציע. און דער תלמיד־חכם שמואל אושקי האָט, ווי ער אַליין שרייבט אין דער הקדמה, באַקו־מען „פיל חסדים פון איר אָפענער האַנט“. אויך אין אַנדערע שטעלן פון בוך דריקט אושקי אויס, אין שיינע מליצה־רייד, זיין באַוווּנדערונג פאַר דער וואָס האָט אים געהאָלפן זיך ראַטעווען פון שייטער־הויפן:

„זי איז דיר געווען אַ קראַפט אין די טעג פון דיין שוואַכקייט, אַן אָנשפּאַר ווו עס האָבן זיך אָנגעלענט די פאַלנדיקע, אַ קוואַל לויטער וואַסער ווו עס האָבן גע־טרינקען די דאָרשטיקע, אַ בוים פול מיט פרוכטן און שאָטן ווו עס האָבן געגעסן די הונגעריקע, און עס האָבן אַ שוץ געפונען די פאַרלאָזענע. און אויף אירע ברייט־אויסגעשפּרייטע אָדלער־פליגל האָבן זיך געראַטעוועט אַ גרויסער טייל פון דיינע קינדער, וואָס אַנטלויפן מחמת דער אכזריות פון די פּאָרטוגעזער.“

פון גראַסיאַס חסדים זיינען געהאָלפן געוואָרן אויך אַנדערע מיטגלידער פון דער משפּחה אושקי, וואָס מע ווייסט נישט אויף זיכער דעם גראַד קרובישאַפט וואָס האָט זיי פאַרבונדן מיט שמואלן: אברהם, וואָס זיין נאָמען ווי אַ מאַראַן איז געווען דואַרטע פּיניעל (Duarte Pinhel) און שלמה, אויך אַ שרייבער. פון שלמה אושקי

ווייסט מען ביז היינט אז ער האָט ווי אַ מאַראַן געהייסן דואַרטע גאָמעס (Duarte Gómez). און אַז ער האָט איבערגעזעצט פּעטראַרקאַס סאָנעטן פֿון איטאַליעניש אויף שפּאַניש, חוץ אַנדערע ליטעראַרישע אַרבעטן זיינע, וואָס זיינען צו אונדז דערגאַנגען. ער איז אויך געווען, ווי אַ סוחר, אַ שותף אָדער נאָמען פֿון גראַסיאַ נשיא אין אירע מסחרים.

דער יידנפריינד־לעכער דוכס

ווען שמואל אושקי איז אָנגעקומען קיין פעראַראַ, מסתמא צוזאַמען מיט זיינע קרובים, האָבן זיי דאָרטן געפֿונען שוץ ביי דעם הערצאָגלעכן הויף פֿון דעם אויפֿגעקלערטן און טאַלענטירטן פירשט ערקאָלע דער צווייטער, פֿון דער משפחה עסטע (Ercole II D'Este).

ווי אַ צייכן פֿון טיפֿער דאַנקבאַרקייט צו דער יידישער צדיקת און צו דעם קריסטלעכן דוכס, האָט אברהם, אַ געלערנטער מאַן פֿון דער משפחה אושקי, וואָס האָט געעפֿנט אַ גרויסע דרוקעריי אין פעראַראַ און וועלכער האָט ווייזט אויס אויך באַקומען הילף פֿון דער פאַמיליע נשיא, געהייליקט אַ טייל עקזעמפּלאַרן פֿון זיין באַרימטער „פעראַראַ־ביבל" אין שפּאַניש, דער פרוי חנה נשיא, און דעם אַנדערן טייל פֿון דער זעלבער אויפֿלאַגע דעם דוכס ערקאָלע ד'עסטע. אויך אויף אַנדערע ספרים, וואָס זיינען אַרויס פֿון זיין דרוקעריי, פּלעגט אברהם זיך נוהג זיין צו דער־מאָנען דעם נאָמען פֿון יידנפריינדלעכן פירשט.

די חסדים פֿון ערקאָלע II ד'עסטע זיינען אויך באַזונגען אין שמואלס בוך. דער פּאָרטוגעזישער מאַראַן איז באַצויבערט געוואָרן פֿון דער נייער סביבה ווו ער האָט זיך געקענט אומקערן צו דער אמונה פֿון זיינע עלטערן, און ער האָט געזונגען אַן אָדע צו דעם „איטאַליענישן פירשט וואָס זיין נעסט געפֿינט זיך אויף די ברעגן פֿון דעם שיינעם און גרויסן טייך פּאָ" (פעראַראַ געפֿינט זיך אויפֿן ברעג פֿון טייך פּאָ):

„זינט דעם טאָג וואָס דיינע אומגליקן און וואַנדערונגען האָבן זיך אָנגעהויבן, איז דען אויפֿגעשטאַנען נאָך איינער אַ פרעמדער, נישט פֿון דיין אמונה, וואָס זאָל דיר אַזוי נוטה־חסד זיין אין דיין געפֿאַלנקייט; וואָס זאָל מיט אַזוי פיל ליבע איינ־זאַמלען דיין שארית הפליטה? איבער די שטעט פֿון שפּאַניע וואַנדערסטו אַרום דערשראָקן און טרויעריק, אָבער אין זיין שטאָט קומסטו מיט פרייד און אָן מורא. אין זיין רויקן און גליקלעכן האַוון רוסטו אָפּ דיין געמיט וואָס איז דערשיטערט און אומרויק מחמת די געפּיינלעכע איבערלעבונגען אין פלאַנדריע און אין פראַנקרייך. מע פאַנגט דיך און מע פּייניקט דיך אין דייטשלאַנד און אין מילאַן, אָבער דאָ לאָזט מען דיך געניסן אומגעשטערט פֿון דער געגאַרטער פרייהייט, און אַלע צרות וואָס שטייסט אויס מחמת דעם גירוש־פּאָרטוגאַל ווערן דאָ געלינדערט. דאָ נעמסטו אַראָפּ די פרעמדע קליידער, און באַדעקסט דיין נשמה מיט אַן אמתן, אייגענעם לבוש."

„....אויך אויף אַנדערע ספרים וואָס זיינען אַרויס פון זיין דרוקעריי פלעגט אברהם זיך נוהג זיין צו דערמאָנען דעם נאָמען פון יידנפריינדלעכן פירשט"...

דאָס לעצטע זייטל פון חסדאי קרשקשעס א ו ר ה', געדרוקט אין יאָר 1555, ביי אברהם אבן אושקי, אין פעראַראַ. „אונטער דער הערשאַפט פון דעם דוכוס דון

ערקאָלע II ד'עסטע

דער יידנפריינדלעכער דוכס פון פעראַראַ, וועמען אברהם אוש־קי האָט געהייליקט אַ טייל עקזעמפּלאַרן פון זיין באַקאַנטער „פעראַראַ־ביבל", אין שפּאַניש, און וועלכער ווערט באַזונגען ווי אַ טאָלעראַנטער פירשט אין דער „טרייסט צו די ליידן

די בענקעניש נאָך גאולה

דער מילדער פירשט האָט נישט אייביק געהאַט די דעה. די שפּאַניש־קאַטוילישע רעאַקציע האָט דערגרייכט קיין איטאַליע ווו די יידישע לאַגע איז אין דער צווייטער העלפט פון זעכצנטן יאָרהונדערט פאַרערגערט געוואָרן: גזירות, גירושים און שריפות אויף יידישע ספרים. אושקי האָט דאַן ווידער גענומען אין האַנט דעם וואַנדער־שטעקן, פאַרלאָזט איטאַליע און אַוועק זוכן אַ נייעם מקלט. עס איז מיגלעך אַז ער זאָל האָבן אָנגעקומען אין טערקיי, די איינציקע מדינה וואָס האָט דאַן ברייט געעפנט אירע טויערן פאַר יידישע וואַנדערערס. די נצחונות פון דער טערקישער גרויסמאַכט, וואָס איז דאַן אויפגעקומען אין אייראָפּע, האָבן געשראָקן די קריסטלעכע וועלט, אָבער אָנגעצונדן האָפענונג אין יידישע הערצער. אושקי זינגט אין זיין בוך אויך צו טערקיי, וואָס האָט דערלויבט אַלע אַריינגעקומענע יידן זיך אומקערן עפנטלעך צו זייער אמונה. פיל מאַראַנען זיינען יעמאָלט אַריינגעקומען אין דער אָטאָמאַנישער מלוכה, און אושקי מסתמא צווישן זיי.

אָבער פון טערקיי ביז ארץ ישראל איז בלויז איין שפּאַן, ווייל דאָס לאַנד פון די אבות האָט זיך דאַן געפונען אונטער דער טערקישער הערשאַפט. אושקי זאָגט עדות אין זיין בוך אַז גרויסע עמיגראַציע־שטראָמען האָבן זיך אין יענער תקופה געצויגן קיין פּאַלעסטינע. ווי אין יעדער עפּאָכע פון רדיפות, האָבן אויך יעמאָלט אויפגעשפּראָצט אין דער יידישער וואַנדערער־מחנה הייסע גאולה־בענקענישן. אין דער פאַרוואָרפענער גליל־שטאָט צפת זיינען געבילדעט געוואָרן מקובלים־קרייזן, וואָס האָבן מיט אַסקעטישע סיגופים און מיסטישע תפילות געפּרוווט דערנענטערן דעם קץ־הפּלאות. און עס איז פאַראַן אַ רמז אַז אושקי האָט זיך באַהעפט צו די דאָזיקע קרייזן.

עס האָבן זיך דאַן געטראָגן אין דער לופט פאַנטאַסטישע קלאַנגען אַז משיחס צייטן זיינען ביי דער טיר און אַז מעכטיקע אַרמייען פון קריגערישע יידישע שבטים, וואָס האָבן זיך אַרויסגעלאָזט ערגעץ פון הינטער די הרי־חושך אָדער פון פאַרוואָרפענע אַראַבישע מדינות, מאַרשירן אויף ארץ ישראל. דאָס זיינען געווען שפּורן וואָס עס האָבן געלאָזט נאָך זיך דער געהיימניספולער דוד הראובני און דער מאַראַן שלמה מולכו. די דיפּלאָמאַטישע טעטיקייט פון דעם הערצאָג יוסף נשיא האָט מסתמא צוגעגעבן די דאָזיקע פאַנטאַזיעס אַ ניואַנס פון רעאַליטעט.

עקזאַלטירטע מקובלים פון צפת פלעגן אַזעלכע ידיעות צעשפּרייטן דורך בריוו, וואָס זיי האָבן צעשיקט בכל תפוצות הגולה. און אין פאַרבינדונג מיט איינעם אַזאַ כתב איז אויך דערמאַנט דער נאָמען פון שמואל אושקי.

דאָס עדות-זאָגן פון ר׳ יצחק עקריש

ווייזט אויס אַז אויך דער פּאָרטוגעזיש־יידישער כראָניקער און פּאָעט איז באַהערשט געוואָרן פון דער זיסער נשמה-שיכרות, וואָס אין אירע אָרעמס האָבן זיך דאַן געוואָרפן אַ גרויסע צאָל אַנוסים און מיסטיקערס, און אויך ער האָט אַגיטירט פאַר דער באַפעלקערונג פון צפת וועגן ביאת־המשיח. אויף דעם, יעדן פאַלס, זאָגט עדות דער גולה-ספרד ר׳ יצחק עקריש, אַ רייזנדער וואָס פלעגט זאַמלען היסטאָרישע דאָקומענטן און זיי פאַרעפנטלעכן.

אין זיין ספר „קול מבשר" (געדרוקט אין יאָר של"ז, 1577), וואָס אַנטהאַלט דעם בריוואויסבייט צווישן דעם יידישן מיניסטער חסדאי אבן שאפרוט און דעם מלך פון די כוזרים, דערמאָנט ער די קלאַנגען וואָס טראָגן זיך אַרום וועגן דער ווי־דעראויפריכטונג פון אַ יידישער מלוכה. ער קריטיקירט די דאָזיקע פאַנטאַסטישע מעשיות וואָרעם זיי זיינען נישט מער ווי „המצאות אויף צו שטאַרקן שטרויכלדיקע קני". דאַן גיט ער איבער אַז מיט יאָרן צוריק האָט ער אַליין געזען אַ „כתב", וואָס עס האָט געשיקט פון צפת יהודה אנגילו, און אין וועלכן עס ווערט געשריבן אַז די שבטים זיינען שוין ביי די טויערן פון צפת. זייער צאָל איז זיבעציק מאָל גרעסער ווי די צאָל פון די יוצאי-מצרים.

אנגילו, וואָס איז לויט יצחק עקריש געווען „נישט קיין אנגילו (מלאך — א. ל.) נאָר אַ שטן אַ מלאך-המוות", האָט אַפילו באַשריבן גענוי די פאָנען פון די שבטים און דעם נאָמען פון זייער מלך. און נאָך אים — דערציילט ווייטער דער ברוגזער עקריש — זיינען אויפגעשטאַנען אין צפת צוויי רשעים. איינער פון זיי האָט געהייסן שמואל אושקי און דער צווייטער שמואל צרפי. און אויך זיי זיינען, ווי אנגילו, געווען „ליצני-הדור" און יעדער איינער פון זיי פלעגט דערציילן אַז ער האָט אַליין גערעדט מיט אַראַבישע רייזנדערס, וואָס זיינען געקומען פון דעם שבטים-לאַנד, און דאָס פאָלק פון צפת האָט געגלייבט אין זיי.

ווייטער זאָגט נאָך דער זאַמלער פון „קול מבשר", אַז שמואל צרפי איז געווען נאָך אַ גרעסערער רשע פון זיין חבר. עס ווערט, הייסט עס, געמילדערט דער עפּימעט „רשע" מיט וועלכן שמואל אושקי איז באַצייכנט געוואָרן. ר׳ יצחק עקריש איז געווען אַ זאַמלער פון דאָקומענטן און נישט קיין שרייבער, דערפאַר איז זיין סטיל נישט עקזאַקט און מ׳קען אים לייכט מוחל זיין ווען ער באַנוצט די ווערטער „שטן", „רשע" און „מלאך-המוות" אויף צו באַצייכענען עקזאַלטירטע מיסטיקערס, וואָס ווילן דוחק זיין דעם קץ.

דאָס עדות־זאָגן פון ר׳ יצחק עקריש איז די לעצטע ידיעה, וואָס איז פאַראַן וועגן שמואל אושקי, אויב מ׳זאָל אָננעמען אַז דער מיסטיקער פון צפת וועלכן ער דערמאָנט זאָל טאַקע באמת זיין דער מחבר פון „אַ טרייסט צו די ליידן פון

ישׂראל".*) מער ווייסט מען גאָרנישט וועגן דעם מערקווערדיקן מאַן. זיין לעבן און זיין טויט זיינען געבליבן אַ רעטעניש פאַר דער געשיכטע.

אַ משל וואָס זוכט זיין נמשל

און נאָך אַ וויכטיקע רעטעניש וועגן וועלכער קיינער האָט נישט געטראַכט: זאָל שמואל אושקי האָבן געשריבן נאָר דאָס איינע בוך וואָס איז צו אונדז דערגאַנגען? די ליטעראַרישע שלימות פון זיין באַקאַנט ווערק זאָגט עדות, אַז ער איז נישט געווען פון די שרייבערס וואָס אין עמאָציאָנעל-רייכע אומשטאַנדן אימפּראָוויזירן זיי, נאָר אַ רייפער און געניטער אויטאָר. איך וועל פּרוון, בדרך השערה, געבן אויף דעם אַ באַשייד.

אין 1554, צוויי יאָר נאָכן דערשיינען פון אושקים בוך, איז אין דער זעלבער שטאָט און אין דער זעלבער דרוקעריי אַרויסגעגעבן געוואָרן נאָך איין פּאָרטוגעזיש בוך, וואָס איז באַקאַנט אונטער די טיטלען „די יונגפרוי" (Menina e Moça) אָדער, אין אַ צווייטער אויפלאַגע, „בענקשאַפט" (Saudades).

אַ יונגפרוי וואָס איז קינדווייז דערווייטערט געוואָרן פון איר היים, האָט זיך פאַרקליבן אין אַ פאַרוואָרפן אָרט, צופוסנס אַ הויכן באַרג, און באַקלאָגט דאָרט איר ביטערן גורל. אירע ווערטער זיינען מיסטעריעזע, דורכגעוועבט מיט נעפּלדיקע, אומפאַרשטענדלעכע רמזים. פּלוצעם דערשיינט פאַר איר פון צווישן די געדיכטע ביימער אַן עלטערע פרוי, געקליידט אין שוואַרץ. עס גייט איבער די ערשטע רגע פון שטוינונג מחמת דער אויסטערלישער באַגעגעניש אין דעם פאַרוואָרפענעם אָרט, און ביידע פרויען הייבן אָן פירן אַ שמועס. די עלטערע פרוי טרייסט דאָס מיידל, דערציילנדיק טרויעריקע געשיכטעס, כדי צו לינדערן איר ווייטיק, וואָרעם „דאָס איז געגליכן צו עמעצן וואָס איז קראַנק פון אַ געוויסן גיפט און היילט זיך מיט אַ צווייטן גיפט".

און די טרויעריקע געשיכטעס זיינען אַן אומפאַרשטענדלעכער פּלאָנטער וועגן אַ ריטער, וואָס דער צופאַל האָט אויף אים איבער גוואַלד אַרייפגעצוווּנגען ליבע צו אַ געוויסער דאַמע, כאָטש זיין האַרץ איז אין דער אמתן געווען געניגט צו אַן אַנדערער. און ווען ער באַשליסט צו פאַרלאָזן די דאַמע, וואָס נישט די ליבע נאָר דער חוב האָט אים צו איר געבונדן, באַגעגנט ער אויפן וועג האַלב-פאַרברענטע וואַלדמענטשן, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון פייער. ער ווערט זייער געצירדט פון דעם בילד, וואָרעם „ער איז אויך דער וואָס איז אַהין געקומען כדי צו ברענען". דערנאָך גייט ער אַוועק פון דעם מיסטעריעזן אָרט און טרעפט ווייטער פאַסטעכער, וואָס באַקלאָגן זיך אויף די וועלף מחמת זיי פאַרצוקן די שאָף.

---

*) זע באַמערקונג 8 צום קאַפּיטל 32 פון דריטן דיאַלאָג.


MENINA E MOÇA
fe ta por Bernaldim ribeiro.

Menina e moça me leuarã de casa
de minha may para muyto longe,
q̃ causa fosse entã daquella minha
leuada, era aynda piquena nã asou
be. agora nã lhe ponho outra se nã q̃ pare-
ce q̃ jaa entã auia de ser o q̃ depois foy.
Uiui alli tanto tempo quãto foy necessario
para nam poder viuer em outra parte. muy
to contente fuy eu aquela terra mas cuyta-
da de mi que em breue espacio se mudou tu
do aquilo que em longuo tempo se buscou e
para longo tempo se buscaua. Grande desa
uentura foy a que me fez ser triste ou per auẽ
tura a que me fez ser leda. Depoys que eu
vy tantas cousas trocadas por outras, e
o prazer feyto magoa mayor, a tanta triste-
za cheguey que mays me pesaua do bem q̃
tiue que do mal q̃ tinha. Escolhi para meu
cõtẽtamẽto (se em tristezas e cuydados ay
algum) virme viuer a este monte onde o lu-
guar e amingoa da conuersaçam da gente
fosse como ja pera meu cuydado cumpria.
porque grande erro fora depois de tantos
nojos quãtos eu com estes meus olhos vy
auenturarme ainda a esperar do mundo o
descanso que elle nam deu a ninguem. Estã
A ii

אפדרוק פון דעם ערשטן טעקסטזייטל פון דעם אויסטערלישן בוך
Menina e Moça געדרוקט אין פעראַרא, ביי אברהם אבן אושקי
אין יאר 1554, און וואָס די אינקוויזיציע־צענזור האָט עס פאַרבאָטן.

דער פאַרפּלאָנטערטער סיפּור־המעשה און די מאָדנע אַנאַגראַמען מיט וועלכע עס ווערן באַצייכנט די העלדן, זאָגן עדות אַז דער מחבר האָט זיך פיל געראַנגלט מיטן ליטעראַרישן חומר כדי אים צו פורעמען לויט פאַרפּלאָנטערטע רעאַלע סי־טואַציעס. עס איז נישט קיין ריינע פיקציע נאָר טונקעלער סימבאָליזם. דער ריח פון משל גייט אויף פון יעדער שורה. וואָס זשע איז דער נמשל?

סימנים וואָס דערציילן אַ סך

גאַנצע טעאָריעס זיינען שוין אויפגעשטעלט געוואָרן אין דער פּאָרטוגעזישער ליטעראַטור־געשיכטע וועגן דעם מיסטעריעזן אויטאָר, וואָס הייסט בערנאַרדים ריביירע און וועגן דעם סימבאָליזם פון זיין ווערק. עס זאָל זיך בלומרשט האַנדלען וועגן אַ פּאָרטוגעזישן הויפמאַן, וועלכער האָט זיך פאַרוויקלט אין די ליבעס פון קיניגלעכן הויף. אָבער די מאָדערנע ליטעראַטור־קריטיק האָט אַלץ אומגעוואָרפן און געהייסן באַטראַכטן די פּראָבלעם אויף ס'ניי. די ביאָגראַפיעס וואָס געניטע ליטעראַטור־פאָרשערס האָבן אויפגעשטעלט וועגן בערנאַרדים ריביירע ווערן שוין היינט באַטראַכט ווי שיינע נאָוועלעס... און מען האָט אָנגעהויבן מאַכן נייע פּרוּוון.

צווישן די לעצטע פּרוּוון איז מערקווערדיק די אַרבעט פון אַ פּראָפעסאָר אין אוניווערסיטעט פון פּאָרטאָ, זשאָזע טיישיירא רעגאָ, וועלכער האָט אין 1931 פאַר־עפנטלעכט אַ קורצע אַרבעט, דערקלערנדיק אַז בערנאַרדים ריביירע איז געווען אַ ייד און אַז דער אינהאַלט פון זיין בוך איז אַ משל אויף די צרות, וואָס יידן זיינען אויסגעשטאַנען אין פּאָרטוגאַל. דער מיסטעריעזער בוך זאָל זיין אַ פאַרשטעלטער אָנגריף קעגן דער קירכע וואָס ווערט דאָרטן סימבאָליזירט דורך דער דאַמע צו וועל־כער דער ריטער איז געווען געבונדן מחמת חוב. אגב איז כדאַי צו דערמאָנען אַז דער נאָמען פון דער דאָזיקער דאַמע איז אַקעליסיאַ (Aquelisia) און דאָס קען זיין אַן אַנאַגראַם פון אעקלעסיאַ, ד"ה: די קירך (אין לאַטיין הייסט די קירך Ecclesia, און a איז אין פּאָרטוגעזיש דער באַשטימטער אַרטיקל „די"). נאָך מער צו שטוינען איז וואָס אין אַ שפּעטערדיקער אויסגאַבע פון בוך איז דער נאָ־מען פון דער זעלבער דאַמע קרועלסיאַ (Cruelsia), ד"ה: די גרויזאַמע.

דער פּאָרטוגעזישער ליטעראַטור־פאָרשער שטיצט זיין השערה אויף די וויי־טערדיקע סימנים:

א) די ערשטע אויסגאַבע פון Menina e Moça איז אַרויס אין דער דרו־קעריי פון דעם יידן אברהם אושקי;

ב) דאָס פעלן, אין ריביירעס ווערק, פון דער קריסטלעכער ריטועלער טער־מינאָלאָגיע בכלל, און אַפילו ביים שילדערן סיטואַציעס, וואָס פאָדערן עס;

ג) דער פאַרבאָט פון דער אינקוויזיציע־צענזור אויף דעם ווערק. עס איז פאַרשריבן אין דעם אינדעקס צווישן די שעדלעכע ביכער;

ד) די רייד פון א פאסטעך, א העלד פון בוך, וואס באקלאגט זיך אויף די וועלף, וועלכע פארצוקן די שעפעלעך, אין א סטיל וואס יידישע מחברים זיינען זיך נוהג צו באנוצן ווען זיי פארמישפטן די רדיפות פון קריסטן קעגן יידן (למשל: אושקי);

ה) דער עפיזאד וועגן דעם ריטער וואס האט פארלאזט אקעליסיאן, און האט אויפן וועג באגעגנט א וואלדמענטש א געראטעוועטן פון פייער, דארף אויסגעטייטשט ווערן ווי א סימבאל פון דעם גורל, וואס שטייט פאר מאראנען ווען זיי קערן זיך אום צום יידישן דת.

צוויי טיילן פון אן איבערגעשניטענעם עפל

ווער זשע זאל זיין דער ייד פון יענער צייט, וואס מ'זאל אים קענען אידענטיפיצירן מיט בערנארדים ריביירא? לויט יצחק דא קאסטא זאל שמואל אושקי האבן געהייסן אין ליסאבאן מאנועל גאמעס. אויף דעם סמך פרוווט טיישיירא רעגא פעסטשטעלן די אנאגראם-פרינציפן לויט וועלכע דער נאמען שמואל אושקי איז געביטן געווארן אויף מאנועל גאמעס. דערנאך דרינגט ער אז באנוצנדיק די זעלבע תמורה-אפעראציע, פון אומשטעלן די אותיות, איז בערנארדים ריביירא גלייך צו יהודה אברבנאל, (לעא העברעא), דער זון פון יצחק אברבנאל און מחבר פון די בארימטע „וויכוחים וועגן ליבע".

א רירנדיקער צופאל און א שיינער איינפאל! יהודה אברבנאל איז א טראגישע געשטאלט פון דער מאראנען-תקופה. ער איז אנטלאפן פון פארטוגאל, ווו זיין קליינער זון איז פארהאלטן געווארן פאר א משכון און איז שפעטער, אויפן באפעל פון דעם פאנאטישן מלך דאן מאנועל, אפגעשמדט געווארן איבער גוואלד פון די פארטוגעזישע מאנאכן. עס איז באקאנט א העברעישע קינה אין וועלכער יהודה, דער טרייסטלאזער טאטע, באקלאגט אין רירנדיקע פערזן דעם פארלוירענעם זון.

דער צופאל און דער איינפאל וואס שרייבן צו יהודה אברבנאלן א מעלאנכאליש ספר וועגן א קינד וואס איז דערווייטערט געווארן פון דער היים און איז אויפגעוואקסן אין א פרעמד ארט, זיינען באמת רירנדיק. אבער כדי אזא קוריאזע השערה זאל געפינען חן אין די אויגן פון דער היסטארישער ווירקלעכקייט, דארפן נאך פיל ספקות פארענטפערט ווערן. דער יסוד, וואס שטיצט זיך אויף אן אנאגראמאטישן צונויפטרעף, איז זייער א שוואכער. הגם עס זעט אויס צו זיין אויסער ספק אז הינטער דעם נאמען בערנארדים ריביירא באהאלט זיך א מאראן, איז אבער נישט באוויזן אז דאס זאל זיין יהודה אברבנאל. דער מחבר אליין פון דער היפאטעזע האט פארזיכערט אז דאס קורצע צייטונגס-ארטיקל אין וועלכן ס'איז סקיצירט זיין דעה איז בלויז א סכעמע פון א בוך, וואס ער וועט אין גיכן פארעפנטלעכן. ער איז אבער געשטארבן אין 1934, און די לעצטע פולקומסטע ביבליאגראפיעס וועגן

דער ליטעראַרישער פּראָבלעם פאַרצייכענען נאָר דעם צייטונגס־אַרטיקל וואָס איז ציטירט געוואָרן, אָבער נישט דאָס צוגעזאָגטע בוך. עס איז דעריבער צום באַדויערן וואָס די פּרטים וועלכע האָבן געדאַרפט באַגרינדן און שטיצן אַזאַ וואונדערלעכן איינפאַל האָבן נישט דערזען דאָס ליכט פון טאָג.

איז, בכן, אַלץ נאָך פאַרבאָרגן אין צייטנעפּל דער אמתער מחבר פון Menina e Moça , אַקוראַט ווי עס איז נישט קלאָר צי האָט שמואל אושקי געשריבן נאָך אַ בוך, אויסער זיין „טרייסט צו די ליידן פון ישראל". אָבער טאַקע פון דער דאָזיקער טאָפּעלער אומקלאָרקייט שיינט אַרויס אַ ליכטיקער ווונק: עס איז דאָס זעכצנטע יאָרהונדערט אין דער פּאָרטוגעזישער ליטעראַטור און עס וואָגלען אַרום, אויף צוויי באַזונדערע וועגן, אַ בוך וואָס זיין מחבר איז אומבאַקאַנט און אַ מחבר וואָס מע זוכט זיין בוך — ווי צוויי טיילן פון אַן איבערגעשניטענעם עפּל...

אַ שווערע פראַגע און אַ בלייכער ענטפער

איך וועל פּרווון פאַרברייטערן און פאַרטיפערן די אַרגומענטן לטובת דעם יידישן אָפּשטאַם פון בערנאַרדים ריבייראַ, כדי שפּעטער אַוועקצוקערעווען די דאָזיקע השערה אין אַ נייער ריכטונג. דאָס וואָס די אינקוויזיציע האָט פאַרבאָטן די צירקולאַציע פון אַזאַ אומשולדיק בעלעטריסטיש ווערק איז אַוודאי אַ שטאַרקער אַרגומענט. אָבער דער זיכערסטער שפּור וואָס זאָגט עדות אויף ריבייראָס יידישקייט איז בלי ספק די ערשטע אויסגאַבע פון דעם הויפּטווערק וואָס ווערט אים צוגעשריבן אין איינעם מיט עטלעכע מעלאַנכאָלישע פּאַסטעכער־געזאַנגען, און וואָס איר דרוקער איז געווען אברהם אושקי.

אברהם אושקי איז געווען אַ פרומער ייד, וואָס האָט זיך אין פעראַראַ געהאַט עפּנטלעך אומגעקערט צו דער אמונה פון זיינע אבות, און זיין פאַרלעגערישע טעטיקייט איז געווען ענג פאַרקניפּט מיט אַ רעליגיעזן אינהאַלט. ער האָט אַרויסגעגעבן די באַרימטע „ביבל פון פעראַראַ", אַ שפּאַנישע איבערזעצונג פון תנ״ך פאַר די מאַראַנען, וואָס האָבן לשון־קודש נישט געקענט, און אַזעלכע ספרים פון דאָגמאַטיש־רעליגיעזן כאַראַקטער ווי מאמר האחדות, יסוד אמונה, אור ד', כבוד אלוהים, איסור והיתר אד"גל. ווי זשע דערקלערט זיך דער אויסטערלישער פאַל אַז דער שטרענג רעליגיעזער אברהם אושקי זאָל אויך אַרויסלאָזן פון זיין דרוקמאַשין אַזאַ שיחת־חולינדיק בוך וועגן ריטער־ליבע ווי עס שיינט צו זיין „די יונגפרוי"? עס איז אגב דאָס איינציקע בוך פון דעם מין אין דער גאַנצער רשימה פון אברהמס אויסגאַבעס.

די ליטעראַטור־פאָרשערין קאַראָלינאַ מיכאַעליס, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ לאַנגן אַריינפיר צו אַ נייער אויפלאַגע פון ריבייראָס ווערק, שטוינט אויף דעם און רופט אויס: „עס האָט דערביי געמוזט זיין אַ באַזונדערע, אַ מעכטיקע סיבה, פון סענטי-

HYSTORIA
DE MENINA E MOCA, POR BER-
NALDIM RIBEYRO AGORA DE
NOVO ESTAMPADA E CON
SVMMA DELIGENCIA
EMENDADA.

*E assi algũas Eglogas suas com ho mais
que na pagina seguinte se vera*



En Ferrara 1554.

שער־בלאט פון „Menina e Moça",
ערשטע אויסגאבע, 1554.

CONSOLACAM AS TRI-
BVLACOENS DE
ISRAEL.

COMPOSTO POR SA-
MVEL VS-
QVE.



*Empresso en Ferrara en casa de Abraham aben
Vsque 5313 Da criaçam a 7 de Setembro.*

שער־בלאט פון „Consolacam as Tribulacoens
de Israel", ערשטע אויסגאבע, 1552.

מענטאַלן כאַראַקטער, און נישט פאַרבונדן מיט מסחר-אינטערעסן!". זי פּרוווט דערקלערן דעם קוריאָזן פאַקט מיט דעם דאַנקבאַרשאַפט-חוב וואָס שמואל אושקי, אברהמס קרוב און שותף, זאָל האָבן געפילט לגבי בערנאַרדים ריביירא, ווען דער ווערק איז געווען פאַקטיש בעסער נאָך... וועמענס ווערק עס זאָל אים האָבן גערינגט פאַר א מאָדעל ביים שרייבן די אידילישע שילדערונגען וועגן פּאַסטעכער-לעבן, וואָס מ'טרעפט אין דער „טרייסט צו די לײַדן פון ישראל". דער דאָזיקער ענטפער איז אָבער זייער בלייך אין פאַרגלייך מיט דער מעכטיקייט וואָס די געלערנטע פרוי אַליין שרייבט צו דער עווענטועלער סיבה. חוץ דעם זיינען שוין אירע אַרגומענטן נייטראַליזירט געוואָרן אין אַן אַנדערער אַרבעט פון דעם דערמאָנטן ליטעראַטור-פאָרשער טיישיירא רעגאָ, וועלכער באַווייזט, פאַר גלייכנדיק די געהעריקע טעקסטן, אַז אושקיס שילדערונגען פון פּאַסטעכער-לעבן זיינען געשריבן אונטער דער אינספּיראַציע פון דער „אַרקאַדיע", וואָס איר מחבר איז דער איטאַליענער סאַנאַזאַראָ.

עס איז פאַראַן נאָך אַ וויכטיקער פּרט, וואָס לייקנט בערנאַרדימס איינפלוס אויף אושקין: „די יונגפרוי" איז כראָנאָלאָגיש פאַרעפנטלעכט געוואָרן צוויי יאָר שפּעטער ווי די „טרייסט צו די לײַדן פון ישראל". מיך וווּנדערט וואָס די געלערנטע, וועלכע האָבן געשריבן אָפּט וועגן בערנאַרדימס איינפלוס אויף אושקין, זאָלן האָבן פאַרזען אַזאַ ערנסטן מכשול. סיידן מ'זאָל וועלן אָננעמען אַז אושקי האָט געהאַט פאַר זיך דעם כתב-יד פון ריביירא'ס בוך. אָבער דאָס איז שוין אַ צו ווייטע השערה.

„דיין טאַטנס אַ זון אָבער נישט דיין ברודער"

עס זיינען ערשט געבראַכט געוואָרן אייניקע אַרגומענטן כדי צו ווייזן אַז ריביירא'ס ווערק איז נישט געווען דער אינספּיראַציע-קוואַל פאַר אושקין בעת ער האָט געשריבן די אידילישע פראַגמענטן פון זיין ערשטן דיאַלאָג. אָבער ווער עס האָט איבערגעלייענט אויפמערקזאַם די „טרייסט צו די לײַדן פון ישראל" און „די יונגפרוי" וועט זיך דאָך נישט באַפרייען פון דער אינטואיטיווער דערקענטעניש אַז אָרגאַנישע שנורן פאַרקניפּן ענג די ביידע ווערק. ווי אַזוי דערקלערט זיך אַזאַ סתירה?

אפשר טאַקע דערמיט וואָס דער דאָזיקער קשר מאַניפעסטירט זי נישט בלויז אין דער אויסערלעכער ענלעכקייט פון עטלעכע פראַגמענטן, ווי עס האָט געמיינט די ליטעראַטור-פאָרשערין קאַראָלינאַ מיכאַעליס, נאָר די פאַרבינדונג צווישן ביידע ווערק איז אַ מער אינעווייניקסטע, און קומט נאָך צום אויסדרוק אַפילו אין דער ליטעראַרישער אַרכיטעקטור פון ביידע ווערק, גלייך ווי די הענט פון דעם זעלבן מייסטער וואָלטן זיי געפורעמט.

זאָל מען פאַרבייטן די י ו נ ג פ ר ו י אויף יעקבן, און די אַ ל ט ע פ ר ו י, וואָס דערשיינט פון צווישן די ביימער אויף נחומען און זכריהון, און

מ׳וועט בלייבן דערשטוינט מחמת דער גוואַלדיקער ענלעכקייט פון די ליטעראַרישע ראַמען, וועלכע אַנטהאַלטן דעם שטאָף פון ביידע ווערק.

ווי יעקב וואָס פאַרקלייבט זיך ווייט פון מענטשלעכן צו־זאַמענלעבן און צופוסנס אַ הויכן באַרג כדי צו באַוויי־נען זיין אומגליק, האָט אויך די יונגפרוי באַשלאָסן קומען צו דעם דאָזיקן באַרג, דערווייטערט פון מענטשלעכן צו־זאַמענלעבן ווו זי באַקלאָגט איר גורל.

ווי יעקב, וואָס שטוינט ווען עס באַווייזן זיך פלוצעם די פאַסטעכער פאַר וועל־כע ער דערציילט שפּעטער זיין אומגליק, ווערט אויך די יונגפרוי איבער־ראַשט ווען עס באַווייזט זיך די מיסטעריעזע פרוי, פאַר וועמען זי גיסט נאָך דעם אויס איר ביטער האַרץ.

נחום זאָגט צו יעקבן: אָ, גוטער פאַסטעך, ווי קומסטו אין דעם דאָזיקן פרעמדן און דערווייטערטן אָרט? און די פרוי זאָגט צו דעם מיידל: סאַראַ וואונדער דיך צו טרעפן אין אַזאַ פאַרשטויסן אָרט.

לסוף הייבן זיך אָן, צווישן יעקבן מיט די פאַסטעכער און צווישן דער יונג־פרוי מיט דער אַלטער, די שמועסן וואָס זיינען דער ליטעראַרישער חומר פון ביידע ווערק.

און נישט נאָר דאָס אָרט ווו עס שפּילן זיך אָפּ די געשעענישן איז דאָס זעלבע. פאַראַן נאָך אַן אָנזעעוודיקער געמיינזאַמער שטריך: אין ביידע ווערק איז דאָס אידילישע פאַסטעכער־לעבן פאַרגעשטעלט ווי די אידעאַלע פאָרעם און ווי אַ סים־באָל פון דער מענטשלעכער גוט־מידותדיקייט, להיפוך צו דעם ווילדן יעגער־לעבן (ביי אושקין) אָדער צו דעם ריטער־לעבן (ביי ריבייראָן). דאָס איז אַ טיפּיש יידישע באַהויפּטונג, און אירע וואָרצלען מוזן שטעקן אין דער ביבלישער לעגענדע וועגן יעקב און עשו.

מיר זיינען געקומען צו אַ זייער קוריאָזער לאַגע: עס איז אָפּגעלייקנט דער דירעקטער איינפלוס פון ריבייראָן אויף אושקין, — אָבער עס איז אויפגעדעקט גע־וואָרן פיל מער ווי איינפלוס. דאָס איז צו זען פון דעם פאַרגלייך צווישן ביידע ווערק וואָס איז אָקערשט געמאַכט געוואָרן.

די דאָזיקע מאָדנע סיטואַציע איז געגליכן צו דער, וואָס דריקט זיך אויס אין דער רעטעניש וואָס עמעצער וואָלט געפרעגט זיין פריינד: „ער איז דיין טאַטנס אַ זון אָבער נישט דיין ברודער, ווער איז עס?" און ווען דער געפרעגטער שטוינט נאָך אויף אַזאַ אומגעוויינטלעכער קרובישאַפט, הערט זיך דער זיגערישער ענטפער פון פרעגער: „דו אַליין!"...

א חלום וואס פארשוועבט גיך

ווען שמואל אושקי איז געקומען פון דעם בייזן קאטוילישן פארטוגאל קיין איטאליע, האט ער מסתמא פריי אפגעאטעמט. אין דער נייער סביבה פון הומאניסטישער טאלע־ראנץ האט ער אויפגעהויבן זיין קול וואס איז „זינט יארן אין ברוסט געווען פאר־שפארט" און פריי גערעדט קעגן דער מערדערישער אינקוויזיציע. פארשיכורט פון דעם גליק וואס האט געטראפן אים און אנדערע פליטים, וועלכע האבן געקענט זיך עפנטלעך אומקערן צום יידנטום מיט דער שטילער צושטימונג פון פויפס, האט ער אויך געוואלט שיקן א בשורה פון דערמוטיקונג און טרייסט צו זיינע ברידער, וואס זיינען געבליבן אויף יענער זייט גרענעץ, אין פארטוגאל. צוליב דעם האט ער אנגעשריבן זיין בוך „א טרייסט צו די ליידן פון ישראל", וואס איז ארויס אין 1552.

מסתמא איז אים געלונגען מיט דער געהיימער הילף פון מאראנען, וואס פלעגן דאן פארנעמען אלערליי מלוכה־אמטן, אריינצושמוגלען טייל עקזעמפלארן פון זיין בוך קיין פארטוגאל. אבער זיין גליק און האפענונג האבן זיכער לאנג נישט גע־דויערט, ווייל זיי זיינען געווען ווי א חלום וואס פארשוועבט גיך.

די פארטוגעזישע אינקוויזיציע האט געווארפן אן אויג אויף די ביכער, וואס פלעגן אנקומען פון אויסלאנד, באזונדער פון די צענטערס וווּ עס האט געהערשט רעליגיעזע טאלעראנץ. צוליב דעם דאזיקן חשד זיינען ארויסגעגעבן געווארן שטרענ־גע באפעלן, וואס האבן פארבאטן די אויסלענדישע אויסגאבעס. עס זיינען באקאנט פיל פארטוגעזישע דאקומענטן, פון זעכצנטן יארהונדערט, דורך וועלכע עס ווערט באפוילן די בוכהענדלערס אז א שליח פון דער אינקוויזיציע זאל שטיין ביים עפע־נען די קאסטנס ביכער, וואס קומען פון אויסלאנד. אין איינעם פון די באפעלן איז באשטימט א שטראף פון פופציק דוקאטן און חרם פאר די, וואס וועלן עובר זיין דאס געזעץ.

מ'קען זיך לייכט פארשטעלן וואס פאר א גרויסע צאל ביכער די נאמנים פון דער אינקוויזיציע פלעגן קאנפיסקירן און פארברענען צוליב דעם פארדאכטיקן אינ־האלט. אפשר איז צו אושקין דערגאנגען א טרויעריקע ידיעה וועגן דעם גורל פון זיינע ביכער אין פארטוגאל; אז מען האט זיי פארברענט און פארצייכנט זיין נאמען צווישן די פארבאטענע מחברים אויף די ספעציעלע רשימות, וואס מען פלעגט דאן אויפקלעפן אויף די טירן פון די קלויסטערס און פון אנדערע מלוכה־בנינים אין ליסאבאן. דאס האט געמוזט אפשוואכן דעם מוט און די געוואגטקייט מיט וועלכער ער האט לכתחילה אפן אטאקירט זיינע רודפים.

די שייטער־הויפנס ברענען אין איטאליע

אבער נישט נאר פון פארטוגאל האבן אין יענער תקופה געקאנט שטאמען ידיעות וועגן פארברענטע ספרים. די שפאניש־קאטוילישע רעאקציע האט אנ־געהויבן אויסשפרייטן איר מיליטערישע און גייסטיקע מאכט איבער גאנץ איטא־ליע, און טונקעלע שאטנס האבן פארפלייצט די ליכטיקע רענעסאנס־צייט. עס איז

איינגעפירט געוואָרן אַ שטרענגע צענזור אויף ביכער פון הומאַניסטישע טענדענצן, און באַזונדער אויף העברעישע ספרים. אויף אַן עפנטלעכן פּלאַץ פון רוים, לעיני השמש, האָט זיך דאַן אָפּגעשפּילט אַ ווילדע צערעמאָניע, וואָס איז באַקאַנט אין דער יידישער געשיכטע אונטער דעם נאָמען „שריפת התלמוד".

דעם צווייטן טאָג ראש־השנה 1553, האָבן די אינקוויזיטאָרן, אויפן באַפעל פון דעם פּויפּס יוליוס III, פאַרברענט טויזנטער עקזעמפּלאַרן פון תלמוד, וואָס זיינען אַוועקגערויבט געוואָרן פון יידישע הייזער. לויט ווי עס דערציילט יוסף הכוהן אין זיין „עמק הבכא" האָט זיך די פאַנאַטישע צערעמאָניע איבערגעחזרט אין אַנ־דערע שטעט פון איטאַליע, און אויך אין פערארא. אין פערארא! אין דער זעלבער שטאָט וווּ בלויז מיט חדשים צוריק האָט דער דרוקער אברהם אושקי פאַרעפנטלעכט שמואלס בוך, אַזאַ אָפענעם און געוואָגטן באַשולדיקונגס־אַקט קעגן דער קאַטוילי־שער וועלט!

די אָנגעצונדענע שייטער־הויפנס אויף וועלכע מ'האָט פאַרברענט דעם תלמוד אין איטאַליע, האָבן געמוזט דינען פאַר שמואל אושקי ווי אַ התראה נישט נאָר צו טראַכטן פון אַ נייעם מקלט, נאָר אויך אַז צו די אומגליקלעכע מאַראַנען דאַרף מען שוין רעדן פאַרשטעלטע רייד. אפשר האָט ער זיך דאַן אונטערגעגעבן דעם פאַטאַלן גזר־דין, אָנשרייבנדיק אָדער צופּאַסנדיק אַ פריערדיקן כתב־יד צום גייסט פון דער צייט.

הכנעה צו די פאַטאַלע כוחות און מאַכטלאָזיקייט לגבי די געהיימע קרעפטן, זיינען די מעלאַנכאָלישע קאַנווע אויף וועלכער עס ווערט געוועבט בערנאַרדים רי־ביירעס סודותדיק בוך, וואָס דער מאַראַן אברהם אושקי האָט פאַרעפנטלעכט אין 1554 און וואָס די צענזור פון דער אינקוויזיציע האָט עס שפּעטער פאַרבאָטן.

שווער ביי צו שטיין דעם נסיון

עס זיינען פאַראַן נאָך אַנדערע אָנדייטן וואָס באַפעס־טיקן דעם חשד אַז דער למראית־עין אומשולדיקער רי־טער־ראָמאַן זאָל אַלעגאָריזירן דאָס לעבן פון די אַנו־סים, און אַז זיין מחבר זאָל האָבן אַ שטאַרקע פאַרבינדונג מיט דער פאַמיליע אושקי: דער פאַרלעגער פון דער צווייטער אויסגאַבע (1557) פון ריביירעס ווערק, אַנדרע דע בורגאָס, פון דער פּאָרטוגעזישער שטאָט עוואָרא, איז אויך אַ געוועזע־נער ייד. ער האָט זיך קיין מאָל נישט אומגעקערט צום יידנטום, ווייל ער האָט נישט אויסגעוואַנדערט פון פּאָרטוגאַל.

עס איז אויך מערקווערדיק וואָס דער שפּאַנישער פּאָעט אַלאָנסאָ נונעס ריי־נאָזאַ, וואָס האָט געשריבן אונטער דער השפעה פון בערנאַרדים ריביירא, הייליקט זיין ווערק צו יוסף נשיא, אַ פּלימעניק פון דער פרוי גראַסיאַ נשיא, וועמען אברהם אושקי האָט געווידמעט זיין „ביבל פון פערארא" און שמואל אושקי זיין „טרייסט

צו די ליידן פון ישראל". מען דאַרף נאָך געדענקען אַז ריביירא‌ָס און אושקים ווערק זיינען די צוויי איינציקע ביכער, וואָס זיינען אַרויס פון אַברהמס דרוקערײ אין דער פּאָרטוגעזישער שפּראַך.

ווען מען פאַרגלייכט אויפמערקזאַם אושקים און ריביירא‌ָס ווערק, מאַניפעס־טירט זיך בולט זייער גרויסע ענלעכקייט וואָס איז נאָך באַגלייט פון אַ רייע אַנדערע צונויפטרעפן; עס איז דאָן שווער בייצושטיין דעם נסיון און נישט אַרויסזאָגן די השערה וועגן דער אידענטיטעט פון די צוויי גרויסע שרייבערס פון דער פּאָרטוגע־זישער ליטעראַטור אין זעכצנטן יאָרהונדערט.

אַ שפּאַציר איבער די אַלטע ספרים

ווער זיינען די עלטערע יידישע מחברים וואָס דער־מאָנען אושקין? יוסף הכוהן (1496 - 1575) דער מחבר פון עמק הבכא ציטירט אָפט אוש־קין, ווען ער רופט דער פּאָרטוגעזער („והפורטוגזי אמר"). אויך דער בעל שלשלת הקבלה גדליהו אבן יחיא (1515 - 1587) ציטירט אושקים ספר („זה כתב האוסקי"). עס איז קיין ספק נישט אַז אַלע מחברים פון יענער תקופה, וואָס האָבן געשריבן כראָניקעס וועגן רדיפות אויף יידן, האָבן געהאַט פאַר זיך אושקים בוך און עס ציטירט. עס איז אונדז אָבער וויכטיקער אויסצוגעפינען ביאָ־גראַפישע שפּורן וועגן דעם אומבאַקאַנטן מחבר.

אין דעם פּרט העלפט אונדז אַרויס דער שוין דערמאָנטער יצחק עקריש (גע־שטאָרבן לערך נאָך 1578), וואָס בייזערט זיך כלומרשט אויף אושקין פאַר זיינע חלומות וועגן דער נאָענטער גאולה און, ווי אַ טאַטע ווען עס גייט אים איבער דער בעס אויף זיין קינד, גיט ער נאָך אַליין צו, בעת ער דערמאָנט אַ צוויטן בעל־חלו־מות: „ומי יתן והיו דבריו נכונים!" — הלוואי וואָלטן זיינע ווערטער אמת געווען!

עס איז פאַראַן נאָך אַ מחבר, וואָס האָט תרעומות אויף שמואל אושקין, אָבער, דאָס מאָל, מחמת אַ כראָנאָלאָגיש־געשיכטלעכן טעות. דאָס איז עמנואל אבואב, אין זיין שפּאַניש ספר „נאָמאָלאָגיע", געענדיקט אין יאָר 5385 לבה"ע (1625) און פאַרעפנטלעכט דורך זיינע יורשים אין יאָר 5389 לבה"ע (1629).

„עס איז צו שטוינען — שרייבט אבואב אויף זייט 272 וועגן אושקין — אַז אַזאַ קענער אין די ספרי־חול ווי ער איז געווען, זאָל מאַכן אַזאַ גרויסן טעות" (זע קאַפּיטל 24, באַמערקונג 1). ער דערמאָנט דעם ספר „אַ טרייסט צו די ליידן פון ישראל" נאָך אויף אַן אַנדער אָרט (זייט 296) און שרייבט עס צו בטעות אברהם אושקין. אויך אויף זייט 304, ווו אבואב שרייבט וועגן שמואל אברבנאל, גיט ער צו אַז אברהם (שמואל — א. ל.) אושקי האָט אים ריכטיק באַצייכנט מיטן טיטל Tremegisto, דאָס הייסט דריי מאָל אַ גרויסער מאַן (זע קאַפּיטל 32 פון אושקים דריטן דיאַלאָג).

אגב טרעפט זייער אָפט אויך ביי אַנדערע שרייבערס, אַז זיי פאַרבייטן שמואלס נאָמען אויף דעם נאָמען פון זיין קרוב אברהם, ווייזט אויס מחמת דעם וואָס אברהם, ווי אַ דרוקער פון פיל ספרים, איז געווען מער באַקאַנט און ווייל עס איז קיין מאָל נישט געגוי אויפגעקלערט געווען דער גראַד קרובישאַפט וואָס פאַרקניפּט די דאָזיקע צוויי געלערנטע פּאָרטוגעזישע יידן.

אויך יצחק קאַרדאָסאָ אין זיין שפּאַנישן בוך Las Excelencias de los Hebreos, אַמסטערדאַם 1679, ווען ער גיט איבער פאַרשידענע היסטאָרישע פאַקטן (זייטן 380 און 382) איז מוסיף: „ווי דאָס ווערט אַלץ דערציילט פון שמואל אושקי אין זיין ספר — אַ טרייסט צו די יידן פון ישראל".

די אַלטע קריסטלע-כע ביבליאָגראַפן

און די עלטערע קריסטלעכע ביבליאָגראַפן, וואָס האָבן פאַרצייכנט ספרים פון יידן? דער מאַנאַך דזשוליאָ באַרטאָלאָצי (1687-1613) איז דער ערשטער קריסט-לעכער ביבליאָגראַף, וואָס האָט צונויפגעשטעלט אַ גרויסע סיסטעמאַטישע רשימה פון העברעישע ווערק און מחברים. זיין פירבענדיק ווערק איז געשריבן אין העברעיש און לאַטיין גלייכצייטיק, און הייסט „ביבליאָטעקאַ מאַגנאַ ראַביניקאַ" אָדער „קרית ספר". באַרטאָלאָצי איז געווען אַן אָנגעשטעלטער אין דער העברעישער סעקציע פון וואַטיקאַן-ביבליאָטעק, דעריבער אַנטהאַלט זיין ווערק נאָר די פיל ספרים און מאַנוסקריפּטן וואָס געפינען זיך אין וואַטיקאַן. שמואל אושקים בוך איז דאָרט נישט פאַראַן. עס איז אָבער ביי באַרטאָלאָצין יאָ דערמאַנט דער אַרויסגעבער פון שמואלס בוך „אברהם עושקי פון פּאָרטוגאַל" (ער שרייבט עושקי, מיט אַן „עין"), אין שייכות מיט דער ביבל פון פעראַראַ (באַנד I, זייט 49).

אין באַנד III, זייט 785, ביים נאָמען יום טוב עטיאס, וואָס איז געווען אברהמס שותף ביים אַרויסגעבן די שפּאַנישע ביבל, ווערט נאָך אַ מאָל דערמאָנט אברהם אושקי מיט אַ באַמערקונג, אַז מ'קען שרייבן Usque אָדער Oski. ווען דאָס וואָרט Oski זאָל זיין נישט בלויז אַ פאָנעטישער וואַריאַנט, נאָר זאָל האָבן אַן עטימאָלאָגישן גרונד, וואָלט באַפעסטיקט געוואָרן די השערה, וואָס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, אַז דער פאַמיליע-נאָמען אושקי, שטאַמט פון דעם נאָמען פון דער שפּאַנישער שטאָט Osca (העברעיש: אושקה). אושקי = דער וואָס שטאַמט פון אושקה.

אַנטאָניוס ניקאָלאָוס (1684-1617), אַ שפּאַנישער ביבליאָגראַף, דערמאַנט שמואל אושקין אין זיין „ביבליאָטעקאַ היספּאַנאַ נאָוואַ", באַנד II, זייט 275 (די אויסגאַבע וואָס איך האָב געזען איז פון 1788). אין די עטלעכע לאַטיינישע שורות, וואָס ער גיט אָפּ דער זאַך, דריקט ער אויס נישט נאָר די אומזיכערקייט און ספקות, וואָס ער האָט בנוגע אושקים פּערזאָן, נאָר אויך זיין פאַנאַטישע ביטול-באַציונג:

„שמואל אושקי, ווי עס זעט אויס (Ut videtur), פון דער העברעישער נאַ-ציע, נאָר אַ שפּאַניער אָדער, בעסער, אַ פּאָרטוגעזער; געשריבן אַ ט ר י ס ט צ ו ד י ל י י ד ן פ ו ן י ש ר א ל ״ ...אא״וו. און דער זעלבער ביבליאָגראַף, וואָס האָט ערשט געספּקט אויב אושקי איז פון דער העברעישער נאַציע, אַ שפּאַ-ניער צי גאָר אַ פּאָרטוגעזער, וואַקלט זיך נישט אַ רגע צו באַשטעטיקן מיט דער פולס-טער זיכערקייט, אַז „נערעכט איז געווען אונדזער אינדעקס ווען ער האָט באַצייכנט דאָס דאָזיקע מאכל פון העברעישע גלייבונגען (Superstitionis hebraicae penu) מיטן סימן פון די שעדלעכע ווערק וואָס דאַרפן אויסגעראָטן ווערן״...

יאָהאַן קריסטיאַן וואָלף אין זיין פירבענדיקער „ביבליאָטעקאַ העברייקאַ״ פאַר-צייכנט שוין מער ביבליאָגראַפישע פּרטים וועגן די דריי געלערנטע מענער שמואל, אברהם און שלמה אושקי, וואָס האָבן געלעבט אין זעכצנטן יאָרהונדערט. שמואלס „אויסערגעוויינטלעך זעלטן״ בוך ווערט באַשריבן לויט זיינע אויסערלעכע סימנים (יאָר און אָרט פון אַרויסגעבן, דרוקעריי אד״גל) און לויט זיין אינהאַלט. וועגן דעם מחבר ווייסט ער גאָרנישט צו זאָגן חוץ אַז ער איז געווען אַ פּאָרטוגעזישער ייד, וואָס האָט געלעבט אין איטאַליע אין מיטן זעכצנטן יאָרהונדערט.

צוליב דער אויסערגעוויינטלעכער זעלטנקייט פון אושקיס ספר האָבן זייער ווייניק זוכה געווען עס צו באַשרייבן de visu ווי עס פאָדערט די ביבליאָגראַ-פישע וויסנשאַפט. מערסטן טייל האָבן זיי קאָפּירט איינע פון די אַנדערע. די פּאָר-טוגעזישע ביבליאָגראַפן דיאָגאָ באַרבאָזאַ מאַשאַדאָ (1682-1772), אַנטאָניאָ רי-ביירא דאָס סאַנטאָס (1745-1818) און אינאָסענסיאָ פראַנסיסקאָ דאַ סילוואַ (1810-1876), דערציילן נישט מער פון דעם וואָס איז שוין דאָ ביי וואָלפן, אָדער ביי אַנדערע עלטערע מחברים.

א טעות אין חשבון

עס בלייבט איצט צו שרייבן וועגן די אויסגאַבעס פון דער „טרייסט צו די ליידן פון ישראל״. די ערשטע אויסגאַבע פון פעראַראַ איז אונדז שוין באַקאַנט. עס מוז אָבער באַזייטיקט ווערן אַ ספק וועגן דעם יאָר ווען זי איז אַרויס, און דאָס איז פיל מער ווי אַ ביבליאָגראַפישער דעטאַל, ביי אַ ווערק פון היסטאָרישן ווערט. אלע עלטערע ביבליאָגראַפן געבן אָן דאָס יאָר 1553. ביי די נייערע אויך אומעטום דאָס זעלבע, אָבער זעלטן ווו טרעפט מען 1552. ביי גרעצן, למשל, טרעפט מען אויף איין אָרט 1553 (דברי ימי ישראל, תרגום שפ״ר, חלק ששי, ציון א) און אויף אַ צווייטן אָרט 1552 (חלק שביעי, ציון ז). פון וואַנען זשע שטאַמט דער ספק?

אויפן שער-בלאַט איז אָנגעשריבן „5313 לבה״ע דעם זיבעטן סעפּטעמבער״. און דאָ מוז געזוכט ווערן דער באַשייד, וועלכער זעט אויס צו זיין אַ גאַנץ פּשוטער, ווייל עס ווייזט אויס אַז די קריסטלעכע ביבליאָגראַפן האָבן פּשוט נישט ריכטיק

אנגעווענדט דעם מאַטעמאַטישן כלל לויט וועלכן מען פּירט אַריבער די יידישע צייט־רעכענונג אויף דער קריסטלעכער.

ישום געבורט איז פאַרגעקומען אין יאָר 3760 לבה״ע. דעריבער איז דער כלל, אַז ווען מ'וויל איבעררעכענען דאָס יידישע יאָר אויף דעם אַלגעמיינעם, זאָל מען פון דער יידישער יאָרנצאָל (פון דעם פּרט גדול, ד״ה מיט די טויזנטער) אַראָפּנעמען די צאָל 3760. דאָס יאָר 5313 לבה״ע שטימט מיט דעם קריסטלעכן 1553 ווייל: 5313 ווייניקער 3760 איז גלייך צו 1553.

דער דאָזיקער כלל איז אָבער נישט תמיד גילטיק, וואָרעם דאָס יידישע יאָר תשרי־אלול פאַלט נישט צונויף גענוי מיט דעם קריסטלעכן יאָר יאַנואַר־דעצעמבער. פון ראש־השנה, וואָס געפאַלט בערך סעפּטעמבער, ביז יאַנואַר (ד״ה די ערשטע פיר יידישע חדשים) איז שוין ביי יידן אַ ניי יאָר, אין דער צייט ווען ביי די קריסטן גייט נאָך דאָס אַלטע יאָר. אויב מען ווייס דעריבער אַז דער חודש פון דער דאַטע וואָס מען וויל איבעררעכענען איז פון די ערשטע פיר חדשים פון יידישן יאָר (תשרי, חשון, כסלו אָדער טבת), דאַרף מען אַראָפּנעמען פון דער יידישער יאָרנצאָל נישט 3760 נאָר 3759. נאָר אַזוי קריגט מען דאָס ריכטיקע קריסטלעכע יאָר.

אושקים ווערק איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם זיבעטן סעפּטעמבער. גרעץ אַליין זאָגט עדות אַז די דאָזיקע דאַטע איז אויסגעפאַלן תשרי 5313. ביי יידן איז שוין געווען אַ ניי יאָר און ביי קריסטן איז נאָך געגאַנגען דאָס אַלטע. דעריבער דאַרף מען רעכענען אַזוי: 5313 ווייניקער 3759 איז גלייך צו 1552. און דאָס איז די ריכ־טיקע דאַטע.

די אויסגאַבע פון אַמסטערדאַם

עס איז פאַראַן נאָך איין אויסגאַבע, וואָס מען זאָגט אַז זי איז דערשינען אין אַמסטערדאַם. דאָס שער־בלאַט ברענגט: „געדרוקט אין פערארא ביי אברהם אבן אושקי, 5313 לבה״ע, דעם 27טן סעפּטעמבער״ (און נישט דעם 7טן ווי אין דער ערשטער אויסגאַבע). די נייע אַרויסגעבערס האָבן ווייזט אויס נישט געוואָלט ענדערן די ווערטער פון דעם אָריגינעלן שער־בלאַט, אָדער אפשר האָבן זיי באַשלאָסן צו רע־פּראָדוצירן דאָס שער־בלאַט פון דער אַמאָליקער אויסגאַבע, און אויף דער הילע יאָ אָנגעוויזן דאָס יאָר און דאָס אָרט פון דער נייער אויסגאַבע. די עטלעכע באַ־קאַנטע עקזעמפּלאַרן פון אושקים ספר זיינען אָבער איינגעבונדן, און דעריבער איז זייער הילע פאַרלוירן געגאַנגען.

עס איז נישט מוטל בספק די עקסיסטענץ פון צוויי באַזונדערע אויסגאַבעס ווי עס וועט קלאָר ווערן פון די קומענדיקע שורות. ס'איז אָבער זייער מאָדנע וואָס די נייע אַרויסגעבערס האָבן כמעט ווי נישט געענדערט די ווערטער פון דעם אָרי־גינעלן שער־בלאַט, אויסער דעם טאָג. זאָל עמעצער האָבן אויסגענוצט דעם גרויסן

CONSOLACAM.

AS TRI BVLACOENS

DE YSRAEL.

COMPOSTO POR SAMVEL VSQVE.

Empresso en Ferrare en casa de Abraham aben Vsque 5.3 1 3. Da criaçam. 27, de Setembro.

שער־בלאט פון דער „אמסטערדאמער אויסגאבע" פון אושקים בוך.

נאָכפרעג אויף אושקיס ספר, שוין דאַן אַ יקר־המציאות מחמת דעם שטרענגן אינ־קוויזיציע־פאַרבאָט, כדי צו מאַכן אַ נייע, אַ געפעלשטע אויפלאַגע, וואָס זאָל פאַר־קויפט ווערן ווי די ערשטע, די אמתע?

זיכער איז, אַז פיל ביבליאָגראַפן און צווישן זיי וואָלף, האָבן אָנגענומען די דאָזיקע אויסגאַבע ווי די ערשטע פון פעראַרא, און אפילו נישט חושד געווען אַז עס איז פאַראַן נאָך איינע. דער איטאַליענישער ביבליאָגראַף דע ראָסי, אָבער, וואָס האָט געשריבן אין דער צווייטער העלפט פון אַכצנטן יאָרהונדערט, האָט געהאַט פאַר זיך די צוויי עקזעמפּלאַרן, און אין זיין De Tipographia Ferrariensi, זייט 65, קלערט ער אויף אַז עס איז פאַראַן אַ גרויסער חילוק צווישן ביי־דע. דער עקזעמפּלאַר פון פעראַרא איז געדרוקט מיט גאָטישע אותיות און דער אַמס־טערדאַמער מיט קיילעכדיקע. דער פאָרמאַט איז אויך פאַרשיידן. דער זאַצשפּיגל פון דער ערשטער אויסגאַבע האָט 116 מילימעטער אויף 67, בעת דער זאַצשפּיגל פון דער צווייטער האָט 125 אויף 72. עס זיינען אויך פאַראַן אָרטאָגראַפישע און אַנדערע קליינע חילוקים אין טעקסט. די ערשטע איז אַרויסגעגעבן מער זאָרגעוודיק און מיט פיל ווייניקער דרוקפעלערן ווי די צווייטע, וואָס האָט דערזען די שיין מסתמא שוין נאָך אושקיס טויט. אויסער דעם איז דער דרוקער־צייכן פאַרשיידן. און לויט דעם דרוקער־צייכן זאָל מען אפשר האָבן אַנטדעקט אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַן אַמסטערדאַמער דרוקעריי? איך ווייס נישט קיין אַנדערן טעם, וואָס זאָל באַרעכטיקן דעם נאָמען „אַמסטערדאַמער אויסגאַבע". אגב איז ביי מיר נאָך אַ ספק, אויב דאָס וואָס מען טרעפט אויפן שער איז באמת אַ דרוקער־צייכן און נישט עפּעס גלאַט אַ טיפּאָגראַפישער אָרנאַמענט.

אַ וויכטיקע ביבליאָ־גראַפישע מציאה

פאַר מיינע אויגן איז נישט געווען קיין איינער פון די זעלטענע צוויי עקזעמפּלאַרן. ביים אָנגעבן די אונטער־שיידנדיקע סימנים האָב איך מיך באַנוצט מיט דעם אַריינפיר פון מענדעס דאָס רעמעדיאָס צו אַ דריטער אויסגאַבע. דעם פּאָרטוגעזישן ליטעראַטור־פאָרשער איז געלונגען צו באַקומען אין פּאָרטוגאַלביידע עקזעמפּלאַרן, און ער איז אַזוי אַנטציקט געוואָרן פון דעם אינהאַלט, אַז ער האָט אויף ס'ניי אַרויס־געגעבן (קאָימבראַ, אָקטאָבער 1906) דאָס „וווּנדערלעכע אָבער אומבאַקאַנטע בוך", וואָס „אין יעדער זאַץ זיינעם אַנטפּלעקט מען אויסטערלישע און אינטערעסאַנטע פּרטים".

די פאָררעדע איז געשריבן מיט גרויס ענטוזיאַזם, בעיקר דאָרטן ווו דער מחבר דערמאַנט זיינע אַ ביבליאָגראַפישע אַנטדעקונג: אין דער אַמסטערדאַמער אויסגאַבע — און נאָר אין דער דאָזיקער — ביים ברעג פון אַ הקדמה־זייטל, דאָרט ווו אושקי דערקלערט, אַז זיין הויפּטצוועק איז רעדן צו פּאָרטוגעזער (מגורשים פון פּאָרטו-

גאַל), איז פאַראַן אַ מאָדנע באַמערקונג — „1599״. מענדעס דאָס רעמעדיאָס ווײַל דערפון דרינגען, אַז דער ציפער באַצייכנט דאָס יאָר ווען די פּאָרטוגעזישע יידן פון אַמסטערדאַם האָבן אָפּגעדרוקט די צווייטע אויסגאַבע פון „אַ טרייסט צו די לײַדן פון ישראל״.

די דאָזיקע השערה איז באמת אַ נײַע און פון גרויס חשיבות. זיבן און פערציק יאָר נאָך דער ערשטער אויסגאַבע איז דאָס ספר מער נישט געווען בנמצא, האָט מען עס אויף ס'נײַ אַרויסגעגעבן. צוליב גרויס דרך-ארץ, אפשר, וואָס יידן האָבן געהאַט פאַר דעם ספר, ווײַל די אינקוויזיציע האָט עס געמשפּט צום פאַרברענען, איז נישט געענדערט געוואָרן דאָס שער-בלאַט כדי די נײַע עקזעמפּלאַרן זאָלן וואָס ענלעכער זײַן צו דעם אָריגינאַל.

אויסער דעם פּרט איז דער פּאָרטוגעזישער ליטעראַטור-פאָרשער גאָרנישט מחדש. ער קלאָגט זיך אַז אַלע פּרטים וואָס ער האָט געטראָפן ביי אַלטע און נײַע ביבליאָגראַפן וועגן אושקין, זײַנען נעפּלדיק און שטייען אין שאָטן פון פרעגצייכן. געוויינטלעך איז פאַר אים געווען אַ גרויסער מכשול, וואָס ער האָט נישט געקענט דעם יידישן אַספּעקט פון דער פּראָבלעם. ביים סוף האָט ער אפילו געגעבן דער־קלערונגען וועגן אַלע ביבלישע פיגורן וואָס זײַנען דערמאָנט ביי אושקין. אָבער ער איז געבליבן אומבאַהאָלפן ביי די העברעיזמען, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן אין פּאָר־טוגעזישן טעקסט און וואָס זײַנען נישט געווען קיין פּרט-נעמען.

הגם די אויפלאַגע פון מענדעס דאָס רעמעדיאָס איז ניט מאָדערניזירט און ניט צוטריטלעך פאַר דעם לייענער פון פאָלק, איז אומבאַשרײַבלעך גרויס איר ווערט, ווײַל ביז 1906 איז אושקיס בוך געווען נישט מער ווי אַן אומבאַלעבטער ביבליאָ־גראַפישער קוריאָז, אָבער פון דאַן און ווייטער איז די אויפמערקזאַמקייט פון פּאָר־טוגעזישע ליטעראַטור-קריטיקערס געצויגן געוואָרן אויף דעם נײַ־אַנטדעקטן ווערק און אושקי האָט באַקומען זײַן ריכטיק פּלאַץ אין דער ליטעראַטור-געשיכטע פון פּאָרטוגאַל.

שמואל אושקי ווערט אַנטדעקט

וואָס טיפער די עמאָציע פון שרײַבער, אַלץ בילדרישער איז זײַן סטיל און מוזיקאַלישער זײַן ריטם. און אין דער פּאָרטוגעזישער ליטעראַטור האָט קיינער פאַר דעם יידן אושקי נישט געשריבן מיט אַזוי פיל עמאָציע. דערפאַר איז ער היינט געקרוינט ווי דער שעפער פון סטיל און ריטם אין דער פּאָרטוגעזישער פּראָזע. די עמאָציע פון אַ פאַרפאָלגטן יידן האָט געבוירן נײַע ליטעראַרישע ווערטן פאַר די וואָס האָבן אים פאַרפאָלגט. עס איז באַוויזן אַז אושקי האָט דער ערשטער אַרײַנגעבראַכט דעם ביל־דערישן און ריטמישן סטיל אין דער פּאָרטוגעזישער שפּראַך, וואָס איז יעמאָלט באַ־רײַכערט געוואָרן מיט אָריענטאַלישער פאַרב און ביבלישן קלאַנג.

אַט זיינען עטלעכע ציטאַטן פון דער מאָדערנער ליטעראַטור-קריטיק אין פּאָר־טוגאַל. אין זיין „געשיכטע פון דער קלאַסישער ליטעראַטור" (ליסאַבאָן 1930, קאַפּ' VIII) שרייבט פידעלינאָ דע פיגועירעדאָ:

„(אַ טרייסט צו די ליידן פון ישראל) איז אַן אַדעליק בוך, וואָס ברענגט כבוד דער פּאָרטוגעזישער שפּראַך ווייל אירע מיגלעכקייטן אויסצודריקן דעם וועלט-ווייטיק און די רעליגיעזע גייסטיקייט זיינען אין דעם דאָזיקן ווערק בולט געוואָרן, נישט ווייניקער ווי ביי די שפּעטערדיקע קריסטלעכע מיסטיקערס" — — —

„עס איז אַ הערלעך ווערק צוליב דער שילדערישער קראַפט, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין זיינע בלעטער, און נאָך מער צוליב די סענטימענטן, וואָס דרינגען דורך זיין פּאָעטיש אינספּירירטע פּראָזע" — — —

„מער ווי איין מאָל דערגרייכט אושקיס סטיל אַזאַ הויכע מדרגה פון אויסדריק און אַזאַ ווולקאַנישן אויסבראָך פון סענטימענטן, וואָס איז ביז דאַן נאָך געווען אין גאַנצן פרעמד אונדזער שפּראַך. די מאַקסימאַלע אויסדריקקראַפט וואָס ווערט דער־פירט ביז צו דער העכסטער מדרגה פון אינטענסיוויטעט, און דער לירישער אויס־בראָך זיינען סטרוגעס צום ערשטן מאָל באַווירטע אין דער געשיכטע פון אונדזער ליטעראַטור, דורך שמואל אושקי" — — —

„אין אַ לאַנד פון איינגעוואָרצלטער ליטעראַרישער טראַדיציע וואָלט שמואל אושקיס ווערק, ווען מ'זאָל עס געווען לאָזן פריי צירקולירן, זייער פיל מיטגעהאָלפן פאַר צוויי וויכטיקע ליטעראַרישע עפעקטן: אויפדעקן די קינסטלערישע מיגלעכ־קייטן פון דער יידישער געשיכטע, וואָס פאַרמאָגט אַזוי פיל טראַגישן שטאָף, וועל־כער איז, אַגב, אויסגענוצט געוואָרן פון די פּאָעטן, די בני-דור פון לואיז XIV, און דערמיט וואָלט די „טרייסט צו די ליידן פון ישראל" געשפּילט אַ ביסל אַן ענ־לעכע ראָל ווי עס האָט געשפּילט אין לערך דריי יאָרהונדערטער אַרום דער Genie du Christianisme (דאָס ווערק פון דעם באַרימטן פראַנצייזישן שריפטשטעל־לער שאַטאָבריאַן (1768-1848), ווו עס ווערן אַנטפּלעקט די עסטעטישע און קינסט־לערישע מיגלעכקייטן פון דער קריסטלעכער רעליגיע — א. ל.); און עס וואָלט אויך בייגעשטייערט צוצוגרייטן דעם עפּישן געשמאַק, וועלכער איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער זעכצנטן יאָרהונדערט, און וואָס האָט אַרויסגעבראַכט דאָס גרעסטע פּאָרטוגעזישע ווערק די לוזיאַדן".

קנאָספּעס וואָס האָבן זיך נישט צעבליט

און עס האָבן זיך טאַקע געפונען אַזעלכע וואָס האָבן געוואָלט דערוויזן אַז שמואל אושקיס בוך האָט געהאַט אַ דירעקטן איינפלוס אויף דעם מחבר פון דעם גרעסטן פּאָרטוגעזישן ווערק. אין זיין הקדמה צו דער אויסגאַבע פון 1906 ציטירט מענדעס דאָס רעמעדיאָס די ווערטער פון זיינעם אַ געלערנטן פריינד זשאָזע

ל'ואיז דע קאַמוינס

שמואל אושקים יונגערער בן־דור, מחבר פון דעם עפּישן ווערק
„די לוזיאַדן".

לגוים אן אלם בילדע

בענאַליעל, אַ ספּרדישער ייד, וועלכער זאָל האָבן אַנטדעקט געוויסע ענלעכקייטן צווישן די ווערק פון שמואל אושקי און לואיז דע קאַמוינס. כדי צו באַשטעטיקן זיינע רייד ברענגט ער פון ביידע ווערק פּאַראַלעלע ציטאַטן, וואָס זיינען פיל מער קוריאָז איידער איבערציינגנדיק. די השערה האָט אָבער געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט און אַפילו די באַשטעטיקונג פון טייל מאָדערנערע פּאָרטוגעזישע שרייבערס.

קאַמוינס (1580-1524) איז געווען אושקיס אַ יינגערער בן-דור. ער האָט זיך קונה-שם געווען אין דער וועלט-ליטעראַטור מיט זיין עפּיש ווערק „די לוזיאַדן", באַקאַנט ווי די „פּאָרטוגעזישע ביבל" און אין וועלכן עס ווערט באַזונגען די גענואַגטע נסיעה פון דעם רייזנדער וואַסקאָ דאַ גאַמאַ און די אַנטדעקונג פון דעם וועג קיין אינדיע.

עס איז קיין ספק נישט אַז מע קען געפינען אַ סך ענלעכקייטן אין סטיל און אין סינטאַקסישן בוי פון זאַץ ביי ביידע שרייבערס. דערויף זיינען זיי דאָך בני-דור. עס איז אָבער אַ טעות, וואָס שטאַמט פון זשורנאַליסטישער יאַגעניש נאָך סענסאַציע צו וועלן באַווייזן מיט פּאַראַלעלע ציטאַטן אַז אושקי האָט דירעקט אינספּירירט דעם מחבר פון דער פּאָרטוגעזישער נאַציאָנאַלער עפּאָפּיי.

אינטערעסאַנט פאַר דער ליטעראַטור-געשיכטע איז אויסצוגעפינען די מער דינע פעדעם, וואָס פאַרקניפּן אומדירעקט ביידע גרויסע שרייבערס פון דעם זעלבן יאָרהונדערט. עס איז, למשל, מערקווערדיק אַ שטריך וואָס איז געמיינזאַם פאַר ביידע ווערק: אין אַ צייט פון שייטער-הויפנס און נאַציאָנאַלן אונטערגאַנג האָט שמואל אושקי געזוכט אַ טרייסט אין דעם רעטראָספּעקטיוון בליק איבער די גאָלדענע תקופות פון דער יידישער פאַרגאַנגענהייט; און אין סאַמע דעקאַדענץ-פּעריאָד פון פּאָרטוגאַל האָט קאַמוינס געזוכט אַ באַשייד פאַר דעם צוקונפטיקן גורל פון זיין פאָטערלאַנד אין דער גלאָררייכער, פאַרגאַנגענער תקופה פון די געוואַגטע ים-רייזנדערס, וואָס האָבן צעטראָגן דעם רום פון די לוזיטאַנער אין אַלע פיר עקן פון דער וועלט.

איידער זיך לאָזן אויפן וועג פון גוזמאות איז, בכן, גלייכער צו פאַרצייכענען אין דער ליטעראַטור-געשיכטע אַ פאַרדריסלעכן אמת: מעגכטיק איז געווען די פּאָטענציעלע בליקראַפט פון דעם יידנס פּאָרטוגעזישן ווערק. מעגכטיק אָבער פאַרהוילן, מחמת דעם אינקוויזיציע-פאַרבאָט. געגליכן צו אַ רויזנצווייגל וואָס זיינע קנאָספּעס האָבן זיך נישט געקענט צעבליען.

רמזים וואָס נאָרן אָפּ

איז אושקיס ספר שוין איבערגעזעצט געוואָרן אין אַנדערע לשונות? אין דעם שפּאַנישן „אינדעקס" פון אַנטאָניאָ סאַנטאָ מאַיאָר (ציטירט ביי וואָלפן), ווו שמואל אושקי איז אַריינגערעכנט צווישן די שעדלעכע מחברים, ווערט געזאָגט: „זיין בוך וואָס הייסט אַ טרייסט

צו די ל יי ד ן פ ו ן י ש ר א ל, אין קאַסטיליש צי אין פּאָרטוגעזיש, אָדער אין וועלכער עס נישט איז אַנדערער שפּראַך, געדרוקט אין פערארא, אין דער דרוקעריי פון אברהם אבן אושקי, 5313 ליצירה, דעם 27טן סעפּטעמבער, ווערט פאַרבאָטן". פון דאָנען האָבן טייל ביבליאָגראַפן געוואָלט דרינגען אַז אושקיס בוך איז שוין געווען איבערגעזעצט אין קאַסטיליש אָדער אין אַן אַנדערער שפּראַך. אָבער וואָלף אַליין גיט צו, נאָכן ציטירן די אויבן דערמאַנטע ווערטער פון „איג־דעקס", אַז ער האָט אַזעלכע אויסגאַבעס קיין מאָל נישט געזען און אין ערגעץ זיי נישט געטראָפן דערמאַנט.

מען דאַרף, בכן, פאַרשטיין אַז דער צענזאָר האָט אָפּגעשאַצט דעם ווערט פון אושקים בוך און איז חושד געווען אַז צוליב זיין חשיבות וועט מען עס אַ מאָל אי־בערזעצן. האָט ער זיך דעריבער געוואָלט באַוואָרענען פון פאָרויס...

אויסער דעם דאָזיקן אומבאַגרינדעטן רמז וועגן אַ קאַסטילישער איבערזעצונג, איז נאָך פאַראַן אַ פאַרפירערישער אָנדייט וועגן אַ העברעישער.

די פּאָרטוגעזישע ביבליאָגראַפן אַנטאָניאָ ריביירראָ דאָס סאַנטאָס און אינאָ־סענסיאָ פראַנסיסקאָ דאַ סילוואַ און דער שפּאַנישער געלערנטער כאָסע אַמאַדאָר דע לאָס ריאָס, ווען זיי באַשרייבן דאָס שער־בלאַט פון אושקים בוך, גיבן זיי צו, פאַר דעם פּאָרטוגעזישן טיטל, צוויי העברעישע ווערטער געשריבן מיט לאַטייני־שע אותיות: Nahom Israel. דאָס האָבן זיי ווייזט אויס גענומען אין דעם בי־בליאָגראַפישן ווערק Biblioteca Española פון כאָזע ראָדריגעז דע קאַסטראָ (געדרוקט אין מאַדריד 1786 און ציטירט ביי מענדעס דאָס רעמעדיאָס). דאָרט ווערט אושקי דערמאַנט אַזוי: „ער האָט געשריבן אין פּאָרטוגעזיש אַ היסטאָריש ווערק מיטן ווייטערדיקן שער: נחום ישראל" אא"וו. די ווערטער נ ח ו ם י ש־ ר א ל זיינען ביי דע קאַסטראָ מיט העברעישע אותיות, און דערנאָך קומען די פּאָרטוגעזישע שורות פון שער-בלאַט.

עס איז, ביי מיר, אויסער יעדן ספק אַז דאָ האָבן מיר נישט צו טאָן מיט אַן עכטן ביבליאָגראַפישן דעטאַל. דאָס האָט מסתמא דער שפּאַנישער ביבליאָגראַף גע־וואָלט אַרויסווייזן זיין בקיאות אין דער העברעישער שפּראַך, און איבערגעזעצט דעם טיטל אויף אייגענעם חשבון און אין אַ גרייזיק העברעיש לשון.

מענדעס דאָס רעמעדיאָס האָט געהאַט פאַר זיך ביידע אויסגאַבעס, און געזען אַז אויפן שער־בלאַט זיינען די העברעישע ווערטער „נחום ישראל" נישטאָ. אָבער פאַרפירט פון אַזאַ קוריאָזן דעטאַל האָט ער חושד געווען אַז די ווערטער זיינען אפשר געווען אויף דער הילע פון בוך, וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען ביים איינבינדן. דע־ריבער האָט ער זיי אוועקגעשטעלט אויף דער הילע פון זיין אויסגאַבע, ווי מע קאָן זען אויפן פאָטאָגראַפישן אָפּדרוק.

נחום ישראל

CONSOLAÇAM ÁS TRI-
BVLAÇOENS DE
ISRAEL.

COMPOSTO POR SA-
MVEL VS-
QVE

II



Impresso em casa de Francisco França
Amado em Coimbra a 27 de
Outubro de 1906

הילע פון דער אויסגאבע וואס מענדעס דאס רעמעדיאס האט
געמאכט פון אושקים בוך, אין יאר 1906.

הבטחות וואָס זיינען נישט מקוים געוואָרן

אויך אין די נייערע צייטן זיינען פאַראַן רמזים און אַנדייטן אויף איבערזעצונגען, וואָס אַלע האָבן וועגן זיי געהערט אָבער קיינער האָט זיי קיין מאָל נישט געזען. אין זיין ווערק „מוצאי גולה" (וואַרשע 1894), אויף זייט 289, שרייבט דער יידישער געלערנטער שאול פּנחס ראַבינאָוויץ וועגן אושקין: „ער איז גלייכצייטיק היסטאָריקער און דיכטער. די געלערנטע גרעץ און קייזערלינג שטעלן אים אין דער ערשטער ריי צווישן די יידישע געשיכטע-שרייבערס פון זיין דור. אָבער היות ווי איך האָב נישט געזען זיינע ספרים (זיין ספר — א. ל.) און די ציטאַטן וואָס די אויבן דערמאַנטע צוויי שריפטשטעלערס האָבן איבערגעזעצט זיינען גיכער לירישע אויסגאָסן וועגן דעם יידישן בראָך, זיפצן וואָס רייסן זיך אַרויס פון אַ צעווייטיקט האַרץ, דערפאַר קען איך נישט געבן קיין פולקום בילד פון דעם דאָזיקן געלערנטן היסטאָריקער און זיינע ביכער. איך קאָן נאָר זאָגן וועגן אים, אַז זיין בוך „די טרייסט" איז פאַרשלאָסן און פאַרמאַכט כמעט פאַר אַלע יידן, אויסער עטלעכע געלערנטע, וואָס פאַרשטייען פּאָרטוגעזיש."

און אין אַ באַמערקונג אויף זייט 308 פון דעם זעלבן בוך גיט ער צו: „נאָכן שרייבן די אויבן דערמאַנטע שורות, פון זייט 289, האָב איך באַקומען אַ בריוו פון דעם געלערנטן קייזערלינג אַז די טעג וועט אַרויסגיין אַ פולקומע דייטשע איבערזעצונג פון דעם וויכטיקן בוך; אָבער איך האָב זי ביז היינט נישט געקענט טרעפן." דאָס איז געווען אין 1894.

אין 1906 שרייבט מענדעס דאָס רעמעדיאָס אין זיין הקדמה, אַז ווען ער האָט פאַרטראַכט אַרויסצוגעבן אושקים „וואונדערלעך נאָר אומבאַקאַנט און פאַרגעסן" בוך, האָט ער זיך געווענדט צום יידישן געלערנטן קייזערלינג, וועלכער האָט אים אין זיין ענטפער „דערמאַנט" אַ פראַנצייזישע איבערזעצונג. דערפון דאַרף מען דרינגען אַז קייזערלינג האָט געהאַט בדעה איבערצוזעצן אושקין אויף פראַנצייזיש, אָדער ער האָט געהערט אַז עמעצער וויל עס טאָן. דער פּאָרטוגעזישער פאָרשער שרייבט נאָך אַז שטיינשניידער „האָט געטראַכט" צו מאַכן אַ דייטשע איבערזעצונג און אַז ער האָט אַ מאָל געלייענט ערגעץ ווו אַז „מ'גרייט צו" אַן ענגלישע איבערזעצונג, אָבער „ביז איצט האָט מען ווייזט אוים נאָך קיין איינע נישט פאַרעפנטלעכט" דאָס איז געווען אין 1906.

אין לערך דריי צענדליק יאָר אַרום קלאָגט זיך ד"ר ישראל צינבערג, שרייבנדיק וועגן אושקים בוך, (געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן, ניו-יאָרק 1943, באַנד IV, זייט 100):

„מיר האָבן זיך באַנוצט נישט מיטן אָריגינאַל (ווייל זיין שפּראַך איז אונדז נישט פאַרשטענדלעך) נאָר בלויז מיט די פראַגמענטן אין דער דייטשער איבערזעצונג, וואָס שטיינשניידער (פעסטשריפט צום צענטן שטיפטונגס-פעסט דעם אַקאַ־

דעמישן פעריינס פיר יידישער געשיכטע און ליטעראַטור" 38-77), גרעץ און קיי-זערלינג האָבן בשעתם פאַרעפנטלעכט. שטיינשניידער האָט אפילו מודיע געווען (דאָרט 77, 33) אז ביי אים איז פאַרטיק צום דרוק א פולשטענדיקע דייטשע אי-בערזעצונג פון אוסקעס פּאָעמע מיט א היסטאָריש-קריטישן אריינפיר און פיל באַמערקונגען, די איבערזעצונג האָט ער אָבער ווי עס שיינט קיין מאָל נישט פאַר-עפנטלעכט".

א טונקעלער פּלאָנטער. אַלע האָבן געהערט אָבער קיינער האָט קיין מאָל נישט געזען. הייסט עס אז די איבערגעזעצטע ציטאַטן, וואָס מ'טרעפט ביי גרעצן, צינ-בערגן און אנדערש ווי שטאַמען פון אייניקע פראַגמענטן, וואָס שטיינשניידער, גרעץ און קייזערלינג האָבן בשעתם איבערגעזעצט אָדער געלאָזט איבערזעצן.

מיטן אויסנעם פון די פראַגמענטן, וואָס מ'טרעפט אין יוליוס שטיינשניידערס אַרבעט און וואָס זייער איבערזעצונג איז באַשטעלט געוואָרן ביי א ספּעציאַליסט, זיינען, אגב, די פּאָר באַקאַנטע ציטאַטן פון אושקיס ווערק אָפּגענויגט פונעם אָרי-גינאַל. די אויבן דערמאָנטע געלערנטע, און ספּעציעל קייזערלינג, זיינען גרויסע אויטאָריטעטן אין דער פאָרשונג פון דער אינקוויזיציע-עפּאָכע. מיט זייערע ידיעות אין דער שפּאַנישער שפּראַך האָבן זיי מסתמא געפּרוווט איבערזעצן אויך פּאָרטו-געזישע טעקסטן צוליב דער ענלעכקייט פון ביידע לשונות. דערביי האָבן זיי אוודאי געבעטן די הילף פון ווערטערביכער, וועלכע זיינען, בדרך כלל, נאָר אמתע פריינד פון די וואָס קענען זיך שוין כמעט באַגיין אָן זיי. דער שפּאַנישער פאָרשער אַמאַדאָר דע לאָס ריאָס אין זיין גרויס צווייבענדיק ווערק „סאָציאַלע, פּאָליטישע און רעליגיעזע געשיכטע פון די יידן אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל", באַנד II, זייט 138, האָט שוין אויפגעוויזן אז אזא גרויסער געלערנטער ווי קייזערלינג האָט גע-מאַכט פיל היסטאָרישע טעותים און אומפּינקטלעכקייטן, מחמת דעם וואָס זיינע ידיעות אין שפּאַנישן לשון זיינען נישט געווען גענוג בייגעוודיק, און ער האָט שלעכט באַנוצט ווערטערביכער. און די דאָזיקע שוועריקייטן קענען אפשר וואַרפן ליכט אויף דעם פאַקט, וואָס די הבטחות וועגן איבערזעצונגען זיינען נישט מקוים געוואָרן.

פונאַנדערוויקלענדיק א נייע מגילה

די גרויסע צאָל הבטחות זאָגן עדות, אז אַלע האָבן געהאַלטן פאַר אומבאַדינגט וויכטיק דאָס איבער-זעצן און פּאָפּולאַריזירן די „טרייסט צו די ליידן פון ישראל". אָבער די וואָס האָבן געהאַט בדעה עס צו טאָן און האָבן אפילו עפנט-לעך א נדר געגעבן, האָבן, ווייזט אויס, איבערגעהאַקט זייערע פּרוּוון בעת זיי האָבן זיך אָנגעשלאָגן אָן די ערשטע מכשולים. דעם מחבר פון די שורות איז גרינג דאָס צו פאַרשטיין ווייל אויך אים האָט דער שטן נישט איין מאָל אָנגערעדט...

די אַרכאַישע פאַזע פון דער פּאָרטוגעזישער שפּראַך אין אושקיס תקופה, דער

פארפלאָנטערטער סינטאקסישער בוי פון דעם יעמאָלטיקן זאַץ און די פּרימיטיווע דרוקטעכניק, מאַכן טונקל און פּילדייטיק אַ סך שטעלן פון בוך. אויך איז שווער אויפצושטעלן די באַשרייבונג פון אַ מערקווערדיקן מאַן בלויז מיט אַ קליינער צאָל נעפּלדיקע ביאָגראַפישע רמזים, וואָס זיינען צעוואָרפן איבער די אַלטע פאַרשטויבטע בלעטער פון לאַטייניש, העברעיש, שפּאַניש און פּאָרטוגעזישע ספרים.

אָבער, נישט קוקנדיק אויף די פילע מכשולים, ווערט איצט געבראַכט פאַר דעם יידישן לייענער אַן אַלט פּאָרטוגעזיש בוך, און עס ווערט פאַר אים פונאַנדערגעוויקלט די מגילה פון יידישן צער און ווייטיק, וואָס עס האָט געשריבן מיט טרערן און בלוט אַן אומבאַקאַנטער ברודער פון פּאָרטוגאַל.

סוף דבר

ווען איך האָב מיר געשטעלט דעם ציל אַריינצוברענגען אושקים ווערק אין יידישן תחום און בולט צו מאַכן זיין ליטעראַרישע און היסטאָרישע חשיבות, איז געווען מיין ווונטש אַז די אַרבעט זאָל ווערן אַ נייער מקור פאַרן יידישן פאָרשער און אַ בוך מיט נייעם לייענשטאָף פאַרן יידישן לייענער. דעריבער האָב איך דורכגעלאָזן טיילן פון ערשטן און דעם גאַנצן צווייטן דיאַלאָג, וואָס זייער טעמע איז די אַלטע יידישע געשיכטע און ווו קיין חידושים זיינען נישט בנמצא, סיידן אין אָריגינאַל, פאַר שפּראַכלעכע און סטיליסטישע פאָרשונגען פון דעם פּאָרטוגעזישן לשון. (דער גרעסטער און וויכטיקסטער פון אַלע איז דער דריטער דיאַלאָג, וועלכער איז כמעט אין גאַנצן איבערגעזעצט.) אָבער כדי אויפצוהיטן די פּאַנאָראַמישע שלימות פון דעם זעלטענעם ספר, האָב איך פאַרבונדן די איבערגעזעצטע חלקים מיט קאָמענטירטע קיצורים, וועלכע גיבן אַ גענויעם באַגריף וועגן דעם דורכגעלאָזטן טעקסט.

און היות עס האַנדלט זיך וועגן אַ בוך וואָס געהערט נישט אויסשליסלעך צו דער בעלעטריסטיק, נאָר שטייט אויך טיף אין דער ספערע פון ליטעראַטור־געשיכטע און היסטאָריאָגראַפיע, האָב איך געמאַכט די איבערזעצונג טריי צום אָריגינעלן טעקסט — נישט געשניטן, נישט מאָדערניזירט — כדי אויפצוהאַלטן דעם פּרימיטיוון קאָלאָריט. די פּירושים און שינויים, וואָס זיינען נייטיק געווען אויף צו מאַכן פאַרשטענדלעכער די פאַרפּלאָנטערטע ענינים, האָב איך געגעבן אין דער פאָרעם פון באַמערקונגען ביים ראַנד פון די זייטלעך, אָדער ביים סוף פון יעדן קאַפּיטל.

און די מי וועט זיך אוודאי האָבן געלוינט אויב דער דאָזיקער אַרבעט זאָל געלינגען צו באַרייכערן די מקורים פון וואַנען עס שעפּן היסטאָריאָגראַפן און שריפטשטעלערס ווען זיי ווילן אויפריכטן, אין היסטאָרישע נאָוועלעס אָדער וויסנשאַפטלעכע עסייען, דעם סודותדיקן יידישן מיטל־עלטער און באַזונדער די פאַרכטלעכע אַנוסים־עפּאָכע. אַ קליינע אומה האָט נישט פיל דרכים צו קאָמפּענסירן אירע אבידות פון היסטאָרישער פּראָפּאָרץ. און אין דער איצטיקער נאָך־מאַידאַנעק־שעה,

ווען מיר קלייבן און ציילן אונדזערע טויטע, זאָל אפשר דער חלל פון דער נייער אבידה אויסגעפילט ווערן דורך דעם ליטעראַרישן ווידערגעבורט פון פאַרצייטיקע העלדן און מאַרטירערס, וואָס מ׳האָט זיי געבערענט אויף די שייטער-הויפנס פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל און וואָס באַשיינען היינט, ווי אָנגעצונדענע לאָמטערנס, די טונקעלע גאַסן פון אונדזער געשיכטע.

אַ טרייסט צו די ליידן פון ישראל

אַנגעשריבן פון

שמואל אושקי



געדרוקט אין פעראַראַ ביי אברהם אבן אושקי, אין יאָר 5313 ליצירה,

דעם 7טן סעפּטעמבער.

איבערגעזעצט פון אַלט־פּאָרטוגעזיש און קאָמענטירט פון

אליהו ליפּינער

צו דער הויכגעשעצטער פרוי דאָנאַ גראַסיאַ נשיא

דאָס האַרץ ווערט געאַכט ווי דער איידלסטער און וויכטיקסטער אבר פון מענטשלעכן גוף, ווייל עס דערשפּירט גיכער דעם ווייטיק, וואָס יעדער אַנדערער גליד טראָגט איבער. פאַרוואָר, עס איז גענוג דאָס האַרץ צו שטילן, און אַלע אַנדערע אברים בלייבן רויק און אַזוי ווי מיין הויפּט-כוונה איז צו דינען מיט דעם דאָזיקן יונגן פּרוכטצווייגל (1) אונדזער פּאָרטוגעזישער נאַציע (2), איז מן היושר אַז איך זאָל עס הייליקן אייער עקסצעלענץ, ווי דאָס האַרץ פון דעם דאָזיקן גוף; דען מיט דער הילף וואָס איר האָט געגעבן, איז באַוויזן אַז איר האָט געפילט און פילט נאָך ביז איצט, זייערע ווייטיקן מער ווי יעדער אַנדערער. און אין דעם פּרט, הויכגעערטע פרוי, פאַרבלענדט מיך נישט די צוגעבונדנקייט וואָס איך פיל צו אייך, באשר איך בין אייער ווערק, און וויל דורך ספרים, שריפטן און מעשים אויסדריקן מיילוויז מיין דאַנק פאַר די פיל חסדים, וואָס איך האָב פון אייער אָפענער האַנט באַקומען; וואָרעם זינט דעם טאָג ווען אייער ליכט איז אַנטפּלעקט געוואָרן, האָבן פון אים נהנה געווען אַפילו די באַשיידנסטע פון אונדזער פאָלק, אין וועמעס ביינער עס וועט בלייבן איינגעקריצט אייער נאָמען און געבענטשטער אָנדענק לדור דורות. איך וויל נאָך זאָגן אַז די וואונדערלעכע סגולה וועלכע טיילט אויס די זון פון אַלע אַנדערע מזלות שטאַמט דערפון וואָס אירע שטראַלן גרייכן דאָ אונטן אויף דער ערד, און מאַכן שפּראָצן די צמחים. וועלכער זשע פון די גרויסע מענטשן־מזלות, וואָס אונדזער אומה פאַרמאָגט, וועט אייך, גנעדיקע פרוי, איבערשטייגן אין דער דאָזיקער סגולה? ווער וועט לייקענען אַז אַלע אייערע מעלות האָבן צוזאַמען געווירקט אין דעם לעצטן מקום פון דער ערד (3) און אַז איר האָט געמאַכט פרוב־פעריק די געוויקסן, וואָס זיינען דאָרטן אין יענער פינצטערניש באַגראָבן, און אַז איר טוט נאָך דאָס זעלבע ביז היינטיקן טאָג. דעריבער בעט איך אייך, אַזוי ווי איר זענט שוין געוויינט מיר תמיד נוטה־חסד צו צו זיין, זאָלט איר אויך אָננעמען מיין באַשיידענע אַרבעט, כדי אייער הסכמה זאָל איר צוגעבן די אויטאָריטעט און דעם דרך-ארץ, וואָס עס באַקומט אַלץ וואָס שפּאַרט זיך אָן אין אייך. און זאָל אונדזער גאָט פאַרלענגערן דאָס לעבן און וווילזיין פון אייך, און פון אייער איידעלער טאָכטער (4) אויף לאַנגע יאָרן.

שמואל אושקי.

---

1) אַזוי רופט אושקי זיין דעמאָלט ערשט אַרויסגעגעבן ווערק.

2) דאָס הייסט: די פּאָרטוגעזישע יידן.

3) אושקי באַמערקט ביים ברעג פון זייטל: „פּאָרטוגאַל”. צוליב איר געאָגראַפישער פּאָזיציע

בילדעט פארטוגאל א טייל פון דער אייראפעאישער ברעגליניע. און די דאזיקע טאפאגראפישע אייגנשאפט האט געמוזט ארויסרופן ביי אושקין די אסאציאציע צווישן פארטוגאל און דעם „עק פון דער ערד" וואס ווערט דערמאנט אין ספר דברים, כח, סח. אזוי, מיין איך, דערקלערט זיך פאר וואס אושקי רופט דא אז דאס לאנד פון וואנען ער איז אנטלאפן „דאס לעצטע מקום (דער עק) פון דער ערד". זע נאך דריטער דיאלאג, קאפיטל 28, באמערקונג 11. אויך אויף אן אנדער ארט, ביים סוף פון בוך, זאגט אושקי אז מיט דעם ביבלישן „עק פון דער ערד" וואס גאט האט געזאגט אז ער וועט אהין פארשיקן די יידן, איז געמיינט שפאניע און פארטוגאל. און די דאזיקע צוויי מדינות וואס בילדן דעם עק פון פירענעאישן האלבאינדזל זיינען — לויט אושקיס אינטער־פרעטאציע פון די ביבלישע ווערטער -- דער לעצטער פונקט פון דעם יידישן וואנדערוועג. די ייִדי־שע צעשפרייטונג האט דערגרייכט איר לעצטע פאזע, און עס מוז זיך אנהייבן דער צוריקקער צו דעם צענטער פון וואנען די אויסשפרייטונג האט זיך אנגעהויבן. א סמך פאר זיין אויסטייטשונג געפינט אושקי אין די גרויסע עמיגראציע־שטראמען וואס האבן זיך אין זיין תקופה, דאס הייסט אין זעכצנטן יארהונדערט, געצויגן קיין ארץ ישראל

4) וועגן דער פרוי גראסיא נשיא און איר טאכטער ריינא, און וועגן די חסדים וואס זיי האבן געטאן מיט די אנוסים פון פארטוגאל, זע ביים אנהייב פון פאריקן קאפיטל.

װעגן דער פּאָרעם און װעגן דעם צװעק פֿון בוך.
אַ פֿאָררעדע צו די אַטלאָפּענע פֿון פּאָרטוגאַל

זכרונות װעגן פֿאַרגאַנגענעם שלעכטס קאָנען טײלװײז פֿאַרקלענערן די לײדן פֿון שװערע געמיטער, בפֿרט װען די אַמאָליקע צרות שטײגן איבער די קעגנװאַרטיקע. און כאָטש מ׳הײלט נישט אײן װונד מיט אַ צװײטער, קומט אונדז די דאָזיקע עצה בקבלה פֿון די גרױסע מענער, װעלכע האָבן מיט זײער פֿיל װיסן געזוכט רפֿואות פֿאַרן קומער פֿון דער נשמה, און געלערנט די מענטשן װי אַזױ איבערצוטראָגן דעם פּײן צו װעלכן דאָס ביטערע לעבן האָט זײ אַזױ פֿאַרקנעכט און אונטערגעיאָכט. סאָקראַטעס (אַ לערער און װעגװײזער נישט נאָר פֿאַר אַטענער, װעלכע האָבן אױסגעפֿונען אַלע חכמות, נאָר אױך פֿאַר די איבעריקע פֿעלקער, װאָס באַזיצן אַלע שײנע קונסטן) פֿלעגט זאָגן אַז אױב מענטשן געפֿינען זיך אין אַ נױט זאָלן זײ פֿאַרגלײכן דאָס פֿאַרגאַנגענע שלעכטס מיט דעם קעגנװאַרטיקן, און זײ װעלן גרינג געפֿינען אַ טרײסט; װײל װי קלײן עס זאָל נישט אױסזען אַ פֿאַרצײטיקער אומגליק איז ער נאָך אַלץ גרעסער פֿון דעם נײעם. און באמת, װען מיר זאָלן זיך פֿאַרטראַכטן רואיק, אָן לײדנשאַפֿט, איז נישט פֿאַראַן אין אונדזער צײט אַזאַ צרה — װי גרױס זי זאָל נישט זײן — װאָס די פֿאַרגאַנגענע דורות זאָלן נישט האָבן געליטן קײן גרעסערע. און אױב דאָס איז ריכטיק און קומט פֿאָר בײ אַנדערע פֿעלקער, על אחת כמה וכמה בײ אונדזער געפּלאָגטער און געטריבענער אומה, װאָס הגם זי לעבט איצט איבער שרעקלעכע לײדן, זײנען זײ נאָך אַלץ קלײן אין פֿאַרגלײך מיט יענע װאָס אונדזערע אבות האָבן שױן איבערגעלעבט. און לױט מײן פֿאַרשטאַנד קאָן דער פֿאַקט דערקלערט װערן דערמיט, װאָס דאָס דאָזיקע פֿאָלק איז שױן אַזױ קלײן און שװאַך אַז די גרױסע פּײנען קאָנען אױף אים מער נישט פֿאַלן מיט זײער גאַנצער לאַסט; צי אפֿשר גאָר קאָן מען די זאַך דערקלערן — לױט מײן גלױבן און װוּנטש — אַז נאָך די מאַטערנישן װאָס האָבן אונדז ביז איצט פֿאַרפֿאָלגט, אין פֿאַרפֿאָלגן נאָך, הײבט שױן אָן צו טאָגן, און דער געגאַרטער מאָרגן װיל זיך שױן צו אונדז באַװײזן נאָך דער שטורעמדיקער װינטערנאַכט. אַזױ װי אַלע זאַכן װערן פֿונעם בורא רעגירט מיט שלימות, אָן אַ שום פּגם, איז צו גלײבן אַז פּונקט

ווי אונדזערע מאַטערנישן האָבן געהאַט אַן אָנהייב, אַזוי וועלן זיי אויך האָבן אַ סוף, דען נאָר ע ר איז אומענדלעך און היות ווי אונדזערע צרות זײַנען אַזוי גרויס אין צאָל, און האָבן זיך אָנגעהויבן זינט אַזאַ לאַנגער צײַט, איז צו האָפן אַז אויב נאָר אונדזערע זינד וועלן זיי נישט אויפהאַלטן און שפּייזן, וועט גיך צו זיי נעמען אַ סוף, און עס וועלן זיך באַווײַזן די גוטע צײַטן אויף וועלכע מיר קוקן אַרויס.

איך האָב צוגעזען אַ דערשיטערטער, ווי אונדזערע געטרויפטע ברידער, וועלכע זײַנען איצט פאַרטריבן געוואָרן פון פּאָרטוגאַל, האָבן לעצטנס זיך אָנגעהויבן וואַקלען. זיי גיבן זיך אונטער און לאָזן זיך באַהערשן פון דעם אומגליק מער וויפל מען דאַרף, טייל פאַר נויט, אַנדערע פאַר שרעק, און די מערסטע פון זיי, מחמת דער קליינער שטאַנדהאַפטיקייט וואָס איז מלכתחילה פאַרפלאַנצט אין אונדזערע געמיטער (1). דעריבער האָב איך באַשלאָסן צו שרייבן די געשיכטע פון אַלע אומגליקן וואָס האָבן אונדזער פאָלק געטראָפן, יעדער אומגליק מיט זײַן סיבה. איך האָב אַלץ געזאַמלט נישט מיט קליינער מי פון פאַרשיידענע און אַנערקענטע מחברים, ווי עס איז צו זען ביי די ראַנדן פון די זײַטלעך, און פון מער הײַנטצײַטיקע געשיכט־שריפטן אין וועלכע עס געפינען זיך אַלטע זכרונות (2) און כדי נישט צו לאָזן די גרויזאַמע ווונדן אָפן, האָב איך באַשטימט צו שליסן יעדע קלאָג מיט געטלעכע טרייסטווערטער, און יעדן אומגליק מיט יענעם גליקלעכן סוף, אויף וועלכן אונדזערע אויגן קוקן באמת אַרויס.

ביים סוף פון יעדן באַשריבענעם אומגליק, קומט די נבואה וואָס זאָל דערביי האָבן מקוים געוואָרן, כדי צו ווײַזן אַז פּונקט ווי עס האָבן געערדט אמת די נביאים וואָס האָבן פאָרויסגעזען אונדזערע פּלאָגן, וועט דאָס זעלבע מוזן געשען אויך מיט די גוטע נבואות, באשר ביידע פליסן אַרויס פון זעלבן קוואַל (3). איך מיין נישט דערמיט אויסצודריקן די זיכערקייט אַז יעדער אומגליק וואָס איז באַשריבן אַנטשפּרעכט טאַקע באמת דער ציטירטער נבואה, ווײַל דאָס ווייסט נאָר גאָט. און עס איז צו גלייבן אַז אפילו דער נביא האָט אין זײַן דמיון און אין זײַן כוונה נישט פאַרטיילט ווו און אין וועלכע ערטער זײַן נבואה וועט מקוים ווערן; נאָר באַשרייבנדיק וואָס אונדז האָט געטראָפן, פאַרגלייך איך עס מיט דעם, וואָס די נביאים האָבן פאָרויסגעזען, און דאָס איז נישט סותר די ווערטער פון אונדזערע חכמים לויט וועלכע אַ טייל פון די נבואות וועלן נישט מקוים ווערן פּינקטלעך אַזוי ווי עס איז געשריבן, מחמת דעם וואָס די נביאים רעדן אָפט מאָל בדרך משל און זייער סגנון פאַרמאָגט אין זיך צו מאָל גוזמאות. מ׳דאַרף מודה זײַן אַז נישט קיין קליינע בר־סמכאס זײַנען אויך יענע וואָס פּרוּוון דערווײַזן אַז אין די נבואות איז געמיינט אונדזער דור; איך וויל אָבער נישט דינען צו ענדערן די כוונה פון יענע גרויסע גייסטער וואָס האָבן פאַרשטאַנען אַנדערש.

וואָס שייך דער פאָרעם פון בוך שטעל איך פאַר אונטערן נאָמען איכבו, אונ-

דזער גרויסן פאָטער יעקב אין דער געשטאַלט פון א פאַסטעך, ווי ער איז עס טאַקע געווען, און ער באַוויינט דאָס שלעכטס וואָס האָט געטראָפן זיינע קינדער, קינדער לויט בלוט, קינדער לויט גזעצע, קינדער לויט גייסט; און פיל מאָל שטעלט ער פאַר דעם גאַנצן כלל-ישראל, ווייל ביידע זיינען, באמת, איינס. אים טרייסטן נחום און זכריהו, מיט די נעמען א ביסל פאַרענדערט, לויטן מנהג פון אַלטע מחברים, און היות זיי זיינען גרויסע נביאים ווי עס איז צו זען פון זייערע ווערטער, פאַרענט-פערן זיי פיל ספיקות וואָס ישראל האָט, און לסוף איבערצייגן זיי אים מיט נבואות אז דער אומגליק פאַרגייט און עס דערנעענטערט זיך די געגאַרטע צייט, און זיי געבן אים פיל בשורות וועגן דעם קומענדיקן גליק. און הלוואי זאָל איך האָבן נושא-חן געווען ביי גאָט, און עס זאָל מיר האָבן געלונגען צו שרייבן מיט מיין פעדער אַזוי ווי דער וויכטיקער אינהאַלט פון בוך איז עס ווערט. אָבער איך טרייסט מיך דער-מיט, וואָס ביי די וויכטיקע געשעענישן וואָס זיינען זוכה געדענקט צו ווערן, נעמען די גוטע קריטיקערס וויניקער אין אכט די שפּראַך אָדער דעם סטיל, ווייל די זאַך פאַר זיך ווערט געשעצט, און די ווערטער זיינען נישט מער ווי איר אויסדריק. דע-ריבער שאַדט נישט אויב זיי זיינען נישט געגוג שיין אָדער וויניק באַצירט. איך האָב אויך באַשלאָסן צו שרייבן דאָס דאָזיקע קליינע בוך מיט דער כוונה אָנצורעגן די איידעלע גייסטער, וואָס אונדזער אומה פאַרמאָגט פון זיי פיל, צו זאָגן אין מער ווערטער און אין א בעסערן סטיל, דאָס וואָס איך בין קוים מרמז. מיינע כוונות זיינען בלי ספק אַזוי געגייגט לטובת הכלל אז איך וואָלט צופרידן געבליבן ווען מיין אַרבעט זאָל זיין אַרויסגעוואָרפן און פאַרגעסן, לגבי די גוטע און לייבווערטיקע ספרים, וואָס זאָלן נאָך איר דערשיינען.

די נעמען פון די פאַסטעכער האָבן א יסוד ווייל איכבו (Ycabo) וואָס שטעלט פאַר אונדזער פאָטער איז צוזאַמענגעשטעלט פון די זעלבע אותיות וואָס יעקב (Yahacob) און אויסער דעם באַטייט עס אין לשון קודש: „עס האָט זיך אָפּגעטאָן דער כבוד פון ישראל" (4). דאָס איז געווען דער נאָמען וואָס עלי הכוהנם שנור האָט געגעבן דעם זון, וואָס זי האָט געבוירן בעת דער טרויעריקער ידיעה, אז דער ארון איז געפאַנגען געוואָרן פון די פלשתים.

נומעאָ (Numeo) שטאַמט פון נחום, וואָס באַטייט: דער טרייסטער, און דאָס איז טאַקע זיין ראָל אין בוך, און זיקאַרעאָ (Zicareo) שטאַמט פון זכריהו, ווייל ער דערמאָנט דאָס גוטס וואָס ישראל האָט באַקומען ווי א פאַרגיטיקונג פאַר די צרות. וואָס ער איז אויסגעשטאַנען, און די נקמה וואָס איז פאַר ישראלן גענומען געוואָרן.

טייל הערן, איידער זיי האָבן געוווסט מיין כוונה, האָבן געהאַלטן, אז עס וואָלט גלייכער געווען צו מאַכן דעם דאָזיקן חיבור אין דער קאַסטילישער שפּראַך; אָבער איך גלייב אז אין דעם פּרט בין איך נישט באַגאַנגען קיין טעות, ווייל היות

מיין הויפּט־כוונה איז רעדן צו פּאָרטוגעזער (5) און, באַשרייבנדיק אונדזער גירוש, זוכן, דורך פאַרשידענע און לאַנגע אומוועגן, אַ לינדערונג צו די צרות וואָס מיר שטייען אין אים אויס, האָט זיך נישט געלוינט צו פאַרלאָזן די שפּראַך וואָס כ'האָב מיט דער מוטערמילך איינגעזויגן און נוצן אַן אַנדערע, אַ געליענע, ביים רעדן צו מיינע לאַנדסלייט. און כאָטש צווישן די מגורשים געפינען זיך אויך אַ סך וועלכע זיינען, בשעתם, געקומען פון קאַסטיליע, פון וואַנען אויך מיינע אבות שטאַ־מען, שיינט מיר נאָך אַלץ צו זיין ריכטיקער אַז איך זאָל נעמען אין באַטראַכט די וואָס זיינען איצט אין אַ גרעסערער צאָל.

---

1) די דאָזיקע באַמערקונג אושקיס קען אויסגעטייטשט ווערן ווי אַ פאַרשטעלטער פאַרוואורף קעגן די אנוסים. אַנדערע פאַרזיכטיקע באַמערקונגען וואָס קלינגען ענלעך, וועט נישט שווער זיין צו געפינען בעתן בלעטערן אושקיס בוך, אין וועלכן מ'טרעפט, גלייכצייטיק, הייסע ליבוווערטער פאַר די וואָס זיינען, טראָץ אַלע עינויים, געבליבן פעסט ביי זייער אמונה. אין קאַפּיטל איינס פון דריטן דיאַלאָג, למשל, ווו עס ווערט באַשריבן די שמד־גזירה פון סיזעבוטן רעדט אושקי וועגן דעם „טעות וואָס די דאָזיקע (וואָס האָבן געביטן זייער אמונה) זיינען באַגאַנגען מחמת זיי האָבן זיך מער געשראָקן פאַרן קערפּערלעכן טויט איידער געזאָרגט פאַרן לעבן פון דער נשמה". אויך אין קאַפּיטל פינף און צוואַנציק פון דריטן דיאַלאָג רעדט אושקי מיט פאַרדראָס און איראָניע וועגן די אנוסים וואָס זיינען געשטיגן אויף דעם סאָציאַלן לייטער און באַקומען אַלערליי אַדל־טיטלען און ערן־נעמען „מיט וועלכע די וועלט איז זיך נוהג צו באַשענקען די אַלע וואָס גייען איר נאָך". אמת אַז אושקי רעדט אויך אָפּט וועגן די אנוסים מיט מיטלייד און אין אַ רעזיגנאַ־ציע־טאָן; דערפאַר גרייפט ער אָבער זייער שאַרף אָן די וואָס האָבן זיך מער נישט געוואָלט אומ־קערן צו דער יידישער אמונה, אפילו ווען זיי זיינען שוין געווען אין אַ פריי לאַנד. (זע קאַפּיטל 31, למשל, פון דריטן דיאַלאָג).

אַזוי ווערט געבוירן אַ גרויסער היסטאָרישער ספק: איז שמואל אושקי געווען אַ מאַראַן? וואָלט דען אַ מענטש מיט אַ צאַרט־פילנדיקער נשמה ווי ער איז געווען, געהאַט מוט צו וואַרפן דעם מינדסטן שאָטן אויף זיינע אייגענע אחים לצרה, ווען ער אַליין זאָל זיך, במשך דער צייט וואָס ער האָט געלעבט אין פּאָרטוגאַל, נישט געווען פעסט האַלטן ביי דער אמונה פון זיינע אבות?

גרעץ באַהויפּט: „אושקי איז בלי ספק געווען אַ מאַראַן. דאָס איז קלאָר פון עטלעכע שטעלן אין זיין ספר, אָבער זיין קריסטלעכן נאָמען האָב איך נישט געקענט אַנטדעקן אין זיין בוך" (דברי ימי ישראל, מתורגם מאת שפ"ר, חלק שביעי, ציון 3). גרעץ ציטירט נישט און ווייזט נישט אָן די שטעלן פון אושקיס ספר וועלכע האָבן ביי אים אַרויסגערופן די דאָזיקע זיכערקייט. עס מוז זיך אָבער האַנדלען וועגן עטלעכע אומבאַשטימטע און נעפּלדיקע באַמערקונגען וואָס זיינען צע־וואָרפן איבערן בוך און וואָס מ'קען זיך משער זיין וועלכע זיי זיינען. אין קאַפּיטל דרייסיק, למשל, פון דריטן דיאַלאָג, איז געשריבן: „און איך אומווויסנדיקער, האָב געמיינט, אַז אונטער דעם קריסטלעכן לבוש וועל איך שוין ראַטעווען מיין נפש". דאָס קען זיין איינע פון די שטעלן פון וואַנען גרעץ האָט אַרויסגעדרונגען אַז אושקי איז געווען אַ מאַראַן. מען דאַרף אָבער געדענקען אַז די דאָזיקע ווערטער האָט אושקי אַריינגעלייגט אין מויל פון יעקבן וועלכער איז דער ליטע־ראַרישער הויפּטהעלד פון בוך, און עס איז נישט גענוג פאַרזיכטיק, פון וויסנשאַפטלעך־קריטישן שטאַנדפּונקט, איבערצוטראָגן אויפן מחבר די דאָזיקע ווערטער פון העלד.

אין זיין אַרבעט וועגן ר׳ שמואל אושקי (זע אין דער ביבליאָגראַפֿישער רשימה ביים סוף פֿון בוך) באַקעמפֿט יוליוס שטיינשנײַדער גרעצעס מיינונג, און באַהויפּט אַז אושקי איז נישט געווען קיין מאַראַן. ער שטיצט זיך דערביי אויף דער הויפּט־כוונה וואָס אושקי אַליין שרייבט צו זיין ספר, א ו י כ צ ו מ יי ד ן אַז יידן זאָלן פֿאַרלאָזן זייער אמונה, און אויך אויף דעם פֿאַקט וואָס פֿון שמואל אושקין איז נישט באַקאַנט קיין קריסטלעכער נאָמען, ווי פֿון די צוויי אַנדערע שרייבער — זיינע קרובים מסתמא — אברהם אושקי, וואָס זיין קריסטלעכער נאָמען איז געווען דוּאַרטע פּינעל, און שלמה אושקי, באַקאַנט ווי דוּאַרטע גאָמעס. בנוגע דעם לעצטן אַרגומענט איז אָבער וויכטיק צו באַמערקן אַז עס זיינען אויך פֿאַראַן נעפֿלדיקע אָנדייטן אַז שמואל אושקי האָט געהאַט אַ קריסטלעכן נאָמען: מאַנועל גאָמעס (זע דעם אונטערטיטל „צוויי טיילן פֿון אַן איבערגעשניטענעם עפּל״ אין דעם ביאָ־ביבליאָגראַפֿישן אַריינפֿיר צו דעם דאָזיקן בוך און אויך זייטן 37 און 63 אין די ביכער פֿון קאַראָלינאַ מיכאַעליס און טיישייראַ רעגאָ, דערמאָנט אין דער ביבליאָגראַפֿיע, ביים סוף פֿון דעם בוך).

עס זיינען — הייסט עס — נישט פֿאַראַן קיין היסטאָרישע ידיעות וועלכע זאָלן באַשטעטיקן אָדער לייקענען אַז אושקי איז געווען אַן אָנוס. אויב צו באַשיידן די דאָזיקע רעטעניש זאָל נישט געפֿונען ווערן קיין אַנדערער שליסל ווי באַשטימטע פּראַזעס פֿון זיין ווערק, שיינט צו זיין מער וואַרשיינלעך און אָביעקטיוו צו באַהויפּטן אַז אויף שמואל אושקין איז דאָס טויפֿוואַסער קיין מאָל נישט געשפּריצט געוואָרן. אויב אָבער מען זאָל נעמען ווי אַ שליסל צו דער רעטעניש די אָביעקטיווע היסטאָרישע באַדינגונגען פֿון דער תקופֿה, וועט מען קומען צו אַ פֿאַרקערטן באַשייד. ווייל עס איז אַ היסטאָרישער פֿאַקט אַז אויב די שפּאַנישע יידן איז געגעבן געוואָרן אַ ברירה: שמד אָדער פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד, איז די פּאָרטוגעזישע יידן אַזאַ ברירה נישט געגעבן געוואָרן און זיי זיינען אַלע אַריינגעטריבן געוואָרן איבער גוואַלד אין דעם קריסטלעכן גלויבן. די הבטחה פֿון דאָן מאַנועל אַרויסצולאָזן פֿון לאַנד יידן וואָס וועלן באַשליסן צו בלייבן פֿעסט ביי זייער גלויבן, איז געווען נישט מער ווי אַן אָפּנאַרערישער אויסרייד אָפּצושמדן אַלע יידן פֿון פּאָרטוגאַל (זע קאַפּיטל 28 פֿון דריטן דיאַלאָג). פֿון לערך צוואַנציק טויזנט יידן, וואָס זיינען פֿאַרנאַרט געוואָרן קיין ליסאַבאָן, אין יאָר 1497, מיטן צוזאָג זיי צו באַזאָרגן שיפֿן אין וועלכע זיי זאָלן אויסוואַנדערן, האָבן אויסגעוואַנדערט בלויז זיבן, וועלכע האָבן זיך מיט איבערנאַטירלעכער מסירת־נפֿש אַנטקעגנגעשטעלט אַלע צוואַנגמיטלען געשמדט צו ווערן. זיי זיינען באַקאַנט אין אַלטע פּאָרטוגעזישע כראָניקעס ווי די „זיבן ווילדע עקשנים״ און אין די יידישע ספֿרים ווי די „שבעה קדושי עליון״. אַלע איבעריקע זיינען אָפּגעשמדט געוואָרן און צו ערשט, און בעיקר, די קינדער. שמואל אושקי, וואָס האָט אַרויסגעגעבן זיין בוך אין יאָר 1552, האָט אין 1497 זיך געקענט געפֿינען, ווי אַ קינד, צווישן די געצוווּנגענע צו שמד. אויב מע זאָל אָננעמען אַז אושקי האָט נאָך דאַן נישט געלעבט, זיינען מסתמא זיינע עלטערן, אַנטלאָפֿענע פֿון שפּאַניע, געווען צווישן די קרבנות פֿון דאָן מאַנועל, און ער איז געווען אַ זון פֿון מאַראַנען. לכל הדעות שיינט צו זיין אַ פֿעסטער כלל אַז יעדער פּאָרטוגעזישער ייד וואָס אים איז געלונגען צו אַנטלויפֿן נאָך 1497, איז אין פּאָרטוגאַל געווען אַ מאַראַן.

2) אין ערשטן און אין צווייטן דיאַלאָג, וווּ עס ווערט באַשריבן די אַלטע יידישע געשיכטע, ציטירט אושקי זייער אָפֿט דעם תנ״ך, די ספֿרים פֿון יוסף פֿלאַוויוס, זעלטענער לוציאַן, אָווידיוס און די „כראָניק פֿון די רוימישע מלכים״. אין דריטן דיאַלאָג, וואָס זיין אינהאַלט איז די יידישע גלות־געשיכטע, ווערן אָפֿט ציטירט ווי מקורים Fortalitium Fidei (די פֿעסטונג פֿון גלויבן) פֿון דעם פֿראַנציסקאַנער אַלפֿאָנסאָ דע ספּינאַ און פֿאַרשידענע שפּאַנישע און פֿראַנצייזישע כראָניקעס פֿון מלכים און פּויפּסן. אושקי ציטירט אויך די גמרא, דעם מדרש א י כ ה

רבתי, דעם ספר הקבלה פון ראב"ד הראשון און אנדערע קוועלעס, וואס זיינען באצייכנט מיט ראשי־תיבות, וועלכע זיינען נאך ביז היינט נישט דעשיפרירט געווארן.
אנדערע פרטים וועגן די מקורים פון וואנען אושקי האט געשעפט זיינע ידיעות, טרעפט מען צעווארפן איבער די פירושים צו פארשידענע שטעלן פון אושקיס בוך, למשל: באמערקונג 2 צו קאפיטל 8 און באמערקונג 5 צו די קאפיטלען 20, 21 און 23.

3) אושקי איז זיך נוהג צו שליסן די קאפיטלעך פון זיין כראניק מיט תנך־פסוקים, וואס זיינען צוגעקליבן מיט גרויס געשיקטקייט און לאזן איבער דעם איינדרוק אז זיי באציען זיך באמת אויף די געשעענישן וואס זיינען באשריבן אין טעקסט. אבער נישט נאר די געשיקטקייט פון צוקלייבן דארף דא באמערקט ווערן. עס איז בעיקר וויכטיק צו פארצייכענען אז אין די צוגעקליבענע פסוקים, וואס זייער טעקסט איז, אגב, גאנץ אפט געענדערט דורך שינויים וואס זייינען איינגעשלאסן אין קלאמערן, שפיגלט זיך אפט אפ זייער בולט אושקיס פערזענלעכע אינטערפרעטאציע פון די געשעענישן, וואס ווערן דורך אים באשריבן.

4) אי־כבוד; זע שמואל א — ד׳, כ"ה.

5) דאס הייסט: צו די פארטוגעזישע מגורשים.

דער פאסטעך יעקב (דאס יידישע פאלק) האט זיך
פארקליבן אין א פלאץ, וואס איז ווייט פון א
מענטשן־ישוב, און באקלאגט זיין אומגליק.
אים טרעפן צופעליק נחום און זכריהו,
נביאים פארקליידט ווי פאסטע־
כער, פאר וועלכע ער דער־
ציילט זיינע צרות און
זיי טרייסטן
אים.

ערשטער דיאַלאָג

ערשטער דיאַלאָג

אַנטיילנעמערס: איכבו*), נומעאָ און זיקאַרעאָ (פּאַסטעכער).

א י כ ב ו :

אָ, ווי צוגעקליבן איז דאָס אָרט דאָ צו באַווייגען מיין אומגליק, אַז ביזן זיבעטן הימל זאָלן דערגרייכן מיינע זיפצן. איר איינזאַמע ביימער און מילדע וואַסערן, וואָס איר ווילט מיך הערן, הערט און ווערט גערירט פון מיין קלאָג. זייט גרייט צו נעמען אויף זיך די שווערע משא פון פאַר־חלשטע געמיטער און מידע צעבראָכענע גלידער. אויגן מיינע, מידע און אויסגעטריקנטע קוואַלן, פון אַזוי פיל וויינען, לאָזט פליסן טויזנטער בלו־טיקע טרערן. איר הויכע געדיכטע געשלאָסענע צווייגן, וואָס פאַרשטעלט דאָס ליכט פאַר מיינע שוואַכע אויגן, ווערט שיטערער אַ ביסל און זאָלן צו די וואָלקנס דערגיין מיינע קלאָגגעשרייען. לאָזט אַז מיינע זיפצן זאָלן דערהערט ווערן אין אַלע פיר עקן פון דער ערד!

דו רחבותדיקע, גליקלעכע און גרויסע אַזיע, וואָס ביסט פול מיט כל־טוב, און ווו עס בליען איידעלע פרוכטביימער — דיינע ברווינהוויטיקע זין דערפרייסטו מיט אַלערליי רייכטימער און מיט צאַרטע וווּנדערלעכע ריחות. דו באַרגיקע, ווילדע, זונפאַרברענטע אַפריקע, מוטערטראַכט פון דעם ריינסטן גאָלד, באַקליידטע מיט די שענסטע טייטלביימער, פול מיט מילך און האָניק — דיינע איינוווינערס לעבסטו אונטער מיט אונטערער־דישע רייכטימער און געשמאַקער נאַרונג. דו קריגערישע, געלערנטע און מילד-קלימאַטישע אייראָפּע, פול מיט מעכטיקע אַרמייען, געשפּייזט פון גרויסע נצחונות, אין אַ גן-עדן התחתון פאַרוואַנדלט — מילד לאָזסטו זויגן דיינע קינדער פון דיינע פולע ברוסטן!

יעדע געגנט שיצט מיט ליבע, אונטער אירע פליגל, די קינדער וואָס

*) לייען: א י ק א ב א.

Dialogo Primeiro. I
Consolaçã As tribulaçoẽs de Ysrael. cõposta per Samuel Usque. Ycabo. Numeo. e Zicareo. Pastores.

Ycabo.

O CONVENIENTE lugar pera chorar meus males, e sobir ao derradeiro çeo meus gimidos. Uos outros soos aruores, e mansas agoas, despostas ame ouuir, ouui, e doeiuos de minhas lastimas: desfalesçidos espiritos, lassos equebrantados membros, graue peso de soster, esforçaiuos: olhos cansados da jaa tam seca vea soltai mil a mil lagrimas de sangue; altas e çerradas ramas que os rayos da debilitada vista me detendes, afastaiuos hum pouco, sayram sobellas nuues meus continos e lastimosos sospiros: e day lugar que se ouçam meus bramidos em todalas quatro partes da terra. Tu larga bem auenturada e grande Asia de preçiosas Joyas semeada: de nobres e ricos aruores

A

„אָ, ווי צוגעקליבן איז דאָס אָרט דאָ צו באַוויינען
מיין אומגליק...״

דער אנהייב פון ערשטן דיאַלאָג, לויט אן אפדרוק פון דער
אויסגאַבע פון פעראַראַ.

זי האָט אויפגעצויגן. אָבער דו, מיין אמאָליק ירושה־לאַנד און פרומע מו־טער, וואָס ביסט שוין געווען אַ האַרינטע צווישן די פעלקער און, ווי דער אָדלער צווישן די פייגל, אַ פירשטין איבער אַלע מדינות — ווו קאָן איך טרעפן דיין פאַרגאַנגענע גרויסקייט? אָן נשמה זיינען אוועקגעפאַלן דיינע גרויסע סודות, צו די הימלען זיינען פאַרפלויגן דיינע געטלעכע נסים, און שענדלעכע מעשים האָבן פאַרדאָרבן די הייליקע קרבנות; די פריילעכע טעג און ימים־טובים האָבן זיך אין טרויער געקליידט, די צאַרטע מתנות פון דער מילדער ערד אויף געפאַנגענשאַפט ביי אכזרים פאַרביטן, די שטענדיקע חסדים פון הימל — אויף צאָרן און פאַרגעסנהייט, און אין אכזריותדיקע גירושים פון לאַנד צו לאַנד, אין אייביקער מורא און עלנט, איז די אַמאָליקע געמיטלעכע רו פון דיינע ליבע קינדער פאַרוואַנדלט. די געשמאַקע פירות זיינען גיפטיקע שלענג מיר געוואָרן, די קלאָרע וואַסערן פון הייליקן ירדן און פון אדומס קוואַל זיינען מיט מיין בלוט געפאַרבט.

צו וועלכן טייל פון דער וועלט זאָל איך מיך קערן זוכן אַ באַלזאַם צו מיין וווּנד, אַ לינדערונג צו מיין ווייטיק, אַ טרייסט צו די שרעקלעכע יסורים פון מיין פאַרפייניקטן גוף, אויב די גאַנצע ערד איז פול מיט מיין פיין? צווישן די רייכטימער און תענוגים פון דער גליקלעכער אזיע בין איך אַן אָרעמער און מידער וואַנדערער; אויף דער שפּעדיקער, גאָלד־פעטיקער און הייסער ערד פון אַפריקע בין איך אַן עלנטער, הונגעריקער און דורשטיקער גולה. און דו, אייראָפּע, אייראָפּע, אַ מיין גיהנום אויף דער ערד, וואָס זאָל איך וועגן דיר זאָגן אויב פון מיינע קינדער האָסטו דעם גרעסטן חלק פון דיינע נצחונות געמאַכט? ווי זאָל איך דיר שבחים זאָגן, קריגערישע, פאַרדאָרבענע איטאַליע, אויב דיינע הונגעריקע לייבן האָבן געפרעסן דאָס צעריסענע פלייש פון מיינע שעפעלעך? בליענדיקע פאַשעפעלדער פון פראַנקרייך, מיט פאַרגיפטיקטע גראָזן האָט איר מיינע שעפעלעך געשפּייזט! גאַווהדיס, ווילד און באַרגיק דייטשלאַנד, פונעם שפּיץ פון דיינע פעלדזיקע אַלפּן זיינען מיינע ציגן אין שטיקער געפאַלן! זיסע און קאַלטע וואַסערן פון ענגלאַנד, אַ ביטער און געזאַלצן געטראַנק האָט אין אייך מיין סטאַדע געטרונקען! היפּאָקריטישע, גרויזאַמע און וואָלפישע שפּאַניע, דיינע רויבערישע צערייצטע וועלף האָבן געשלונגען און שלינגען נאָך מיינע געקרייזלטע שעפעלעך!

נומעאָ:

אָ, זיקאַרעאַ, זאָל איך אַ טעות האָבן, אָדער גייט טאַקע עמעצער דאָ אַרום אין וואַלד, ווייל איך הער קלאַנגען פון אַ מענטשלעך קול. ווי איך בין דיר ליב, וואַרט אַ רגע און לאָמיר צוהערן!

זיקאַרעאָ:
עס מוז זיין איראָניאָ*), וואָס פּיטערט דאָרט, אויף יענער זייט, זיין טשערעדע. אפשר יאָגן זיך זיינע הינט באַך אַ וואָלף. לאָמיר זיך איילן, ווייל אונדזערע שאָף זיינען שוין ווייט אוועק און די וועגן דאָ זיינען נישט קיין זיכערע.

נומעאָ:
די וואַכהינט היטן גוט אונדזערע שאָף. וואָרט, עס וועט קיין סך נישט פאַרזאַמען, און הער זיך צו, ווייל, ווער עס זאָל דאָרט נישט זיין, זעצט ער פאָר זיינע רייד.

איכבד:
אָ וועלט, וועלט! אויב שוין דו לאָזט נישט אַז דיינע ברואים, די בעלי-שכל, זאָלן גערירט ווערן פון מיין אומגליק, און אויב עס איז אין די דוממים אריינגעבלאָזן געוואָרן עפּעס אַ פאַרבאָרגענע סגולה פון מיטגע־פיל — דאַן לאָז אַז די טייכן וואָס זייערע שומיקע וואַסערן פאַלן אַראָפּ מיט אַ מעכטיקן גערויש פון די הויכע בערג, זאָלן איינהאַלטן זייער ווילדן לויף, און, מיט אַ שטיל-קלאָגעדיקן מידן פליסן, זאָלן זיי באַגלייטן דעם לויף פון מיינע טרערן, און אויסדריקן זייער מיטלייד פאַר מיין אומענד-לעכן פיין! און איר, די פּרינצן צווישן זיי, ניל, גאַנגעס, פּרת און חדקל — וואָס, אַרויסשטראָמענדיק פונעם ערדישן גן-עדן, פליסט איר אוועק אַנטרינקען די דאָרשטיקע מצרים, די פּוילע, מילדע אינדיער, און שלענג־לענדיק אייער שטראָם צווישן זאמד, פיל טעג אין באַהעלטעניש, באַווייזט איר זיך דערנאָך צו די ווילדע זונפאַרברענטע גווינייער**), און זיך ווייטער שלענגלענדיק בארג־אַרויף, בארג־אַראָפּ צווישן ווילדע בערגיקע מדבריות, דערגרייכט איר אויך די קריגערישע גרויזאַמע טאַטערן — דאָרט טרעפט איר אפשר דעם שליח נאָך וועלכן מיר בענקען אַזוי פיל, און וואָס אַ שטורעם האָט אים אין פייערדיקע פערד און וואָגן אַרויפגענומען אויפן הימל — איך בעט אייך זייט גנעדיק און אַנטפּלעקט מיר דעם סוד: ווען וועלן אויפהערן מיינע אומגליקן און מאַטערנישן, די רדיפות און די עוולות, די בענקענישן און די נויטן, די נשמה-וווּנדן און די ווייטיקן, די גליקן אין חלום און די אומגליקן אין וואָר, די איצטיקע צרות, די לאַנגע מידע האָפענונגען; און ווען וועט אַ סוף נעמען צו דעם קריג קעגן אַ שוואַכן נפש, צו דער שרעק, צו דעם חשד, צו דעם פּחד פון מיינע גע-

*) אושקי דערקלערט ביים ברעג פון זייטל: „ירמיהו".
**) די איינוווינערס פון דער אַפריקאַנער פּראָווינץ גווינעע.

דערעם; ביז זוען זועל איך וויינען, זיפצן און מיט די טרערן פון מיינע אויגן דעם דאָרשט נאָר שטילן?!

זיקאַרעאָ:

הערסט שוין גוט, נומעאָ מיין ברודער, אז דאָס איז אַ מענטשלעך קול, אָבער עס איז ניט יענער איראַניאָ וואָס האָט אונדזער הייליקע און אומפּאַר־גלייכלעכע אבידה באַקלאָגט (ווייל גוט קען איך זיין שטים), נאָר אַן אַנ־דערער פּאַסטעך וואָס קלאָגט מיט די זעלבע טענער.

נומעאָ:

אָפילו איך זאָל מיין לעבן אין סכנה שטעלן, וועל איך גיין זען אויב דאָס איז נישט דער פּאַסטעך וואָס מיר זוכן אים שוין אַזוי לאַנג אַרום. קום זיקאַרעאָ, איך באַשווער דיך, לאָמיר זען ווער דאָס איז!

זיקאַרעאָ:

קום, לאָמיר גיין.

איכבו:

צווישן די געדיכטע ביימער פון דעם דאָזיקן וואַלד, וואָס ליגט צופוסנס אַ הויכן באַרג, האָב איך מיך פאַרקליבן כדי אַ וויכוח צו האַלטן מיט זיך אַליין וועגן מיין גרויסן אומגליק, נישט געשטערט פון דעם רעש פון די איבעריקע פּאַסטעכער; אָבער אויב דער גורל האָט מיך אויך פון מיין חוש השמיעה נישט באַרויבט, ווי ער האָט מיך נאַקעט געלאָזט פון אַלע אַנדערע גיטער, דאַן הער איך טריט און רייד פון מענטשן, וואָס דערנענטערן זיך אַהער.

נומעאָ:

אַ גוטער פּאַסטעך, וואָס טוסטו אין אַזאַ פרעמדן און דערווייטערטן פּלאַץ? און פון וואַנען קומסטו, וואָס זעסט אוים אַזוי באַטריבט און האָסט זיך פאַרקליבן איינער אַליין אין אַזאַ איינזאַם און פחדימדיק אָרט? אַזוי זאָל דאָס מזל דיך דערפרייען מיט דער פאַרמערונג פון דיינע טשערעדעס, ווי דו וועסט אונדז דיין סוד אַנטפּלעקן; און אויב נאָר מיר וועלן אַ רפואה צו דיינע מאַטערנישן האָבן — וועסטו גלייך זי באַקומען. דערפריי, דער־פריי דיין טרויעריק געזיכט און הייב אויף דיינע אויגן צו אונדז. זאָלן אויפהערן די לאַנגע און מידע זיפצן וואָס ווימלען ווי לעבעדיקע אין דיין ברוסט, אַט לאַנגזאַם און אַט מיט אַ גרויסן אימפּעט.

זיקאַרעאָ:

אַ ברודער מיינער, שטיי אויף און קום מיט אונדז. אין אַ קלאָר טייכל, נישט ווייט פון דאַנען, וועסטו אויסוואַשן דיינע אויגן וואָס זיינען נאַס און געשוואָלן פון אַזוי פיל וויינען. און אויב דיר וועט אונדזער חברשאַפט

געפעלן, וועסטו קומען זיך אפּרוען אין אונדזערע ביידלעך, און מיר וועלן דיך מיט ווייסער מילך און פרישער סמעטענע מכבד זיין.

איכבו:

גנעדיקע און ליבע פּאַסטעכער, עס איז נאָך די שעה פון מיין רו נישט געקומען. איצט קאָן מיך קיין שום תענוג נישט פאַרווײַלן, און קיין פאַר־געניגן דערגייט נישט ביז מיין האַרצן. דערמאַנט מיר נישט קיין פריי־לעכע זאַכן, וואָס רירן נאָך מער אויף דעם ווייטיק פון באַטריבטע. און כאָטש אייער כוונה איז געווען אַ גוטע, האָט איר אויפגערירט מיין איינ־געשטילטן ווייטיק. פאַרלאָזט מיך און איך וועל אים ווידער איינשטילן.

זיקאַרעאַ:

מיר וועלן דיך נישט פאַרלאָזן. די בענקעניש דריקט תמיד אויפן האַרצן, דערפאַר בעטן מיר דיך זאָלסט אונדז דיין האַרץ אויסדערציילן, כדי זאָלסט פילן אַ פאַרלייכטערונג אין דיין ווייטיק, דען פיל וועלן גרינגער די עינוּיים ווען מען דערציילט אַ חבר וועגן זיי.

איכבו:

אַ ברידער, איך קאָן זיך אַן גרויס נשמה-אַנגסט נישט דערמאָנען אין פאַרגאַנגענע צייטן. די זכרונות זיינען אַזוי אַנדערש פון דער לאַגע אין וועלכער איך געפין זיך איצט אַז, פון שרעק, פיל איך ווי דאָס בלוט ווערט פּלוצעם פאַרגליווערט אין מיינע אָדערן, און עס פעלט מיר אויס דער וואַרעמער אָטעם וואָס הילט אַרום און האַלט אויף די טייערע געט-לעכע פאָרעם*). שטווינט נישט וואָס מיין אויסזען איז אַזוי משונהדיק, די אויגן שווער און אָן גלאַנץ, די האָר צעשויבערט, די הענט קאַלט, די נעגל ווייס, און וואָס געפּילאָז ליג איך אונטערן דאַזיקן בוים אַן איינזאַ־מער — ווייל מיט אַלע אַנדערע געפילן האָב איך שוין אויך די מורא פאַרלוירן. אויב איך וועל אָנהייבן ברענגען אויפן זכרון אַלטע צייטן וועל איך נאָך מער אויפרירן מיין רויע ווונד, וואָס מע טאָר זי צו פיל נישט אויפרירן. אָבער טראַץ די אַלע מניעות און אפילו פון מיין שאָדן וועגן (כדי נישט צו זיין קיין כפוי-טובה פאַר דעם איידעלן אָנבאָט, וואָס איז ווערט באַדאַנקט צו ווערן) וויל איך געפינען חן אין אייערע אויגן; וועל איך עפענען טיף מיין ברוסט, ביז דעם אינגעווייד, און אייך דערציילן וועגן מיר און וועגן דער קלאָג וואָס דריקט מיין נשמה.

*) אושקי באַמערקט: „די נשמה".

פאסטעכער־לעבן

ווייסט, ברידער, אז איך בין יענער אלטער פאסטעך, וואס האט מיט א האריקן האלדז און מיט האריקע הענט זיין פאטער אפגענארט כדי די ברכה ביי אים צו נעמען. דערנאך האב איך, פאר דער ליבע צו א שיינער פאסטעכין זיבן און ווידער א מאל זיבן יאר געפיטערט שאף אויף די גרינע פעלדער פון מעסאפאטאמיע. פון דארט בין איך אוועק מיט א פרעכטיקער סטאדע געפלעקטע, געשטרייפטע און געשפרענקלטע שאף, און גערירשנט די רחבותדיקע פעלדער פון כנען, דאס לאנד פון מיינע אבות, ווו גאט האט מיר געשענקט צוועלף זין, קרעפטיקע מענער. א גליקלעכער האב איך מיט זיי געלעבט צווישן גרויסע און בליענדיקע דייכטימער. טייל פון זיי איז געפעלן צו היטן די באשיידענע און חנעווו־דיקע שעפעלעך, און מיטן אויפגיין פון מארגן־דעמער, נאך איידער דער קלארער הימל אין מזרח און געפלעקט געווארן בלוט־רויט, פלעגן זיי ארויס מיט זייער טשערעדע. אמ טרעמן זיי שטיל אויף די טויבאדעקטע גראזן און הערנדיק דאס זיסע צוויטשערן פון די פייגעלעך, פירן זיי די שאף צו א פרישער און גרינער לאנקע. דארט זעצן זיי זיך אוועק אויפן גראז פון א קליינעם בערגל כדי בעסער צו קאנען קוקן אויף זייערע שע־פעלעך, וואס טייל פון זיי עסן ליבלעך די קליינע גרעזעלעך פונעם פלאכן פעלד; טייל קריכן ארויף אויף העכערע ערטער, הענגען זיך אן אויף א יונג ביימל, וואס שפראצט פון דער ערד, און נאגן עס; אנדערע דערהייבן זיך כדי צו דערגרייכן דעם צווייג פון א פייגנבוים; אט די בייסן יונגע קנאספעס פון א ווילדן וויינשטאקל, יענע צופן די בלעטעלעך פון א יונגן דארן. א ביסל ווייטער שטופן זיך יונגע און קליינע לעמעלעך, ערשט צו־ריק מיט עטלעכע טעג געבוירן, צו די פולע אייטערס פון זייער מוטער, און זויגן מיט אזא טעם און חשק, גלייך זיי וואלטן די אייטערס פון לייב געוואלט ארויסרייסן. פיל אנדערע, שוין זאט פון פאשע, טרינקען אין די קלארע טייכלעך און פרייען זיך צו זען זייער געשטאלט ווי לעבעדיק אפ־געשפיגלט אויפן גרונט. טייל באראנעס האבן זיך, דערצערנטע, פון מאל צו מאל אהין געווארפן, אבער זיי זיינען נאר ארויס מיט נאסע קעפ, אפגעחוזקט און צעטומלט.

און נאך דעם ווי מ'האט אזוי פארבראכט דעם קילן פרימארגן, און ווען די הייסע זון האט שוין געהאט איינגעזויגן דעם טוי פון די גרינע גראזן, פלעגן זיי אוועק מיט דער טשערעדע שטילע שעפעלעך, זוכן די זיסע שאטנס, ווו א קיל ווינטל זאל זיי דערפרייען. אט קומען זיי אין

עק פון א ליכטיקן טאָל צו א גערינבט-בליענדיקן וועלדל, באַוואַסערט מיט א זיסן קוואַל וועלכער שפּרודלט מעכטיק און פרייליך צופוסנס א הויכן קיפּאַרים. אונטער דעם דאָזיקן בוים זעצט מען זיך אוים אין א סדר ווען עס קומט די שעה פון עסן. מ'עפנט אויף די האַריקע טאָרבעס וואָס הענגען אַראָפּ אויף דער לינקער זייט פון האַלדז און זיינען געמאַכט פון דער ווייסער פעל פון א יונג לעמעלע, וואָס דער וואָלף, דער אכזר, האָט אָוועקגערויבט, אָדער פון דער רויטלעכער פעל פון א צו פרי געבוירן קעלבעלע. מ'נעמט אַרוים די געשמאַקע שפּייז צו דעם פרייליכן טיש און מ'עסט זי מיט האָניק, וואָס פלעגט אין יענע גוטע צייטן שפּעדיק פון די ביימער אַראָפּרינען, און מיט לויטערער מילך, וואָס פעטע שאָף האָבן פון זייערע אייטערס טראָפּנווייז געלאָזט פאַלן, בעת זיי זיינען אויפן פעלד געשטאַנען און זיך געפיטערט. און שוין זאָט פון דער סעודה דערפילן זיי א פרישן ווינט, וואָס באַוועגט לייכט די שפּיצן פון די הויכע און צע-בליטע ביימער. די העכסטע צווייגן שאָקלען זיך מיט א לאַנגזאַמען בנעי-מותדיקן ריטם, גלייך זיי וואָלטן זיך בסוד איינע די אַנדערע שלום גע-געבן. און עס צעזינגען זיך די פאַרליבטע נאַכטיגאַלן און עס צעשפּילן זיך די כלערליי חנעוודיקע שפּילפייגעלעך, וועלכע האָבן זיך אין שאָטן פאַרקליבן פון וועגן דער בייזער היץ. זיי שמועסן צווישן זיך מיט כלערליי טענער און עס ענטפערט זיי דער געמורמל פון לויפנדיקן קוואַל; און די סביבה איז פול מיט האַרמאָניע. טייל פון די פאַסטעכער שפּילן דאַן זי-סע ניגונים אויף זייערע פלייטן און פרימיטיווע שפּיל-כלים, און אַנדערע באַגלייטן די מוזיק מיט פאַרחלומטע לידער צו זייערע געליבטע פאַסטע-כינס. די פירן צווישן זיך א קאַמף מיט פויערישער געשיקטקייט און יענע רייצן אָן די שטאַרקערע באַראַנעס איינע קעגן די אַנדערע, און קוקן צו ווי זיי שטויסן זיך מיט די הערנער. עטלעכע זיינען גאָר אַריינגעפאַלן אין א טיפן דרימל און ביי זייער צוקאָפּנס מורמלען שטיל די וואַסערן פונעם לויטערן קוואַל.

דערווייל האָט די זון פונעם וואונדערלעכן הימל-געוועלב געענדיקט איר שליחות אויף דער פּרוכפּעריקער ערד און זיך אָנגעהויבן פאַרבאָרגן אין די וואַסערן פונעם מערב-ים. איז דער הימל געצונדן געוואָרן מיט פאַרשידנפאַרביקע וואָלקנס, געלבלעכע ווי דער קאָליר פונעם ריינעם או-פיר-גאָלד*), רויטע ווי דער קאָליר פון פיינעם שאַרלאַך-געוועב אָדער פון

*) אושקי באַמערקט ביים עק פון זייטל: „סאָפאַלאַ". אין אַן אַנדער פּלאַץ דערמאָנט ער ווי-דער אופיר און באַמערקט: „סאָפאַלאַ, א מקום אין אינדיע". סאָפאַלאַ געפינט זיך אין דער פּאָרטו-געזישער קאָלאָניע פון מזרח-אַפריקע מאָזאַמביק. אין אושקים תקופה איז אינדיע געווען א נעפּלדיקער געאָגראַפישער באַגריף מיט וועלכן מ'פלעגט זיך נוהג זיין צו באַצייכענען אויך מקומות פון אַפריקאַנער קאָנטינענט, מחמת זיי געפינען זיך נאָענט צום אינדישן אָקעאַן די

טייערע רובינען, טונקעלע און מיט לאַנגע שטראַלן. טייל וואַלקנס האָבן אויסגעזען ווי שורות שנייאיק־ווייסע בערג אינמיטן גרינלעכן ים־וואַסער, און אַנדערע זיינען געווען אַש־פאַרביק מיט גאָלדענע זוימען. אין אַ מלכות פון זיסער מילדקייט זיינען די בערגשפּיצן און די טאָלן באַדעקט געוואָרן מיט קילער לופט און מיט רויקע שאָטנס.

דאַן נעמען זיי צונויף די שאָף וועלכע בלאָנדזשען אַרום צווישן די ביימער. דערנאָך גייען זיי אַרויס אויף דער אַנדערער זייט פון וואַלד, צו אַ גרין פעלד, וואָס פירט דורך נישט אויסגעטראָטענע וועגן ביז זייערע געצעלטן, און פירן לאַנגזאַם די שאָף אונטער זייערע פּאַסטעכריטער. און אויפן וועג צו דער רו פון זייערע היימען באַגייען די פריילעכע פּאַסטע־כער אַ שפּיל אויף יעדן טריט און שריט: אַט צילן זיי מיט זייערע שלייי־דער־שטעקלעך אין אַ באַשטימטן פונקט, און דער וואָס זיין שטיין האָט דערגרייכט נענטער צום ציל, ווערט באַלוינט מיט פריילעכע אויסגע־שרייען און האַנט־פּאַטשערייען, און ווערט געטראָגן אויף די אַקסלען פון אַלע איבעריקע. אַט שפּרינגען זיי, אַט וואַרפן זיי אַן אייזערנעם שטאַנג, אַט פירן זיי אַ קאַמף און דער זיגער ווערט באַקרוינט מיט אַ לאָרבער־קרענצל און אַלע שפּילן אים צו מיט זייערע פייפלעך און פלייטן, ווי אַ צייכן פון זיג. אַזוי אָנגעזעטיקט מיט דער פרייד פון טאָג, דערנענטערן זיי זיך ביסלעכווייז צו זייערעביידלעך. און ווען פון די טייכלעך וואָס זיינען באַדעקט מיט נידעריק גראָז הערט זיך דאָס הייזעריקע קוואַקען פון די פרעש, און דאָס גאַנצע פעלד ווערט פאַרקלונגען מיטן קלאָגעדיקן קול פון די גרילן, וואָס זיינען פאַרבאַהאַלטן אין די לעכער פון ביידע זייטן וועג, דערגרייכן זיי צופרידענע זייער היים.

דאַן פירן זיי אַריין די געקרייזלטע שאָף אין זייערע שטאַלן און לייגן אַוועק זייערע טאָרבעס און פּאַסטעכריטער. דערנאָך גרייטן זיי צו דעם געגאַרטן אָוונטמאָל ביים אַריינגאַנג פון זייערע צווייגן־באַדעקטע ביידלעך, וואָס שטייען אויפן ברעג פונעם קלאָרן ירדן. ווען די סעודה איז גרייט זעצן זיי זיך אויס אין אַ סדר כדי צו עסן ביים שיין פון דער לבנה, וואָס שפּיגלט דאַן אָפּ אין די וואַסערן קרישטאָלענע שטראַלן. און ווען עס ענדיקט זיך די תענוג־פולע סעודה, פאַרברענגען זיי אַ גרויסן טייל פון דער נאַכט אין כלערליי שפּילן, אונטערן אויסגעשטערנטן הימל, ביז זיי פאַלן אַוועק ווי שיכור אין אַ טיפן שלאָף, טייל אין דרויסן אויף די גראָזן און אַנדערע דאָ און דאָרט אינעווייניק אין די ביידלעך.

געאָגראַפישע לאַגע פון דעם ביבלישן אופיר, פון וואַנען שלמה המלכס עקספּעדיציעס פלעגן ברענ־גען גאָלד קיין ירושלים, איז נישט באַקאַנט. די פאָרשערס זיינען איבער דעם זייער מחולק. דעריבער איז מערקווערדיק אושקיס מיינונג אין דעם וויכוח.

נאָך דער פריער געבראַכטער באַשרייבונג פון פּאַסטעכער-לעבן קומט אַן ענלעכע שילדערונג פון דעם יעגער-לעבן. איכבו באַקלאָגט זיך אַז די אידילישע תקופה פון הארמאָניע און פריד איז אַוועק. עס זיינען אויפגעשטאַנען נייע שלעכטע פּאַסטעכער וואָס האָבן געלאָזט די שעפעלעך זיך פּיטערן אויף פאַרסמטע פּאַשעפעלדער, און זיי אַליין זיינען אַוועק אויף געיעג, זיך אַוועקגעלאָזט, הייסט עס, אויף עשוס דרכים.

דערנאָך נעמט איכבו אַראָפּ דעם שלייער. ער דערקלערט נומען און זיקאָרעאָן, אַז זיינע רייד זיינען געווען נישט מער ווי אַ משל, דען ער איז יעקב אבינו, דער אורפאָטער פון יידישן פאָלק, און ווערט איצט איבערגעבן די גאַנצע היסטאָרישע טראַגעדיע פון זיינע קינדער. ער הייבט אָן מיט דער תקופה פון די אבות און גייט איבער צו דער צייט פון די מלכים. אויפן אָרט ווו ער האָט אַ מאָל געחלומט וועגן דעם לייטער וואָס זיין שפּיץ האָט געגרייכט ביזן הימל און אויף וועלכן מלאכים זיינען געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ, האָט מלכי-צדק אין יאָר 1839 לבה״ע אויפגעשטעלט ירושלים. אין דער דאָזיקער הייליקער שטאָט האָט שלמה געבויט דעם בית-המקדש וואָס איז, צוליב זיין פּראַכט, געווען אַן אָפּבילד פון אַ הימלישן מאָדעל.

יעקב באַמאָלט דאָ אַלע פּרטים פון דער אַרכיטעקטור און אָרנאַמענטיק פון טעמפּל, דעם היכל, דעם דביר, דעם פּרוכת און די מנורה, די פּראַכטפולע מאַרמאָרענע זיילן און די לשכות. גאָט האָט זיך אויסגעוויילט דעם בית-המקדש פאַר זיין וווינאָרט און די יידן פאַר זיינע קינדער. ער איז געווען זייער פּאַסטעך און זיי זיינע שעפעלעך, די שעפעלעך וואָס זיינען דערמאָנט אין משל:

דאָס זיינען די שעפעלעך, וועגן וועלכע כ׳האָב אייך דערציילט אַז אין די קילע פרימאָרגנס פלעגן זיי, ווי אויף גרינע לאָנקעס, ארויסגיין זיך פּיטערן אין די ספרים פון דער געטלעכער חכמה, אונטער דער פירונג פון די פרומע נביאיש-באַגייסטערטע חכמים. דאָס איז געווען דאָס אָרט, ווו זיי פלעגן געמיטלעך בייסן די דינע גראָזן — וועגן די טיפע און צאַרטע כוונות זיך לאַנג מתווכח זיין. יענע וועמען דער גייסט האָט נישט אזוי פיל חסד ארויסגעוויזן, און זיי האָבן נישט דערגרייכט די טריט פון דער העכערער חכמה, פלעגן זיך אויף דעם פלאַכן פעלד אָדער אויף אַ נידעריק בערגעלע פּיטערן. אַנדערע אָבער, וואָס זייער גייסט האָט פיל העכער געשטיגן, פלעגן זיך דערהייבן אויף די באַרגיקע שטחים פון דער הויכער מחשבה און דאָרט גריזשען די טיפע וואָרצלען און די הייליקע פּרוכטן פון דעם לעבנסבוים — פון דער הייליקער תורה, וואָס זיי פלעגן אַנטדעקן אירע וווּנדערלעכע סודות.

דאָס זיינען געווען די ברוסטן פול מילך, וואָס אפילו די באַשיידנסטע נפשות און ייִנגסטע לעמעלעך האָבן געזויגן מיט לוסט ביי זייערע פרומע

מוטערם — געלערנט ביי די מילדע חכמים. און די וואָס זייער נשמה איז שוין געווען אָנגעזעמיקט מיט דעם הויכן וויסן, האָבן געזופּט דאָס קלאָרע וואַסער פון די לויטערע קוואַלן — זיי פלעגן זיך פאַרטיפן אין מחשבות וועגן גאָט און זיין רום און מנבא זיין. אַנדערע פלעגן לייטערן דאָס פאָלק דורך קרבנות. און ווען זיי פלעגן אַריינקוקן אין די לויטערע וואַסערן, איז גרויס געווען זייער פרייד צו זען זייערע אייגענע געשטאַלטן אָפּגעשפּיגלט, ווי לעבעדיקע, אויפן גרונט — צווישן די פרומע וואָס לעבן אייביק, נאָכן איבערשווימען דעם שטורעמדיקן ים, אויף וועלכן מיר שיפן זיך. און ווי דאָרשטיקע הינדים, וואָס לעכצן צו דעם הימלשן קוואַל, האָבן טייל געגלוסט זיך צו באַפרייען פון דער ערדישער תפיסה כדי צו קאָנען זיך וואַרפן געניסן דאָס גאַנצע גוטס, וואָס זייערע אויגן האָבן דאָרט געזען. דעריבער האָבן זיי זיך פון מאָל צו מאָל דערצערנט קעגן דער שווערער לאַסט פון פלייש, אָבער זיי זיינען געבליבן אָפּגעחוזקט און צעטומלט, באשר די נשמה (ווי אַ געשטאַלט וואָס מע זעט אויפן גרונט פון די וואַסערן, אָבער אומקערפּערלעך און מע קען זי נישט אָנטאַפּן) איז, צו זייער אנגסט, אין דער תפיסה פון אַ ביסל אומבאַלעבטער ערד געווען פאַרשפּאַרט...

און דער נמשל ציט זיך ווייטער, סימעטריש געבויט צום משל. אַלע איינצל־הייטן דעקן זיך קאָנגרויטיק ביז דעם לעצטן פּרט וועגן דער שעה פון רו נאָך אַ שווערן אַרבעטסטאָג. דערמיט איז געמיינט דער שכר פון די צדיקים לעתיד לבוא.

זיקאַרעאָ און נומעאָ דריקן אויס זייער באַוווּנדערונג פאַר דעם געמאָלענעם בילד וואָס סימבאָליזירט דאָס האַרמאָנישע לעבן פון יידישן אַמאָל, אָבער יעקב דערקלערט דאָן מיט אַ זיפץ אַז אַלץ איז פאַרביי. ער איז, ווי אָדם, פאַרטריבן פון גן־עדן און די פּאַנאָראַמע האָט זיך מוראדיק געענדערט. ער דערציילט בקיצור און אין אַ רייכן עלעגישן סטיל וועגן די היסטאָרישע טראַגעדיעס פון דער יידישער אומה, ביז דער צייט ווען טיטוס האָט אַוועקגעפירט די געפאַנגענע יידן קיין רוים. דאָס אַלץ האָט זיך גלייך ווי אָפּגעשפּילט כדי עס זאָלן מקוים ווערן אַלע שטראָפרייד פון די נביאים, און יעקב צאָרנט: „איך וואָלט שוין, אָ נביאים, געדאַרפט צופרידן בלייבן, דען איר האָט מיך שוין אַזוי פיל געשטראָפט און באַקעמפט אַז איר האָט אומגעוואָרפן דעם זייל וואָס איז מיר געווען אַן אָנשפּאַר".

נומעאָ און זיקאַרעאָ באַהערשן זייערע געפילן פון מיטלייד און בעטן דעם פאַרווייטן פאַסטעך אַז ער זאָל צוריקהאַלטן דעם אויסבראָך פון זיין צער, און זאָל זיי דערקלערן די סיבה פון אַלע ענויים. יעקב הייבט דאָן אָן בויען אַ צווייטן סימעט־רישן נמשל צו דעם משל וועגן יעגער־לעבן. אין אַ בילדערישן סטיל גיט ער איבער די פּרטים וועגן אַלע תקופות ווען יידן האָבן זיך אָפּגענויגט פון זייערע געבאָט. זיי האָבן פאַרלאָזט דאָס אידילישע פאַסטעכער־לעבן מיט וועלכן די הייליקע שריפטן סימבאָליזירן דעם שטייגער פון די אבות, און זיינען אַוועק אויף געיעג ווי עשו און ישמעאל. עס איז אַ טעאָלאָגישע אינטערפּרעטאַציע פון דער יידישער געשיכטע, קינסטלעריש צוזאַמענגעוועבט מיט פּאָעטישע פאַרגלייכן און קלאָגעדיק־לירישע נשמה־אויסגאָסן.

נומעאָ און זיקאַרעאָ רייסן אָפּ איבער יעקבס רייד, און טרייסטן אים, אַז די געטלעכע ניסים־קראַפט וועט זיך נאָך אומקערן צו טרייבן די ראָד פון דער יידי־שער געשיכטע. יעקב און רחל, די אורעלטערן פון יידישן פאָלק, וועלן נאָך פאַר־מיידן זייער קול פון געוויין, ווייל דער לוין וועט קומען און די קינדער וועלן זיך אומקערן צו זייער לאַנד.

יעקב לאָזט זיך נישט טרייסטן. ער באַקלאָגט ווייטער דאָס פאַרלוירן גיין פון

די עשרת השבטים און דעם חורבן בית-ראשון. אַ מאָל פלעגן קרבנות געבראַכט ווערן כדי צו פאַרגעבן אויף די זינד פון יידן, היינט ווערן יידן אַליין געברענט אויף די שייטער-הויפנס — זיי זיינען אַליין דער קרבן. די בהמות זיינען שוין געווען גליק-לעכער, ווייל זיי פלעגן געאָפּפערט ווערן אויפן מזבח דורך די הענט פון הייליקע כוהנים, אָבער יידן ווערן געשליידערט אויף די שייטערהויפנס דורך בייזע אומות. ווו נעמט מען אַזוי פיל באַלזאַם צו אַזאַ גרויסן/אומגליק, ווו טרעפט מען אַזאַ גרויסן צודעק פון טרייסט וואָס זאָל אין גאַנצן פאַרדעקן דעם בלוטנדיקן און פאַרפייניקטן גוף פון ישראל? אָבער די נאַכט לאָזט זיך אַראָפּ אַ שווייגנדיקע איבער דעם אָרט ווו יעקב, נחום און זכריהו האָבן זיך באַגעגנט, כדי צו פירן אַ וויכוח וועגן דעם גורל פון יידישן פאָלק. מיד און צעבראָכן קערן זיך אַלע אום צו זייערע געצעלטן. אין דער פרי וועט מען ווייטער פירן דעם שמועס.

אַזוי ענדיקט שמואל אושקי דעם ערשטן דיאַלאָג.

צווייטער דיאַלאָג

די נאַכט איז אַ קורצע אָבער פאַר יעקבן איז זי אומענדלעך. ער קען נישט איינשלאָפן ווייל אין זיין דמיון גייען פאַרביי אָן אויפהער, שורותווייז, די יידישע פיינען. ער וואַרט מיט אומגעדולד אויפן כאור, אַז נומעאָ און זיקאַרעאָ זאָלן אים ברענגען זייער טרייסט. אַזוי הייבט זיך אָן דער המשך פונעם נעכטיקן שמועס מיט טרייסטווערטער וועגן דעם חורבן בית-ראשון. דערנאָך קומט די באַשרייבונג פון בית-שני און פון אַלע היסטאָרישע געשעענישן פון יענער תקופה. יעקב באַווייזט שפעטער דעם חורבן בית-שני און די טרויעריקע געשעענישן וואָס האָבן זיך נאָך דעם אָפגעשפילט. נומעאָ און זיקאַרעאָ טרייסטן אים.

דערווייל לאָזן זיך שווערע שאָטנס אַראָפּ פון די בערג. די נאַכט קומט אָן און דער שמועס ווערט איבערגעהאַקט. אַלע דריי קערן זיך אום אַהיים. מאָרגן וועט זיך אָנהויבן דער דריטער און לעצטער שמועס.

דער סטיל פון צווייטן דיאַלאָג איז דער זעלבער ווי אין ערשטן: אָריענטאַליש, בונטפאַרביק און ליריש. דער דריטער דיאַלאָג איז, צווישן אַלע, דער וויכטיקסטער. ער איז געשריבן איינפאַך, אָן רעטאָרישע פיגורן, אין דעם סטיל פון כראָניק. עס זיינען אין אים זייער זעלטן די בונטפאַרביקייט און דער ריטם וואָס כאַראַקטעריזירן די ערשטע צוויי. דערפאַר אָבער איז גרויס זיין היסטאָרישע חשיבות, ווייל פאַר די געשעענישן וואָס ווערן דאָרט פאַרצייכנט האָט אושקי געשעפט זיינע ידיעות פון מקורים וואָס טייל פון זיי זיינען צו אונדז נישט דערגאַנגען. חוץ דעם ווערן באַ- שריבן פאַקטן וואָס דער מחבר אַליין האָט איבערגעלעבט אָדער זיינע בני-דור האָבן אים דערציילט. דעריבער ווערט דאָ געגעבן דער גאַנצער כראָניקטייל פון דריטן דיאַלאָג אין אַ ווערטערלעכער איבערזעצונג.

דריטער דיאַלאָג

אין וועלכן עס ווערט דערציילט וויפל צרות ישראל איז
אויסגעשטאַנען זינט דער אבידה פון בית־שני, וואָס
די רוימער האָבן חרוב געמאַכט, און ביז אונ־
דזערע טעג. אונטער די באַשריבענע אומ־
גליקן טרעפט מען אַלע נבואות, וואָס
זיינען דערביי מקוים געוואָרן,
און צו לעצט קומט אויף
זיי געטלעכע און
מענטשלעכע
טרייסט.

איכבו, זיקאַרעאָ, נומעאָ

געשפּרעך־פּירערס.

א י כ ב ו :

די נאַכט האָב איך אַ ביסל מער ווי תמיד גערוט באשר די רפואה פון רייד מיט וועלכער זיקארעאָ האָט די אַלטע וווּנד מיינע געהיילט, האָט ווייל גע־ווירקט. ריכטיק ווערט געזאָגט, אַז פאַר דער קראַנקער נשמה איז נישט פאַראַן קיין בעסערער רופא ווי דער פריינדלעכער שמועסער. גרויס איז מיין האָפענונג ביי אים צו געפינען אַ טרייסט אויף די אומגליקן, וואָס כ׳וועל אַצונד אים דערציילן. נאָר איך זע שוין נומעאָן און זיין חבר דער־וואַכטע, לאָמיך זיי באַגריסן. גוט מאָרגן ברידער!

נ ו מ ע אָ, ז י ק אַ ר ע אָ :

גוט מאָרגן, איכבו!

נ ו מ ע אָ :

מיר זיינען היינט אויפגעשטאַנען פריער ווי דו האָסט גערעכנט, ווייל אונדזערע וואַכהינט האָבן דערשמעקט וועלף און אָנגעהויבן זיי שטאַרק נאָכיאָגן. האָבן מיר געמוזט זיי צו הילף קומען, אָבער עס איז אונדז, גע־לויבט גאָט, קיין בייז נישט געשען. עס ווייזט גאָר אויס, אַז איינער פון זיי איז גוט צעביסן געוואָרן, ווייל אונדזער לאַנגאויעריקער הונט איז אין גאַנצן פאַרבלוטיקט און אים אַליין איז קיין שלעכטס נישט געשען. איצט באַגערסטו אַז מיר זאָלן זיך מיט אונדזערע טשערעדעס פאַרקלייבן אויף אַ גרינער, באַוואַסערטער לאָנקע, וועלכע ליגט צופוסנס דעם דאָזיקן בערגל, כדי מיר זאָלן ליגנדיק אונטער אַ צעבליטן בוים ממשיך זיין אונ־דזער שמועס, בשעת די שאָף וועלן זיך פּיטערן?

א י כ ב ו :

דאָס איז מיין איינציקער באַגער!

נ ו מ ע אָ :

זיקאַרעאָ, פיר אונדז.

זיקאַרעאָ:

קומט, עס איז זייער נאָענט. אָט זיינען מיר שוין דאָ. זעץ זיך אַנידער, איכבו, און דערציייל ווייטער דיין געשיכטע.

איכבו:

איך וועל ממשיך זיין און איר פאַרנעמט מיינע רייד! נאָך דעם ווי איך בין איבערגעקומען דעם אומגליק פון די רוימער, וואָס זייער מאַכט האָט מיך איבער דער גאַנצער וועלט צעשפּרייט, בין איך אויסגעשטאַנען פיל אַנדערע צרות:

1. ערשטער אומגליק, שפאַניע, יאָר 4077 לבה"ע (1)

איך האָב געזען ווי סיזעבוט, דער קיניג פון די גאָטן, האָט במשך די אכט מיט א האלבן יאָר, וואָס ער האָט געקיניגט אין שפאַניע, געצוואונגען די יידן פון זיינע מדינות זיך אָפּצוזאָגן פון זייער אמונה, און געדראָט אז אויב זיי וועלן עס נישט טאָן וועט ער דערלויבן די פעלקער זיי אומצוברענגען מיטן שאַרף פון דער שווערד. און היות ווי דער באַפעל איז געווען אזוי פאַרכטלעך און גרויזאַם, האָבן פיל שוואכע געמיטער נישט געקאָנט ביישטיין דער מורא פון שטראָף, און האָבן זיך איבערגעגעבן דער קריסטלעכער אמונה, ווי באַזינגטע וואָס ענטפּערן זיך איבער אין די הענט פונעם זיגערישן שונא. מיט דער דאָזיקער נייס האָט דער קיניג געשיקט א מבשר צום פּויפּס און אים מודיע געווען וועגן די ניי־באַקערטע מיט וועלכע מ'האָט זיך געפרייט איןביידע מלוכות, ווייל עס איז נאָך דאַן געווען א קליינע צייט זינט דער גלויבן פון די קריסטן איז אויפגעשטיגן. די איבעריקע, וואָס האָבן זיך מוטיק ווידערגעשטעלט, טראָץ אלע דראָונגען פון שונא, איז דער געטלעכער חסד בייגעשטאַנען, און דער קיניג איז צופרידן געבליבן מיט דעם וואָס ער האָט שוין געהאַט אָפּגעטאָן און נישט פאַרגעזעצט זיינע גוואַלד־מעשים. האָט דער קיניג זיי צו לעצט באַפרייט פונעם טויט צו וועלכן זיי זיינען געווען פאַרמשפּט, און זייער שטראָף איז געווען פאַרטריבן צו ווערן מיט בזיון פון זיינע לענדער. אין יענער צייט איז אנטלאָפן מאַכמעד פון שפאַניע (2) (דער זעלבער וואָס איז איצט פון אזוי פיל אומות פאַרגעטערט), ווייל ער פלעגט דאַן פרעדיקן זיין רעליגיע אויף דער וועלט.

נאָך דער דאָזיקער פּלאָג האָט דער האַר פון הימל געשיקט א טרייסט און א גוטע צייט די באַטריבטע יידן: ער האָט צוגענומען דאָס לעבן ביי סיזעבוטן און געמאַכט פאַר מלך וועטיסן. ווי נאָר דער דאָזיקער האָט גענומען די קיניגרוט אין האַנט האָט ער באַפוילן צוריקצורופן אלע מיינע קינדער, וואָס סיזעבוט האָט פון שפאַניע פאַרטריבן, און האָט זיי מיט ליבע איינגעזאַמלט צו זיך. צוליב דעם חסד האָבן זיך בהדרגה אומגעקערט צו דער אמונה פון זייערע עלטערן די וואָס זיינען געשמדט געוואָרן איבער גוואַלד. דעם טעות וואָס די דאָזיקע זיינען באַגאַנגען מחמת זיי האָבן זיך מער געשראָקן פאַרן קערפּערלעכן טויט איידער געזאָרגט פאַרן לעבן פון דער נשמה, האָט שוין פאַרויסגעזען מיכה, ווען ער האָט געזאָגט די ווייטערדיקע

ווערטער: אַ טייל פון מיין פאָלק האָט געביטן זיין גלויבן (3). און ביי די, וואָס זיינען געשטעלט געוואָרן פאַר דעם נסיון און זיינען לסוף געבליבן באַהעפט אָן זייער גאָט און לעבן געבליבן, איז מקוים געוואָרן די נבואה וואָס משה האָט צוריק מיט אַזוי פיל צייט געזאָגט: איך נעם היינט קעגן אייך פאַר עדות די הימלען און די ערד. לעבן און טויט האָב איך אייך פאָרגעלייגט, ברכה און קללה, ווייל דיר אויס דאָס לעבן, כדי זאָלסט לעבן דו און דיין זאָמען, ליב צו האָבן גאָט דיין האַר, און געהאָרכן צו זיין קול, און זיך צו באַהעפטן אָן אים, וואָרעם ער איז דיין לעבן און די פאַרלענגערונג פון דיינע טעג (4).

1) עס איז באַשיינפּערלעך אַ כראָנאָלאָגישער טעות: 4077 לבה"ע אַנטשפּרעכט דעם יאָר 317 נ"ק, אָבער סיזעבוט און ווערטיס האָבן געלעבט אין זיבעטן און אין אָנהייב אַכטן יאָרהונדערט נ"ק. דער ערשטער איז געשטאָרבן אין יאָר 629 און דער לעצטער אין יאָר 710 בערך. אפשר איז עס אַ פּשוטער דרוקפעלער, ווייל אושקי אַליין שרייבט דאָך אין טעקסט אַז די געשעענישן זיינען פאָרגעקומען אין דער צייט ווען מאַכמעד האָט געפּרעדיקט זיין רעליגיע אויף דער וועלט, ד"ה אין זיבעטן י"ה. מסתמא דאַרף זיין 617 נ"ק.

2) פון מעקאַ?

3) אַן אָריגינעלע אויסטייטשונג פון דעם פּסוק ח ל ק ע מ י י מ י ר (מיכה ב׳, ד׳). קיינער פון די מפרשים טייטשט נישט אַזוי, אָבער אושקי נוצט אָפט אויס די קלאַסישע עלאַסטישקייט פון ביבלישן טעקסט, און אינטערפּרעטירט די פּסוקים לויט דער נויטווענדיקייט פון זיין ספר.

4) דברים ל׳ — י"ט, כ׳. די איבערזעצונג פון אַלע ביבלישע ציטאַטן וואָס זיינען געבראַכט אין בוך, האָב איך געמאַכט אין גייסט פון אושקיס אויסטייטשונג. עס איז אויך כדאי צו באַמערקן אַז אושקי גיט אָן ביי אַלע ציטאַטן נאָר דעם נאָמען פון ספר און די צאָל פון קאַפּיטל; די צאָל פון פּסוק האָב איך אומעטום צוגעגעבן.

2. פראַנקרייך, יאָר 4077 (1) לבה"ע

אין דער צייט ווען העדריק איז געווען דער אימפּעראַטאָר פון די רוימער, האָב איך זיך געבאָדן אין כל־טוב, און מיינע זין האָבן אין דער פראַנצייזישער מדינה גע־לעבט אין ערדישער שפע און לויט זייער הייליקער אמונה. נאָר פיל קריסטן האָבן מקנא געווען זייער מנוחה און רייכקייט, ווי עס געשעט תמיד מיט יעדן גליקלעכן מצב פון דעם דאָזיקן פאַרגעגנגלעכן לעבן. האָבן זיי באַשלאָסן אויסצוטראַכטן עפּעס אַ בלבול אויף די יידן כדי זיי צו פאַרטיליקן און געשיקט אַ פרוי, וואָס זאָל כלומרשט פאַרזעצן איר קלייד, און דערנאָך, ערב זיין (2) תחית המתים, זאָל זי עס צוריק־בעטן ביים בעל־הלוואה, נאָר אויף צו פייערן איר חגא, צוזאָגנדיק, ווי אַן ערלעכע קריסטין, עס אומצוקערן נאָך חגא. דערפון האָבן זיי אויסגעטראַכט אַז דער ייד האָט איר געענטפערט: אויב וועסט מיר ברענגען די געהייליקטע האָסטיע (3) אַזוי ווי מ'באַקומט זי אין די פאַסטטעג, וועל איך דיר אומקערן דיין קלייד אָן געלט, און וועל דיר נאָך צוגעבן אַזוי פיל וויפל עס איז ווערט; און אַז די פרוי, זיך לאָזנדיק איבעררעדן צוליב דעם לוין, האָט אים געבראַכט די האָסטיע־מצה, ווי מ'האָט זי איר געגעבן בשעת דער קאָמוניע (4); און אַז ווי באַלד דער ייד האָט געקראָגן די האָסטיע, האָט ער אויף אַ גרויסן פייער, אין געהיים, אויפגעזאַטן אַ קעסל בוימל מיט וואַסער, און זי אַהין אַריינגעשליידערט, זאָגנדיק: מיינע אבות האָבן דיך צו־געניאָגלט צום קרייץ און איך וועל דיך אָפּקאָכן אין דעם דאָזיקן קעסל; און אַזוי נאָר ווי ער האָט די רייד אַרויסגעזאָגט איז פון דער האָסטיע געוואָרן אַ קינד, וואָס איז אַרומגעגאַנגען אין קעסל איבערן וואַסער. דער ייד האָט עס געוואָלט שלאָגן מיט אַ שטעקן, אָבער ער האָט האָט נישט געקענט טרעפן, ווייל בדרך נס האָט עס זיך פלינק באַוועגט פון איין עק צום צווייטן כדי אויסצומיידן די קלעפּ.

און כדי צו פאַרפעסטיקן דעם בלבול זיינען אַ באַנדע פון צען אָדער צוועלף מאַן פּלוצעם אַריין אין דעם יידנס שטוב און פון דאָרטן צוריק אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס מיט גרויס טומל און אויפגערייצט דעם המון מיט אַ דערקלערונג, אַז זיי האָבן דעם וואונדער מיט די אייגענע אויגן געזען. אויך האָבן זיי דערציילט ווי אַ פרוי האָט אים די האָסטיע געגעבן.

ווען די דאָזיקע קלאַנגען האָבן דערגרייכט צום געריכט, איז דער אומגליקלע־

כער יידישער בעל־הלוואה צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע גענומען געוואָרן געפאַנגען, און כאָטש מ'האָט אים מוראדיק געפייניקט, האָט ער בשום אופן נישט מודה געווען, אַז דער בלבול זאָל אמת זיין. נאָר זיין פרוי האָט, מחמת איר ווייבלעכער שוואַכקייט, מער נישט געקענט איבערטראָגן און מודה געווען, אַז עס איז טאַקע אַזוי געשען ווי זיי זאָגן. האָט מען ביי איר געפאָדערט זי זאָל זיך שמדן אויב זי וויל בלייבן לעבן, און זי האָט איינגעשטימט זיך צו שמדן אין איינעם מיט אירע קליינע קינדער. אָבער דעם יידן האָט מען פאַרברענט, לויט ווי דער דאָזיקער (5) זאָגט, ארומגענומען מיטן תלמוד.

אויפגערייצט פון אַזאַ געשעעניש, האָט נאָך דער המון אויסגעהרגעט אַ גרויסע צאָל יידן אין פיל שטעטלעך פון פראַנקרייך, ווייט פון דעם קיניגלעכן הויף. אויך האָט דער קיניג מיט פיל צאָרן באַפוילן, אַז עס זאָלן פאַרטריבן ווערן אַלע יידן פון זיין גאַנצער מלוכה. האָבן זיי פאַרלאָזט דאָס לאַנד פאַראָרעמטע, ווייל זייערע נחלות זיינען איבערגעגאַנגען צו פרעמדע, און זיי האָבן זיך צעשפרייט איבער פיל קריסט־לעכע מדינות. און אויף אַלע וועגן האָט מען זיי געפייניקט און באַרויבט.

איידער נאָך דער אומגליק איז געשען האָסטו, אַ משה, מיך געדראָט אַז מיין רו וועט געשטערט ווערן און אַז פרעמדע וועלן געניסן פון מיינע גיטער, ווען דו האָסט געזאָגט: דער האַר וועט אָנשיקן אויף דיר אַ מהומה און אַ שטראָף אין אַלץ וואָס דו וועסט באַשליסן צו טאָן, ביז ער וועט דיך פאַרטיליקן (6); אַ הויז וועסטו בויען, אָבער וועסט דערין נישט וווינען (7).

---

1) זע באַמערקונג 1 פון פאָריקן קאַפּיטל.

2) דאָס הייסט: ישום.

3) האָסטיע, פון לאַטייניש Hostia ד"ה קרבן, איז אַ באַצייכענונג פאַר דער מצה, וואָס ווערט דורך רעליגיעזע צערעמאָניעס געהייליקט אין קירך און ווערט, לויט דעם קריסטלעכן גלויבן, אידענטיפיצירט מיט קריסטוסעס לייב. דער דאָזיקער גלויבן וואָרצלט אין דער געשיכטע פון די עוואַנגעליעס, לויט וועלכער ישו האָט — בשעתן אָפּריכטן די פסח־סעודה צוזאַמען מיט זיינע תלמידים, איידער מ'האָט אים געפאַנגען — אָפּגעבראָכן פאַר יעדן איינעם אַ שטיקל פון דער מצה און געזאָגט: „נעמט און עסט, דאָס איז מיין לייב". דערפון שטאַמט דער גלויבן, וועלכן אושקי דערמאָנט, אַז די האָסטיע קאָן פאַרוואַנדלט ווערן אין ישוס לייב. די האָסטיע־באַשולדיקונג, אַז יידן גנבענען די הייליקע מצה און פייניקן זי מיט דער כוונה זיך נוקם צו זיין אין ישוס קערפּער, איז געווען זייער פאַרשפּרייט אין מיטל־עלטער, און איז נישט איין מאָל געווען די סיבה פון אַזעלכע אָנפאַלן אויף יידן, ווי אושקי באַשרייבט דאָ.

4) די רעליגיעזע צערעמאָניע בשעת וועלכער די קאַטוילישע גלייביקע קריגן צו עסן די האָסטיע.

5) אושקי מוז דאָ מיינען דעם פראַנציסקאַנער אַלפאָנסאָ דע ספינאַ, מחבר פון דעם בוך Fortalitium Fidei (די פעסטונג פון גלויבן) פון וואַנען ער האָט געשעפּט זיינע ידיעות וועגן דער באַשריבענער געשעעניש.

6) דברים, כ"ח, כ'.

7) דברים, כ"ח, ל'.

3. שפּאַניע. טאָלעדאָ (1)

און ס'איז געווען נאָכן אומגליקלעכן טויט פון קיניג ראָדריגאָ, דער לעצטער פונעם שטאַם פון די גאָטן, וועלכע האָבן געפירט שטענדיקע מלחמות מיט מורינען*), אין וועמעס הענט עס האָט זיך צו יענער צייט געפונען דער גרעסטער טייל פון שפּאַניע.

ווען די גאָטן האָבן איין מאָל פאַרכאַפּט ביי זיי די שטאָט טאָלעדאָ און גע־הרגעט און געפאַנגען פיל שונאים, האָבן די אַפריקאַנער באַשלאָסן זי צוריק אָפּצו־נעמען, און געזוכט אַלערליי וועגן כדי אויסצופירן זייער כוונה. נאָר אַלע פּרוּוון זיינען נישט געלונגען, ביז איין מאָל אין אַ חגא, וואָס די קריסטן רופן „דער יום־טוב פון די פּאַלמעס" (2), ווען דער גרעסטער טייל פון די איינוווינערס איז אוועק אין אַ קלויסטער, ווייט פון שטאָט. די מורינען וואָס האָבן שוין פון דעם געוווּסט און געוואַרט אין אַ לויעראָרט, זיינען דאַן געשווינד באַפאַלן די שטאָט, געטויט פיל און געפאַנגען אַלע מענטשן, וואָס זיינען נאָך דאָרטן געווען, בתוכם אַ גרויסע צאָל יידן. און ווי באַלד נאָר די אָנפאַלערס האָבן געהאַט באַהערשט די שטאָט, האָבן זיי אין איר איבערגעלאָזט אַ גרויסן טייל פון זייערע מענטשן, און די איבעריקע זיינען באַפאַלן די אומבאַשיצטע, וואָס האָבן זיך געפונען אויסער דער שטאָט, און געפאַנ־גען אַלע פּוסגייערס, פון וועלכע זיי האָבן אַ סך געטויט.

עס האָט זיך נאָר געראַטעוועט דער רוב פון די רייטערס און צווישן זיי האָבן זיך געפונען די וויכטיקסטע באַאַמטע, וועמען דער קיניג האָט געהאַט אָנגעפאַר־טרויט די שמירה פון שטאָט. און וויסנדיק וואָס עס דערוואַרט זיי פאַר דער ידיעה, וואָס זיי האָבן צו ברענגען וועגן דער שטאָט צו דעם, וואָס האָט זי אין זייערע הענט איבערגעגעבן, אויב זיי וועלן נישט געפינען אַ גענוגנדיקע התנצלות פאַר אַזאַ גרויסן אָנווער, האָבן זיי אָפּגעשמועסט צווישן זיך אַרויפצווואַרפן די שולד אויף די גע־פלאָגטע יידן, צו וועמען עס קלעפּן זיך אַלע אומגליקן. דעריבער האָבן זיי געזאָגט דעם קיניג (וואָס האָט ביי זיי מיט פאַרדראָס געפאָדערט אַ דין וחשבון וועגן דער שטאָט), אַז די יידן, פון וועמען מ'האָט זיך נישט געהיט, ווייל מ'איז זיי נישט

---

*) ס'ווערט דאָ כסדר געניצט פאַרן פּאָרטוגעזישן Mouro דאָס אַלט־יידישע מ ו ר י ן, כדי צו זיין ווי ווייט מעגלעך געטריי צום אָריגינעלן טעקסט. דער בעל „עמק הבכא" ניצט איז די זעלבע פאַלן דאָס וואָרט „ישמעאלים".

חושד געווען אין פאררעט, האָבן פארקויפט די שטאָט צו די מורינען, און האָבן מודיע געווען די שעה ווען דער שונא האָט זי געקענט פארכאַפּן.

דער תירוץ איז געווען גוט אין די אויגן פון מלך, און ער האָט זיך פארצאָרנט אויך אויף מיינע זין, וואָס האָבן אין אַלע זיינע שטעט געלעבט, שוין אָפּגערעדט פון די צרות, וואָס די יידן פון טאָלעדאָ האָבן געהאַט אויסצושטיין. אויך דער המון, וואָס האָט דערשפּירט דעם קיניגס צאָרן, איז געוואָרן אויפגערייצט קעגן מיר, און ווען מיינע חטאים האָבן מיך שוין געהאַט דערפירט צו אַזאַ שרעקלעכן און אנגסטיקן מצב, אז דער המון איז שוין איין מאָל געווען גרייט זיך אויפצוהייבן מיט דער כוונה אויסצוהרגענען און פארטיליקן מיינע גלידער, האָט דער הארציקער און העכסטער קיניג פון הימל זיך דערבארעמט און אריינגעבלאָזן אין הארצן פון פרינץ רחמים פאר אַזוי פיל נפשות. האָט ער מיט פיל מי אָפּגעהאַלטן דעם המון, וואָס האָט גערעוועט ווי אַ צערייצטער לייב און שוין געווען גרייט מיט נעגל און ציינער צו צעשטיקלען זיין קרבן. די התנצלות איז געווען אז אויב די יידן פון טאָלעדאָ האָבן געזינדיקט, דארפן פאר זייער חטא נישט אָפּקומען קיין אנדערע, באשר עס איז דער משפט פון גאָט און פון מענטשן, אז נאָר דאָס נפש וואָס האָט געזינדיקט זאָל אומקומען.

אָ גאָט, זע אונדזער אומשולד אין די דאָזיקע בלבולים, ווי אומגערעכט מיר ווערן פארפאָלגט, און ווי אַלע זייערע זינד ווערן אויף אונדז אַרויפגעוואָרפן, כדי מיר זאָלן אָפּקומען פאר זיי. דאָס האָט דער נביא ישעיהו וועגן אונדז און די פעלקער פאָרויסגעזען: אונדזערע קראַנקהייטן האָט ער (ישראל) געליטן, און אונדזערע ווייטיקן האָט (אויך) ער געטראָגן; אָבער מיר האָבן געגלויבט אז פאר זיינע חטאים האָט גאָט אים געפּלאָגט און אז ער איז געפּייניקט (פון זיינע אייגענע פריינד) (3); אָבער אין דער אמתן איז ער געפּלאָגט געוואָרן איבער אונדזערע פארברעכנס. מיר האָבן אים געשטראָפט צוליב אונדזער פריד און דורך זיינע וווּנדן זיינען מיר געהיילט געוואָרן (4).

---

1) אושקי גיט נישט אָן דאָס יאָר. עס איז אָבער באַוווּסט אַז ראָדריגאָ, דער לעצטער קיניג פון די ווייזיגאָטן אין שפּאַניע איז געשטאָרבן בערך אין יאָר 713 נ"ק.

2) דער זונטיק ווען די קריסטן פייערן דאָס אַרייַנגיין פון ישוּ קיין ירושלים.

3) אפשר דאַרף זיין „פון זיינע אייגענע זינד". די קלאַמערן וואָס געפינען זיך אין ציטירטן טעקסט, זיינען אושקיס און זיי שליסן איין זיינע אייגענע הוספות צום ביבלישן טעקסט.

4) ישעיהו נ"ג, ד'.

4. שפּאַניע, טאָלעדאָ. 4923 (1) לבה״ע

און עס איז געווען אין דער צייט, ווען די שטאָט טאָלעדאָ איז אויף ס'ניי פאַרכאַפּט געוואָרן פון די מורינען. אַ באַנדע אַראַבישע גנבים פון מדבר זיינען אַריין אין דער שטאָט מעדינאַ־טאַלבי (2) אָדער מעקאַ, און, מיט דער הילף פון זייעריקע, וואָס זיי האָבן שוין געהאַט אינעווייניק אין שטאָט, אַוועקגערויבט די באַפּוצונגען פון דעם ארון אין וועלכן די מורינען האַלטן מיט גרויס פאַרערונג מאַכמעדס באַלזאַמירטן קערפּער, און אויך צוגעגנבעט פיל דימענטן און טייערע צירונג, וואָס זיינען איבערן גאַנצן אָרון געווען איינגעזעצט. און אויס מורא פאַר דעם בזיון וואָס דערוואַרט זיי אויב זיי וועלן נישט אויסגעפינען עמעצן וואָס זאָל עס האָבן געטאָן, אויף וועמען די שטראָף פון פאַרברעכן זאָל אויסגעפירט ווערן, און כדי צו בלייבן ריין פון זינד, האָבן די וועכטערס געגעבן דעם קלאַפּ אין דעם שוואַכסטן גליד פון דער מענטשהייט: זיי האָבן געזאָגט, אַז די יידן זיינען עס די גנבה באַגאַנגען.

און כדי צו קאָנען אויספירן זיין בייזע כוונה, האָט דער שונא (3) (וואָס פאַרפאָלגט מיך אייביק מחמת מיינע זינד) איינגערעדט די מורינען פון טאָלעדאָ, וואָס האָבן פיינט געהאַט מיינע זין, אַז איינער אַן אברהם דע לאַ קאַפּאַ (4), (מחמת פיל אָרעמקייט האָט ער עפּעס אַנדערש נישט פאַרמאָגט, דערפון דער נאָמען) מיט אַנדערע יידן, וואָס האָבן פאַרלאָזט טאָלעדאָ כדי צו וווינען אין אַ צווייטער שטאָט, זיינען פון די איבעריקע יידן געשיקט געוואָרן צו באַרויבן דעם אָרון. דער דאָזיקער קלאַנג האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן די מורינען און די אויפרעגונג איז געווען אַזוי גרוילִיק, אַז בלויז אויפן יסוד פון דעם בלבול האָבן זיי אויסגעהרגעט פיל יידן און צעשטערט פערציק סינאַגאָגעס, צווישן וועלכע, צו ערשט, די פון טאָלעדאָ.

פון דעם זעלבן בלבול איז נאָך פיל סכנה אַרויסגעקומען פאַר די יידן פון גאַנץ בערבעריע און פון אַנדערע מזרח־לענדער, ווייל די מורינישע מלכים האָבן אויס צאָרן און פאַרדראָס געוואָלט צווינגען אַלע זייערע יידישע אונטערטאַנען אָנצונעמען מאַכמעדס גלויבן (5), ווי אַ נקמה פאַר דעם בלויזן חשד, אַז יידן זיינען באַגאַנגען די גנבה.

נאָר היות ווי דער הימלשער חסד איילט זיך צו ראַטעווען זיין פאָלק אין די

גרעסטע נויטן, זיינען זיי לסוף צופרידן געבליבן דערמיט וואָס יידן האָבן שוין גע־ליטן ביים ערשטן אויפברויז, און פאַר מיינע זינד, וואָס האָבן געפאָדערט ביי גאָט שטראָף, בין איך אָפּגעקומען מיט בלויזער שרעק.

דו האָסט עס מיר פאָרויסגעזען, אָ ירמיהו, בעת האָסט געזאָגט: „איך וועל זיי איבערענטפערן צום פייניקן צו אַלע קיניגרייכן פון דער ערד, און איך וועל זיי מאַכן פאַלן דורך דער שווערד פאַר זייערע שונאים, און דורך דער האַנט פון די וואָס באַגערן זייער נפש" (6). אָבער לסוף, ווען גאָט האָט געזען אַז בעת אַז אַנגסטיקן מצב האָבן מיר זיך איבערגעגעבן זיין חסד, האָט ער אויך מקיים געווען זיין הייליק וואָרט: „זיי האָבן זיך אונטערגעגעבן, איך וועל זיי נישט פאַרטיליקן".

אין דער זעלבער צייט איז אַנטלאָפן רבנו משה בר מימון פון קאַסטיליע קיין עגיפּטן, ווו ער האָט פאַרבראַכט דעם רעשט פון זיין לעבן אין גרוים כבוד ווי דער הויף־רופא פון דעם סולטאַן. און פון דאָרט האָט ער געשריבן אַ בריוו וואָס ווערט אָנגערופן „פון דרום" (7), אין וועלכן ער האָט זיי געטרייסט און אויפגעפאָדערט צו בלייבן ביי משהס אמונה, און זיי געגעבן גרויסע האָפענונגען וועגן דערלייזונג.

1) יאָר 1163 נ"ק.

2) מעדינאַ־טאַלבי — פון אַראַבישן „מעדינאַט־אַל־נאַבי", דאָס הייסט: די שטאָט פון דעם נביא. אַזוי באַצייכענען די אַראַבער זייער שטאָט מעקאַ.

3) דאָס הייסט: די וועכטערס.

4) „קאַפּאַ" באַדייט אין שפּאַניש און פּאָרטוגעזיש: מאַנטל. אברהם דע לאַ קאַפּאַ האָט, ווייזט אויס, נאָר פאַרמאָגט דעם בגד אויף זיך.

5) אושקי באַמערקט ביים ברעג פון זייטל: „4950 לבה"ע". דאָס איז געשען, הייסט עס, אין יאָר 1190 נ"ק.

6) אושקי באַמערקט: „ירמיהו 17". עס איז אָבער, ווייזט אויס, אַ דרוקפעלער, ווייל דער ציטאַט איז צוזאַמענגעפלאָכטן פון די פסוקים ט"ו, ד' און י"ט, ז' פון ספר ירמיהו.

7) דאָ מיינט אושקי זיכער דעם רמב"מס „אגרת תימן", געשריבן צו די יידן פון תימן, אַ לאַנד וואָס געפינט זיך אין דרום פון אַראַבישן האַלבאינדזל.

5. פראנקרייך

און כ׳האב געזען ווי אין פראנקרייך האט מען (מחמת שנאה צו די ווובערני-קעס) אויסגעטראכט אויף די אומגליקלעכע יידן פון פאריז, אז זיי האבן געהרגעט א קריסטלעך יינגל, כדי פסח צו מאכן מיט זיין בלוט. די דאזיקע נייס איז דער-גאנגען צום קיניג, וואס איז דאן געווען אויף געיעג, און די בייזוויליקע ראטגעבער, וואס ער האט געהאט ארום זיך, האבן פאר אים אזוי באפארבט דעם פאלשן בלבול, אז ער האט אים אנגענומען פאר אמת. האט ער נישט געווארט אז די צייט זאל אויפדעקן דעם אמת, אדער אז א חקירה זאל איבער דעם געמאכט ווערן און, נאך מיט א פאלקפויגל אין האנט, זיך געשווינד אומגעקערט.

און ווי נאר ער איז אנגעקומען אין שטאט, האט ער, מיט פיל צארן, געהייסן פארברענען פיר און צוואנציק יידן, אויף וועלכע זייערע פערזענלעכע שונאים האבן אנגעוויזן, אז זיי זיינען פארמישט אין פארברעכן, כאטש די פארפאלגטע שעפעלעך זיינען געווען אזוי אומשולדיק, און די זאך אין וועלכער מ׳האט זיי באשולדיקט — שטרענג פארבאטן לויט די געזעצן פון זייער הייליקער תורה.

„וועסט זיין א שפייז פאר דעם פייער" (1), האסטו, א יחזקאל, קענן מיר נבי-אות געזאגט. אט זעסטו ווי דיין דראונג איז אויף מיר אויסגעפירט געווארן.

---

*) יחזקאל כ״א, ל״ז.

6. פראַנקרייך

און ס'איז געשען אין אַ שטאָט פון נאָרמאַנדיע, אין פראַנקרייך: מיינע קינדער זיינען דאָרט איבער דער גאַנצער פּראָווינץ געהאַסט געווען, ווייל מ'האָט זיך אין זיי מתקנא געווען איבער זייער נעבעכדיק ביסל עשירות; דערום האָבן עטלעכע רשעים באַשלאָסן זיי אומצוברענגען און פאַרטיליקן. זיינען דערצו געזוכט געוואָרן בלעראיי המצאות און, לסוף, האָט די באַנדע רשעים אָפּגעשמועסט מיט אַ מכשף אַ טייוולשן פּלאַן:

זיי וועלן צו ערשט אונטערקויפן אַ תלין, וואָס פירט אויס דעם טויט־אורטייל אויף פאַרברעכערס. דערנאָך וועט דער מכשף צונויפזאַמלען אויף אַ פּלאַץ, ווו עס וועט פון פריער שוין באַגראָבן זיין דאָס האַרץ פון אַ חזיר, אַלע חזירים פון דער גאַנצער אומגעגנט, און וועט מאַכן אַז די חזירים זאָלן זיך דאָרט בייסן איינס דאָס אַנדערע ביז טויט.

און כדי דער דאָזיקער טאַט זאָל פאַרברעכעריש אַרויפגעלייגט ווערן אויף יידן, וועט דער תלין דאַרפן דערציילן דעם פאָלק, און אויך עדות זאָגן פאַר דעם גובערנאַטאָר, אַז געוויסע יידן האָבן ביי אים געבעטן די הערצער פון אַלע קריסטן, אויף וועלכע ס'ווערט אויסגעפירט דער טויטאורטייל, און אַז ער האָט זיי דאָס צוגעזאָגט פאַר אַ באַשטימטן לוין. נאָר היות ער האָט זיך מרחם געווען אויף זיינע קריסטן — וועט דער תלין ווייטער דאַרפן זאָגן — האָט ער אויפן אָרט פון זייערע הערצער געגעבן הערצער פון חזירים. און ווען ער איז געגאַנגען געוויר ווערן וואָס מ'טוט מיט די בלומרשטע קריסטנהערצער, האָט ער געזען אַז די יידן האָבן זיי באַגראָבן אויף דעם און דעם אָרט.

נאָך דעם וואָס די רשעים האָבן צווישן זיך אַזוי אָפּגעשמועסט, האָט דער מכשף אויסגעגראָבן אויסער דער שטאָט אַ גרוב און, מיט פיל טייוולשע שפּרוכן און שדישע השבעות, דאָרטן באַגראָבן דאָס חזיר־האַרץ. נאָכן באַערדיקן האָט ער געמאַכט אַן עיגול מיט בישוף־קונצן און באַשווירן די רוחות, אַ לאַנגע צייט, אַז זיי זאָלן אַהין קומען. אין עטלעכע טעג אַרום האָבן זיך דאָרט צונויפגענומען אַ גרויסע צאָל ווילדע חזירים און שטוב־חזירים, און עס האָט זיך צווישן זיי אָנגעהויבן אַזאַ

מוראדיקער קאַמף, אַז זיי האָבן זיך אַלע געביסן מיט די ציינער, איינס דאָס אַנ־דערע, אויף טויט.

און ווען דער המון איז זיך צונויפגעלאָפן זייער דערשטוינט פון דעם דאָזיקן פאַל, האָט דער תלין אויפגעדעקט פאַר אַלע דאָס פאַלשע עדות, וואָס ער האָט געהאַלטן ביי זיך, קעגן די יידן; און עטלעכע פון דער באַנדע האָבן אים אונטער־געהאָלפן, זאָגנדיק אַז זיי האָבן טאַקע געזען ווי די יידן האָבן אויף יענעם פּלאַץ עפּעס באַגראָבן, אָבער זיי האָבן נישט געוווּסט וואָס.

האָט דער המון דאַן געזאָגט: עס איז בלי ספק אַז די כוונה פון די דאָזיקע יידן איז געוועזן אויסצוהרגענען אונדז, אַלע קריסטן, אַזוי ווי עס איז געשען מיט די חזירים; אַ סימן, זיי האָבן געבעטן דאָס הארץ פון אַ קריסט. און די וואָס ווילן אונדז אויסהרגענען טאָרן מיר דען זיי נישט אומברענגען?

און מחמת דעם דאָזיקן אויפברויז זיינען זיי אויפגערייצט געוואָרן, און זיך געוואָרפן, אין שטאָט, קעגן מיינע אומשולדיקע זין, פון וועלכע זיי האָבן פיל אויס־געהרגעט מיט דער שווערד, און באַרויבט די איבעריקע וואָס ס'איז זיי געלונגען זיך צו ראַטעווען.

אָ, וויי איז מיר, ווי ווייט זיינען געווען מיינע געדאַנקען פון זיך פאָרשטעלן, אַז אַזאַ מאָדנער און משונהדיקער אומגליק זאָל מיך טרעפן. דאָס איז איינער פון די, וואָס ווערן געמיינט אין דער נבואה, וואָס דו, משה, האָסט קעגן מיר געזאָגט: אויב דו וועסט נישט היטן די ווערטער פון דער דאָזיקער תורה, וואָס שטייען גע־שריבן אין דעם דאָזיקן ספר, און וועסט נישט מורא האָבן פאַר דעם רומפולן נאָמען פון דעם פאָרכטיקן גאָט, דיין האר, וועלן געבראַכט ווערן אויף דיר נייע פּלאָגן, וואָס קיינער האָט וועגן זיי נישט געדענקט און זיי שטייען נישט געשריבן אין דעם דאָזיקן ספר (1).

*) דברים כ"ח — נ"ח, ס"א.

7. שפאַניע

און אין טאַוואַרא (1), אַ שטאָט פון שפאַניע, בין איך אַזוי פאַרפאַלגט און געהאַסט געוועזן פון דעם המון, אַז מחמת שרעק פלעג איך מיך פאַרבאַרגן מיט זון־אונטערגאַנג, באַשר עס פלעגן געטויט ווערן פיל יידן, וואָס קריסטן האָבן זיי גע־טראָפן אַוונטצייט.

האָט פּאַסירט, צו מיין אומגליק, אַז דער זון פון אַ יידישן שמיד איז באַ־גאַנגען עפּעס אַ פאַרברעכן, פאַר וועלכן עס איז אים נישט געקומען טויטשטראָף, נאָר היות ווי ער איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אונדזערע שונאים, האָט מען אים פאַרמשפּט ער זאָל שטאַרבן פאַר זיין חטא.

ווען דער אַלטער אומגליקלעכער פאָטער האָט געזען דעם שרעקלעכן סוף פון זיין איינציקן זון, און אַז קיין אַנדער קינד איז אים נישט געבליבן, האָט דער פאַר־דראָס אים אַזוי דערשלאָגן און די טרויעריקע מחשבות אַזוי פאַרפאַלגט, אַז ער איז אַראָפּ פון זינען.

אין דער זעלבער צייט איז שטאַרק אויסגעוואַקסן די שנאה פון די פיינט קעגן מיר, און זיי האָבן זיך מער נישט געקענט אָפּהאַלטן פון פאַרווירקלעכן זייערע בייזע מחשבות. האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ באַנדע קריסטלעכע יונגען, כלומרשט אויף אַ קאַמף, ווי דער מנהג איז אין שפאַניע בעת די חגאות, און ווי נאָר זיי זיינען געווען פאַרטיק מיט די שפּיזן אויף די פּלייצעס און מיט די שווערדן ביי די זייטן, זיינען זיי באַפאַלן מיט גרוים רציחה די יידישע שעפעלעך און גאָר ווייניק האָבן זיך גע־ראַטעוועט מיטן לעבן אין יענעם אָרט.

ווען די דאָזיקע גרויליקע ידיעה האָט געהאַט דערגרייכט צו די אויערן פון קיניג, האָבן די איינוווינערס פון שטאָט, אַלע ווי איינער, זיך אָפּגעשמועסט צו זוכן אַ התנצלות, כדי עס זאָל נישט שטיין אין געפאַר דאָס לעבן פון זייערע זין און ברידער, די רוצחים. האָבן אַלע עדות געזאָגט פאַרן קיניג, אַז דער יידישער שמיד האָט זיך נאָר פאַרשטעלט פאַר משוגע, כדי נקמה צו נעמען פאַרן טויט פון זיין זון, און במשך צוויי חדשים פלעגט ער טאָג ווי נאַכט אַרומגיין און עפּעס קלאַפּן אויף די טירן, באַשר אַלע האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ משוגענעם און זיך פון

אים נישט געהיט. אבער אין דער זעלבער צייט האט ער צוגעגרייט ביי זיך אין דער היים ריגלען און אויך שטעביקע אייזנס, אזעלבע וואס ווערן צעשפרייט אויפן שלאכטפעלד כדי צו פארטשעפען די פיס פון פערד און מענטשן. מיט דעם אלעמען באוואפנט — האבן זיי ווייטער עדות געזאגט — האט דער שמיד, אין מיטן נאכט, פארריגלט די טירן פון אלע הייזער, צעשפרייט די שטעביקע אייזנס איבער די גאסן און אונטערגעצונדן די שטאט. און ווען עס זאל נישט געווען בלייבן אפן איין טיר, דורך וועלכער א קריסט איז ארויסגעגאנגען אויפריגלען אלע אנדערע, וואלטן אלע פארברענט געווארן. איבער דעם האט מען געמאכט אויף יידן אזא גי־בע שחיטה. .

אז דער קיניג און זיינע ראטגעבער האבן געהערט ווי אלע עדות זאגן דאס זעל־ביקע, און ווען ער זאל וועלן באשטראפן איינעם, וואלט ער עס געמוזט טאן מיט אלע, האט ער געהאלטן פאר רעכט אז מ׳קען נישט נקמה נעמען ביי א גאנצער שטאט, און האט זיי באפרייט פון שטראף. .

אבער ווי איז מיר, וואס אויך די ריכטערס זיינען געווען פון דער באנדע, ווייל ס׳איז נישט פאראן אונטערן הימל א הארץ וואס זאל קענען מיר נישט געגוינגט זיין. עס זיינען דא מקוים געווארן משהם נביאישע ווערטער: און דו וועסט אראפ פון זינען פון דעם וואס וועסט געצווינגען זיין צו זען מיט דיינע אויגן (2); און אויך ירמיהוס נבואה איז מקוים געווארן צו מיין גרויסן אומגליק: און זייערע מע־נער זאלן אין א שחיטה ווערן דערמארדעט, און זייערע בחורים זאלן מיט א שווערד ווערן דערשלאגן און זאל זיך הערן א קלאג פון זייערע הייזער (3).

1) Thavara אדער Tabara.
2) דברים כ״ח, ל״ד.
3) ירמיהו י״ח, כ״א.

8. פערסיע, יאָר 4924 (1) לבה״ע

אין דער זעלבער צייט איז מיר נאָך אַ גרויס אומגליק געשען אין פערסיע. אין דער שטאָט האמאריא (2) האָט געלעבט אַ קהל פון טויזנט יידישע משפחות, די ערשטע (3) פון די קהילות וואָס באוווינען דעם ברעג פון טייך האוויטאָן (4), ביים אריינגאנג צום מעדישן קיניגרייך, און וואָס זייער שפּראַך איז תרגום. זיי זיינען אַלע פון דער פּראָווינץ סאמאמאריאַ ביז גילאָן, פופציק טעג גאנג ביז צו די מלוכות פון פערסיע (5).

די דאָזיקע יידן, פון פופצן יאָר און העכער, פלעגן צאָלן אַ דוקאַט (6) יערלעכן שטייער דעם קיניג. איז אין דער דאָזיקער שטאָט האמאריאַ אויפגעשטאנען אַ ייד מיטן נאָמען דוד אלדואי (7), וואָס האָט געלערנט ביי חסדאין, דער געלערנטסטער ייד פון גאנצן גלות, און שפּעטער אויך ביי דעם ראש ישיבה פון באגדאַד. אַזוי אַז ער איז געוואָרן אַ גרויסער קענער אין תלמוד און אין אנדערע חכמות, אויך כישוף און מאַגיע.

און, פול מיט גאווה צוליב זיין וויסן, האָט ער צונויפגעזאמלט אַ גרויסע עדה יידן,, וואָס האָבן באוווינט דעם בארג האוויטאָן (8) און זיי דערקלערט אַז ער איז משיח. דערנאָך האָט ער, צוזאמען מיט זיי, געמאַכט אַן אויפשטאַנד קעגן דעם מלך און ער האָט אים אויסגעהרגעט פיל מענטשן.

לסוף, ווען דער קיניג האָט געזען אַז ס׳איז נישטאָ קעגן אים קיין בעסער מיטל ווי ערמה, האָט ער זיך פאַרשטעלט פאַר זיינעם אַ פריינד, און אים פאַרבעטן צו זיך, פאַרזיכערנדיק (9) אויפן וואָרט.

דוד אלדואי האָט געגלויבט, און ווען ער איז געקומען שטאָלץ און אָן פחד, האָט אים דער מלך געפרעגט צי איז עס אמת וואָס ער זאָגט וועגן זיך, אַז ער איז דער משיח אויף וועמען די יידן וואַרטן, און וועלכער דאַרף באוויזן אַזוי פיל מופתים אויף דער וועלט. האָט ער געענטפערט אַז יאָ, און אַז ווי אַזעלכן זאָל ער אים באהאנדלען.

איז דער קיניג געוואָרן דערצערנט פון דעם פרעכן ענטפער און פון דעם שקר, וואָס דוד האָט געוואָלט באַשטעטיקן, און האָט באַפוילן, אַז שום צערעמאָניע, אַז

מ'זאָל אים פון דאָרטן אוועקנעמען און אריינוואַרפן אין א פינצטערער תפיסה, עובר זייענדיק אויפן צוגעזאָגטן וואָרט.

אָפּגענאַרט און געפאַנגען אין תפיסה, האָט דוד באשלאָסן זיך ווענדן צו זיין חכמה, און האָט מיט דער הילף פון כישוף צעריסן די קייטן און זיך פון זיי באַ־פרייט. נאָך דעם איז ער אַרויס פון תפיסה צעשפּאַלטנדיק א פעסטע מויער בלויז מיטן כוח פון ווערטער.

ווען דער קיניג האָט עס דערהערט, האָט ער באַלד געשיקט נאָך אים א סך רייטער און מענטשן, וואָס זאָלן אים זוכן אין אַלע זייטן און אים צוריקברענגען א געפאַנגענעם.

און ווען צו דוד אַלדואי איז געקומען די ידיעה, אַז דער קיניג האָט געשיקט פיל מענטשן אים צו כאַפּן, האָט ער ווידער באַנוצט זיין חכמה, און זיך באַוויזן צו אַלע ווי א רואה ואינו נראה און צו זיי גערעדט. זיי האָבן נאָר געהערט זיין קול, אָבער אים אַליין נישט געזען; דערום זיינען זיי געוואָרן דערשטוינט און צעמישט. דערנאָך איז ער אַוועק פון זיי, געקומען אין פּאַלאַץ און גערעדט אויף דעם זעלבן אופן צום קיניג און אים געזאָגט: האָסט נישט קיין מאַכט מיך צו פאַנגען. להיפּך, יועסט באַלד זען מיט דיינע אייגענע אויגן ווי איך גיי מיר מיין וועג און וועסט מיר גאָרנישט קענען טאָן. תיכף נאָכן אַרויסרעדן די דאָזיקע ווערטער האָט ער זיך באַוויזן ווי ער נידערט אַראָפּ די טרעפּ פון פּאַלאַץ. דערנאָך האָט מען געזען אַז ער האָט אַראָפּגענומען דעם צודעק פון זיין קאָפּ, האָט אים אויסגעשפּרייט איבערן טייך גאָזאַן (10) און איז אויף אים אַריבער צו דעם צווייטן ברעג.

דער קיניג, אין דער באַגלייטונג פון זייניקע, האָט דאָס צוגעזען דערשטוינט און צעמישט. ער האָט נישט געקענט איבערטראַגן אַזא בזיון און תיכף אַוועקגע־שיקט איבערן טייך פיל מענטשן, אין שיפלעך, אַז זיי זאָלן אים דעריאָגן און פאַנ־גען. אָבער זייער מי איז געווען אומזיסט, ווייל דוד האָט אין יענעם איינעם טאָג דורכגעמאַכט א וועג פון צען טעג, מיטן כוח פון שם־המפורש, וואָס ער האָט דאַן באַנוצט.

ווען דער קיניג האָט געזען ווי אָנמאַכטיק ער איז קעגן דעם דאָזיקן מאַן, וואָס האָט אָפּגעחוזקט פון אַלע זיינע באַמיאונגען, האָט ער אויסגעפונען אַן אַנדער וועג, ווי זיך נוקם צו זיין: ער האָט געלאָזט מוסר מודעה זיין איבער גאַנץ פּערסיע, אַז די יידן זיינען מחויב צו הרגענען דודן אָדער אים ברענגען געפאַנגען, אונטער דער דראָונג, אַז עס וועלן געטויט ווערן מיט דער שווערד אַלע יידן וואָס געפינען זיך אין זיינע מלוכות.

מחמת שרעק פאַר אַזא גרויסער סכנה האָבן די יידן געמוזט שרייבן א בריוו דעם עמיר אַלמורכעם (11) פון באַגדאַד און אים געבעטן זאָגן די ראשי־הגולה, אַז

זיי דארפן אים טייטן אָדער שיקן אַ לעבעדיקן כדי די גאַנצע אומה זאָל ניצול ווערן דורך דעם קרבן פון איין נפש.

און דודן אַליין, וואָס האָט זיך געפונען אין דער זעלבער שטאָט, האָבן זיי געשריבן און אים געבעטן, אַז ער זאָל זיך אַפּלאָזן פון זיין משוגעת און זיי נישט פאַרשאַפן קיין נייע צרות צו די וואָס זיי שטייען שוין סיי ווי אויס אין גלות, און אַז אויב ער וועט נישט פאָלגן, שטעלט ער אין סכנה דאָס לעבן פון אַלע, און זיי וועלן זיין געצוווּנגען אים אַריינלייגן אין חרם (12).

מיט די דאָזיקע בריוו האָבן זיי געשיקט דעם נשיא זכאי, וואָס זיי האָבן אים אַראָפּגעבראַכט פון סיריע, ווו ער האָט זיך געפונען, און ר' יוסף באַדאַהאַן (13). אָבער קיין איינער פון די בריוו האָט נישט געהאַט קיין פּעולה, און אויך דוד האָט נישט געפאָלגט וואָס מ'האָט אים געבעטן, אַזוי אַז דאָס פאָלק האָט זיך געפונען אין אַ גרויסער צרה און געבעטן צו גאָט בתפילות ותעניתים ער זאָל זיי מציל זיין.

האָט דער אַלהעכסטער דערהערט זייער תפילה און אויפגעשטעלט אַ טערקישן קיניג מיטן נאָמען זיבאַלדין (14), אַ צינזצאָלער פון דעם פּערסישן מלך. און זי־באַלדין האָט געשיקט רופן דודס שווער, וואָס האָט געלעבט אין זיין לאַנד, און אים מבטיח געווען צען טויזנט דוקאַטן (15) אַז ער זאָל דודן הרגענען אָדער פאַנגען.

נערווירט פון די צרות, וואָס עס האָבן געהאַט אויסצושטיין זיינע ברידער אין פּער־סיע, און נישט פונעם לוין, האָט ער ליבערשט געוואָלט אים אַליין טייטן איידער אים איבערצוענטפערן צו די גרויזאַמע עינויים פונעם שונא, און איין מאָל, ביי נאַכט, ווען דוד איז געשלאָפן אין בעט, האָט ער אים בלויז מיט איין וווּנד, וואָס ער האָט אים געמאַכט אין דער זייט פון האַרץ, געטייט, און מיינע זין זיינען ניצול געוואָרן פון דער דאָזיקער צרה.

זיבאַלדין, דער טערקישער קיניג, האָט באַלד וועגן דעם מודיע געווען דעם פּערסישן מלך, וועלכער איז דערפון אַזוי צופרידן געווען, אַז ער איז אפילו איינ־געגאַנגען דערויף, אַז די יידישע מורדים (16), וואָס זייער צאָל איז געווען זייער גרויס און זיי זיינען געווען רייכע מענער, זאָלן אים באַצאָלן הונדערט ככר גאָלד, כדי ביי אים ווידער נושא־חן צו זיין.

רבנו משה (17) שרייבט, אין אַ בריוו, וועגן דעם דאָזיקן פאַל, אָבער ער זאָגט, אַז דער סולטאַן האָט אים (18) געפרעגט צי איז ער דער משיח. האָט ער געענטפערט אַז יאָ. האָט דער סולטאַן ווייטער געזאָגט: וואָס פאַר אַ סימן גיסטו, אַז מ'זאָל דיר גלייבן? האָט ער געענטפערט מ'זאָל אים אָפּשניידן דעם קאָפּ און ער וועט ווידער לעבעדיק ווערן. האָט דער סולטאַן געזאָגט: אויב דאָס וועט אמת זיין, וועל איך צווינגען מיין גאַנץ פאָלק זיך מגייר צו זיין, און ער האָט באַפוילן אים אָפּצוהאַקן דעם קאָפּ. אָבער ער איז ביז היינט נישט אויפגעשטאַנען תחיית המתים,

וואָרעם ער האָט אַזוי געזאָגט נאָר פון ערמה וועגן, באשר ער האָט ליבערשט געוואָלט שטאַרבן אויף אַזאַ אופן, איידער פון די עינויים, וואָס ער האָט מורא געהאַט מ'זאָל אים אָנטאָן.

ווען דער דאָזיקער האָט זיך באַוויזן איז שוין דיין התראה, ירמיהו, (אונדז צו וואָרענען קעגן אים) געהאַט געמאַכט געוואָרן, און די שטראָף וואָס ער האָט באַקומען איז שוין געהאַט נגזר געווען בעת דו האָסט געזאָגט: איר זאָלט נישט הערן די ווערטער פון די (פאַלשע) נביאים, וואָס זאָגן אייך נביאות און מאַכן אייך נאַריש; וואָס עס קומט זיי אויפן האַרצן רעדן זיי, און נישט אויסן מויל פון גאָט. זע, איך שטיי אויף קעגן די נביאים וואָס חלומען שקרים, זאָגט גאָט, און זיי פאַרפירן מיין פאָלק מיט זייערע שקרים (19). וועגן דעם דאָזיקן (דוד אלדואי — א. ל.) איז אויך געזאָגט געוואָרן: גאָט האָט דיך נישט געשיקט און דו האָסט געגעבן צו זויגן דעם דאָזיקן פאָלק פאַלשע האָפענונגען; דערום האָט גאָט אַזוי געזאָגט: איך נעם דיך אַוועק פונעם געזיכט פון דער ערד און נאָך היי־יאָר וועסטו שטאַרבן (20).

---

1) 1164 נ"ק.

2) אַמאַדיאַ, אַ שטאָט אין קורדיסטאַן. אושקי שרייבט האַמאַריאַ (מיט אַ „ריש"), און שפּעטער שרייבט ער אויך אלדואי (מיט אַ „דלת") און נישט אלרואי. דאָס פאַרבייטן דעם אות „ריש" אויפן אות „דלת" איז אפשר אַ פּרט וואָס קען באַשטעטיקן גרעצס השערה, אַז דער מקור פאַר דער דאָזיקער באַשרייבונג איז געווען אַ העברעישער כתב־יד.

דער מקור וואָס אושקי גיט אָן פאַר דער באַשרייבונג וועגן דוד אלרואי איז באַצייכנט מיט די ראשי־תיבות .L. I. E. B דאָס זאָל, לויטן גרעצן, זיין גלייך צו דעם מקור פון אַנדערע קאַפּיטלעך, וועלכער ווערט באַצייכנט מיט די ראשי־תיבות .L. Eb דאָס הייסט: Livro Ebraico אַ העברעישער כתב־יד. און דער זעלביקער כתב־יד זאָל אפשר זיין דער פאַרלוירן געגאַנגענער „אגרת השמדות" פון דעם „אפודי" (זע ווייטער: קאַפּיטל 21, באַמערקונג 5, און קאַפּיטל 23, באַמערקונג 5).

3) לויטן בעל „שבט יהודה" זיינען אין יענער געגנט געווען הונדערט יידישע קהילות. דאָס קהל פון האַמאַריאַ איז געווען — הייסט עס — דאָס ערשטע (לויט דער געאָגראַפישער פּאָזיציע?) פון די הונדערט קהילות.

4) פאַרגרייזט כיי ביי אושקין סיי ביים בעל „שבט יהודה", וועלכער שרייבט: „די קהילות וואָס לעבן אַרום דעם טייך סמבטיון". ווייזט אויס אַז עס דאַרף זיין: „אַרום די בערג האַוויטאַן".

5) דער פאַרפּלאָנטערטער סינטאַקסישער געבוי פון די זאַצן, דערלאָזט נישט אַז עס זאָל קלאָר דעפינירט ווערן די געאָגראַפישע פּאָזיציע פון דעם אָרט לויט אושקים נוסח.

אושקים פאַרגרייזטער זאַץ: „זיי זיינען אַלע.... פּערסיע" איז אין „שבט יהודה" קלאָרער: „און פון דאָרטן (דאָס הייסט פון דער שטאָט עמדיה) ביז דער מדינה גילן איז פופציק טעג גאַנג". גילן איז אַ פּראָווינץ אין צפון־מערב פון פּערסיע.

6) אַזוי זעצט אושקי איבער דעם העברעישן „זהוב" פון דעם בעל שבט יהודהס נוסח.

7) אין „שבט יהודה" — ד ו ד   א ל ד ו י ד, איינער פון די פאַרשידענע נעמען אונטער וועלכע דוד אלרואי איז באַקאַנט אין דער יידישער געשיכטלעכער מסורה.

8) אושקי שרייבט Habiton; : אין שבט יהודה: ה פ ת ז.

9) אים קיין ביז נישט צו טאָן.

10) אושקי שרייבט: Gosan; אין „שבט יהודה": ג ו ז ן.

11) אושקי שרייבט: Emir Almurchem; דער בעל „שבט יהודה" שרייבט: א י־מ י ר א ל מ ו ע ד י ן.

ביידע נוסחאות פאַרגרייזט. עס דאַרף זיין, ווייזט אויס: אמיר אל מומנין (לויט שמואל רו־בינזון אין זיינע באַמערקונגען צו דער פאַרקירצטער אויסגאַבע פון „שבט יהודה", ירושלים תש"ז). לויטן נוסח פון „שבט יהודה" איז דער בריוו, מיט דעם זעלבן אינהאַלט, צום עמיר געשריבן געוואָרן נישט פון די פּערסישע יידן, נאָר פון דעם פּערסישן קיניג אַליין.

12) אין אַלט־פּאָרטוגעזישן אָריגינאַל, האָט אושקי פון דעם העברעישן וואָרט ח ר ם געבילדעט אַ ווערב heremar (מחרים זיין, אַריינלייגן אין חרם) און אים געבויגן לויט די כללים און מיט די סופיקסן פון דער פּאָרטוגעזישער גראַמאַטיק. די פּאָרטוגעזישע פילאָלאָגן האָבן נאָך ביז היינט די ריכטיקע טייטש און אָפּשטאַם פון דעם דאָזיקן ווערב נישט אַנטדעקט, און ער געפינט זיך טאַקע נישט אין זייערע ספּעציאַליזירטע ווערטערביכער. אַפילו מענדעס דאָס רעמעדיאָס, דער פּאָרטוגעזישער ליטעראַטור־ און שפּראַך־פאָרשער, וועלכער האָט שטודירט און אַרויס:געגעבן אושקיס ווערק, און אַפילו געפּרוווט, מיט גרויס דוחק און פאַרגרייזט, דערקלערן די העברעיזמען פון אושקיס טעקסט, געפינט אויס אַ גריכישן וואָרצל פון וואַנען דער ווערב זאָל אָפּשטאַמען. ער זאָגט אָגב אין אַ באַמערקונג אַז זיינע גאָר שוואַכע ידיעות פון העברעישן לשון דערלויבן אים צו דערקלערן די העברעיזמען פון אושקיס פּאָרטוגעזישן טעקסט נאָר דורך פאַר־גלייכונגען און פיל מאָל דורך ריינעם צופאַל. ער קלאָגט זיך אויך אַז אושקיס פּאָרטוגעזישע טראַנסקריפּציע פון אַ גרויסער צאָל העברעישע פּרט־נעמען, זיינען פאַר אים אַבסאָלוט אומפאַר־שטענדלעך.

heremar מוז זיין אַן אויסדריק, וועלכער פלעגט באַנוצט ווערן נאָר אין די קרייזן פון פּאָרטוגעזיש־רעדנדיקע מאַראַנען.

13) לויטן נוסח פון בעל „שבט יהודה" האָבן די ראשי־הגולה, באַקומענדיק דעם בריוו, זיך פאַרזאַמלט און באַשלאָסן צו שיקן צו דוד אלדוידן שליחים, וועלכע האָבן אים געוואָרנט אַז ער זאָל זיך אָפּלאָזן פון זיינע שטותים, אין קעגנפאַל וועט מען אים מחרים זיין פון ביידע עולמות.

אויך האָבן — לויטן זעלבן נוסח — די ראשי־הגולה געשיקט בריוו צו „זכאי הנשיא פון דעם לאַנד אשור און צו ר' יוסף ברכן אלפלח, דער חוזה", פון דעם זעלביקן אָרט, און זיי אויך געבעטן שרייבן בריוו צו דודן, אָבער דוד האָט זיך פון זיי אַלע אויס:געלאַכט.

דער מאַן, וואָס הייסט ביי אושקין Rebi Yocef Badahan הייסט אין „שבט יהודה" ר' יוסף ברכן אלפלח, דער חוזה. לויט אַ באַמערקונג פון דעם אויבן דערמאָנטן שמואל רובינזון איז דער דאָזיקער ר' יוסף געווען אַן אַסטראָנאָם (חוזה); דערפון זיין ביינאָמען: ב ר י ה ן א ל פ ו ל ק, וואָס באַדייט: אַ קענער פון די הימלשע ספערעס.

לויט דעם נוסח פון ר' בנימין מטודלה הייסט דער חוזה „ר' יוסף ברהאן אל־פולק" (זע: ב ש ב י ל י ה ג א ו ל ה, מאת יוסף שפּירא, חלק ראשון. ירושלים תש"ז, דף צ"ט).

14) לויטן נוסח פון בעל „שבט יהודה" — זיך אלדין; לויטן נוסח פון ר' בנימין מטודילה און בעל „עמק הבכא" — זין (זיף) אלדין. אַלע נוסחאות זיינען אָבער נישט גענוג קלאָר.

15) זע באַמערקונג 6.

16) דודס אַנהענגער.

17) דער רמב"ם. אויך דער בעל „שבט יהודה" גיט איבער דעם דאָזיקן נוסח וועגן אלרואים טויט אין נאָמען פון רמב"ם. אָבער עס איז היסטאָריש נישט ריכטיק. אמת דער רמב"ם ברענגט

אזא נוסח אבער נישט וועגן דוד אלרואין, נאר וועגן א משיח אין תימן, וואס זיין נאמען איז נישט באקאנט (זע: ב ש ב י ל י ה ג א ו ל ה מאת יוסף שפירא, ירושלים תש״ז, חלק ראשון, דף קי״א.

18) דוד אלרואין.

19) ירמיהו, כ״ג — ט״ז, ל״ב.

20) ירמיהו, כ״ח — ט״ו, ט״ז.

9. דייטשלאַנד

און עס איז געשען אין ווין, אַ שטאָט פון דייטשלאַנד, ווען פרידריך (1) איז געווען אימפּעראַטאָר: מחמת די גרויסע קעלטן פון יענע מקומות איז פאַרפרוירן געוואָרן אַ טייך, און דריי ייִנגלעך זיינען אַרויף זיך שפּילן אויפן אייז, ווי געוויינטלעך. אָבער דאָס אייז האָט זיך איינגעבראָכן און זיי זיינען דערטרונקען געוואָרן.

אַז מ'האָט געזוכט די ייִנגלעך אין אַלע עקן שטאָט און אויסער איר, און זיי נישט געפונען און אויך גאָרנישט געהערט וועגן זיי, האָט דער המון אויסגעטראַכט, אַז די ייִדן האָבן זיי געהרגעט כדי צו נוצן זייער בלוט. עס זיינען אַפילו געקומען עדות, וואָס האָבן באַשטעטיקט, אַז זיי האָבן געזען די ייִנגלעך אַריינגיין אין די הייזער פון געוויסע ייִדן, און כדי צו באַפעסטיקן זייערע פאַלשע רייד האָבן זיי נאָך געזאָגט, אַז מ'קאָן אויף די ייִדן אַלצדינג גלייבן, ווייל עס איז זיי אויך באַקאַנט אַ פאַל וועגן אַ קריסטלעך מיידל, וואָס האָט פאַר אַ יאָרן געבראַכט די האָסטיע (2) צו אַ ייִדן, וועלכער האָט איר דערפאַר באַצאָלט און האָט די האָסטיע געשענדט.

ווען די קלאַנגען פון דעם דאָזיקן צווייטן בלבול האָבן, באַלד נאָך דעם ערשטן, דערגרייכט צו די אויערן פון אימפּעראַטאָר, וואָס זיינע האָטגעבערס זיינען געווען מיינע שונאים, האָט ער באַפוילן איינצוזעצן אין תפיסה אַלע ייִדן פון זיין גאַנצער מלוכה, און ער איז שוין אַנטשלאָסן געווען צו מאַכן איבער אַלע אַ שרעקלעכע שחיטה. אָבער דער געטלעכער חסד האָט זיך אַריינגעמישט און דער אימפּעראַטאָר האָט געשטילט זיין צאָרן נאָר מיט דריי הונדערט ייִדישע נפשות, וואָס זיינען אויף זיין באַפעל עפנטלעך פאַרברענט געוואָרן.

באַלד נאָך דער דאָזיקער אכזריות האָט זיך דאָס אייז אין גאַנצן צעלאָזט, און די טויטע קערפּערס פון די דריי דערטרונקענע ייִנגלעך זיינען אַרויפגעשווומען אויף דער אייבערפלאַך. ערשט דאַן האָט מען פאַרשטאַנען ווי פאַלש מ'האָט אויף מיר אַרויפגעלייגט יענעם פאַרברעך, און אַ סך האָבן אַפילו עפנטלעך דערקלערט, אַז די דריי הונדערט נפשות זיינען פאַרברענט געוואָרן אומשולדיקערהייט. אָבער, ווייי איז מיר, וואָס זיי האָבן שוין סיי ווי נישט מתקן געווען און טאַקע נישט געקענט מתקן זיין זייער טעות. דאָ האָט מיך אַרומגעכאַפּט דיין צאָרנדיק וואָרט, אַ ירמיהו: איך

וועל דיך אריבערפירן צו דיין שונא אין אַ לאַנד וואָס האָסט עס נישט געקענט, און דאָס ברענענדיקע פייער פון מיין צאָרן וועט אייך דאָרט אַרומכאַפּן (3).

1) לויט גרעצן זאָלן די דאָזיקע געשעענישן האָבן פאָרגעקומען נישט אין דער צייט פון פרידריך דעם דריטן, נאָר בעת דער הערשאַפט פון דעם עסטרייכישן אַרכידוכס אַלבערט. אושקי האָט גענומען זיינע ידיעות פון דע ספינאָס Fortalitium Fidei (און אויך פון אַנדערע מקו־רות, וואָס זיינען באַצייכנט מיט די אומפאַרשטענדלעכע ראשית־תיבות .U. M און .L. I. E. B) וו עס איז געמאַכט געוואָרן דער דאָזיקער טעות. שפּעטערדיקע מקורות, וואָס האָבן געטאַכט דעם זעלביקן טעות, האָבן גענומען פון אושקין. (זע: גרעץ, דברי ימי ישראל, מתורגם מאת שפ"ר, חלק ששי, 136).

2) זע באַמערקונג 3 פון קאַפּיטל 2.

3) ירמיהו, ט"ו, י"ד.

10. פראַנקרייך, 4943 (1) לבה״ע

און כ׳האָב געזען ווי בעת פיליפ אויגוסט איז געווען קיניג פון פראַנקרייך, זיינען די דאָרטיקע יידן אַזוי רייך געווען, אַז אַ העלפט פון דער שטאָט (2), וווּ זיי האָבן געוווינט, איז געוואָרן זייער אייגנטום. נאָר היות ווי די קנאה פאַרפאָלגט דאָס עשירות, באַזונדער דאַן ווען דער אייגנטימער איז פריער געווען אָרעם און דערני־דעריקט, האָבן זיך די גויים מתקנא געווען אין מיינע זין און געוואָלט זען אין זיי פיל שלעכטס. ווען די מורא פאַר שטראָף זאָל נישט געווען צוימען, וואָלטן זיי פיל מאָל באַגאַנגען אַכזריותן קעגן מיר.

אָבער כדי צו זען אויסגעפּירט איבער מיר זייערע בייזע כוונות, און זייער איי־גנעם שאָדן, האָבן זיי, לסוף, באַשלאָסן מיך צו פאַרפאָלגן דורך פאַלשע עדות, כדי פאַרטיק צו האָבן אַ תירוץ פאַר יעדן אָנגריף, וואָס זיי ווילן מאַכן קעגן מיר. האָבן טייל געזאָגט אַז איך בין מקריב קריסטלעכע יינגלעך קוילענדיק זיי אין פאַרבאָר־גענע היילן, און אַז איך לערן אויס יידישע מנהגים די משרתים, וואָס קומען אַר־בעטן אין מיין הויז; אַנדערע — אַז אין די באַנקהייזער נעם איך ביי די גנבים פאַר אַ משכון כלים פון דער קירך, ווי בעכערס, קרוגן, צלמים און ענלעכע געשיר, און באַנוץ זיי ביי אומריינע אַרבעטן, אָדער איך טרינק פון זיי (און ס׳איז אַזוי שטרענג פאַרבאָטן לויט מיין תורה צו באַנוצן די כלים מיט וועלכע מ׳דינט צו פרעמדע געטער). אויך האָבן זיי עדות געזאָגט אַז כ׳האָב אַריינגעשליידערט אין אַ שענדלעכער אָרט זייערע אַן וואַנגעליע מיט אַ צלם. און זיי האָבן געהאַלטן אין איין אויסטראַכטן קעגן מיר אַזעלכע בלבולים (כדי כאָטש איינער זאָל מיר שאָדן ברענ־גען) ביז עס איז זיי געלונגען אומצוּוואַרפן מיין אמת און מיין אומשולד.

און ווען דער קיניג פיליפ האָט זיך דערצערנט, האָט ער געהייסן פאַרברענען פיל באַנק־אייגנטימער און אַנדערע יידן. האָט מען פיל פון זיי געשלעפּט אום שבת פון די סינאַגאָגעס אין תפיסה אַריין, און זיי באַרויבט פון אַלע זייערע פאַרמעגנס, אַפילו פון די מלבושים וואָס זיי האָבן אויף זיך געטראָגן. טייל, באַדראָטע פון דער שווערד, האָבן געלאָזט אויף זיך שפּריצן דאָס טויפוואַסער, כדי צו ראַטעווען זייערע לעבנס. זיי האָט מען אומגעקערט די פאַרמעגנס, און דערמיט האָבן די שונ־

אים אויפגעדעקט זייער אמתע כוונה, אָפּצורייסן די יידן פון זייער דת, ווייל די בלבולים זיינען אַלע געווען פאַלשע.

דער אמת איז געווען אַז היות ווי גאָט האָט מיר געגעבן אין דער דאָזיקער מלוכה אַן עדה, וואָס איר צאָל איז געווען טאָפּל פון די יוצאי־מצרים, און האָט מיר געשענקט פליגל פון גרוים רייכטום, בין איך געפלויגן מיט זיי צו די ערדישע גי-טער. און איך האָב געמיינט אַז דאָס עשירות איז די פרוכט פון מיין אייגענער אַרבעט, דעריבער האָב איך יעדן טאָג אַלץ מער זיך דערווייטערט פון דעם הייליקן דת און פאַרקרימט זיינע געבאָט (3). מחמת די דאָזיקע זינד איז דער קיניג נישט צופרידן געבליבן מיט דער שטראָף איבער אונדזערע גופים און פאַרמעגנס, און האָט נאָך געהייסן צעשטערן און פאַרוואַנדלען אין קירכעס אַלע סינאַגאָגעס אין וועלכע מיר פלעגן דאַוונען.

און מיט די אָנגערויבטע רייכטימער האָט ער אויפגעשטעלט אין פראַנקרייך פיל פּרעכטיקע בנינים, צווישן וועלכע עס געפינען זיך די פּאַלאַצן און מויערן פון ווינסען־וואַלד (4), אַ וואונדערלעך פּלאַץ לעבן פּאַריז, און פון שאַמפּאָ (5), וואָס ווערט איצט אָנגערופן „די האַלעס״ (6), וווּ ס'קומט פאָר דער מאַרק פון דער זעל-בער שטאָט.

דענקט אַ ביסל, אָ פירשטן, וועגן די סיבות און מאָטיוון וועלכע באַוועגן אייך מיר שלעכטס צו טאָן! פאַר וואָס זעט איר נישט ווי דורכזיכטיק קלאָר עס איז די פאַלשקייט פון די בלבולים, און ווי אומגערעכט איך בין באַשטראָפט געוואָרן, ווייל עס קען דאָך נישט זיין מ'זאָל די הייליקע כלים פאַרשוועכן און זיי זאָלן זיך אַליין נישט באַשיצן.

געדענקט איר דען נישט ווי די פלשתים האָבן אַ מאָל געפאַנגען דעם הייליקן אָרון (7) און מיט גרוים פאַרערונג אים אַוועקגעשטעלט לעבן זייערע אָפּגעטער, און ווי דער פאַרשוועכטער אָרון (ווייל מ'האָט אים געשטעלט אין אומריינע, נישט הייליקע ערטער) האָט פיל פלשתים געטייט אין יעדער שטאָט, אין וועלכער מ'פלעגט אים אַלע מאָל איבערפירן, מחמת שרעק פאַר זיין צאָרן? און ווי ער האָט אומגעוואָרפן צו דער ערד זייערע פאַרמיאוסטע אָפּגעטער און פיל שאָדן צווישן זיי אָנגעטאָן; און געדענקט איר דען נישט אַז ביז מ'האָט אים נישט צוריקגעשיקט אין יידישן לאַנד, האָט ער נישט אויפגעהערט צו פאַרניכטן און צו טייטן?

און די האָסטיעס, די בעכערס, די צלמים און די וואַנגעליעס, וואָס איר האַלט פאַר אַזוי הייליק און געטלעך, פאַר וואָס גלייבט איר אַז זיי לאָזן זיך פאַרשוועכן און פאַראומרייניקן, און אייערע טעאָלאָגן שרייבן וועגן דעם אין זייערע ביכער מיט דער כוונה אויפצורייצן דעם המון קעגן מיר. עס איז דאָך נישטאָ קיין גרונט איר זאָלט אין דעם גלייבן. פאַרקערט, איר וואָלט נאָך געדאַרפט באַשטראָפן די אומ־

וויסנדיקע, וואָס טראַכטן אַזוינס אויס מחמת שנאה, נישט פאַרשטייענדיק אַז דער־מיט ברענגען זיי שאָדן זיך אַליין.

נאָר דער אמת איז אַז פון אַ פיל העכערן אָרט קומען מיר די דאָזיקע שטראָפן, באשר אין טייל הערצער פון מיינע זין האָט זיך, ווייזט אויס, נישט באַזעצט דער פחד פאַר גאָטס שטראָף, און כדי עס זאָלן מקוים ווערן די נביאישע ווערטער פון עמוסן, וועלכער האָט געזאָגט: דורך דער שווערד וועלן שטאַרבן אַלע זינדיקע פון מיין פאָלק, וואָס זאָגן: עס וועט צו אונדז נישט גענענען און עס וועט אונדז נישט דערגרייכן דאָס בייז (8). ביי דעם דאָזיקן אומגליק איז נאָך מקוים געוואָרן ירמיהוס אַ וואָרענונג: דערפאַר וואָס איר האָט מיך פאַרלאָזט און געדינט פרעמדע געטער אין אייער אייגן לאַנד (מיטן אייגענעם ווילן), וועט איר דינען פרעמדע געטער אין אַ לאַנד וואָס געהערט נישט צו אייך (געצוווּנגענערהייט) (9) (און אויסער דעם) וועל איך איבערגעבן צו רויב דיין רייכטום און דיינע אוצרות (10).

1) 1183 נ"ק.

2) דאָס הייסט: פון פאַריז.

3) אושקי באַמערקט: „רבי לוי בן גרשון און אַנדערע", וועמען ער ציטירט מן הסתם.

4) אין פראַנצייזיש Vincennes אויך באַקאַנט אונטערן נאָמען ווינסען־קאַסטעל, אָדער ווינסען־פאַרק.

5) אין פראַנצייזיש: Champeau, אַ פּלאַץ פון פאַריז, וואָס פלעגט דינען פאַר די באַרימטע מערק פון מיטל־עלטער אין יאָר 1811 האָט פיליפ אויגוסט רעפאַרמירט דאָס דאָזיקע מאַרקפּלאַץ און האָט דאָרטן אויפגעשטעלט די „האַלעס". (זע די קומענדיקע באַמערקונג).

6) אין פראַנצויזיש: Les Halles, באַשיצטע פּלעצער, ווו מען פלעגט פאַרקויפן די סחורות.

7) וועגן דער דאָזיקער ביבלישער לעגענדע זע אין: דעם ספר שמואל א', קאַפּיטלען ו' און ז'.

8) עמוס ט', י'.

9) ירמיהו ה', י"ט. די קלאַמערן זיינען אושקיס און שליסן איין זיינע אייגענע הוספות צום ביבלישן טעקסט.

10) ירמיהו ט"ו, י"ג.

11. נעאפּאָל, איטאַליע, יאָר 5000 (1) לבה״ע

אין נעאפּאָל, טראַני (2) און אַנדערע שטעט פון דער מלוכה האָב איך געזען ווי מיינע זין, רייכע אין פאַרמעגן און אין צאָל, זיינען אויסגעשטאַנען אַן אומגליק, וואָס איז ערגער ווי דער פּלוצעמדיקער טויט: דער מלך איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ ווייטיקער און געפערלעכער מלחמה, וואָס ער האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרלירן, ווייל זי האָט געדויערט מער ווייפל ער האָט געקענט איבערטראָגן, און ער האָט שוין געהאַט פאַרשוועגדט נישט נאָר זיין אייגענעם מלוכה־אוצר, נאָר אויך די פאַר־מעגנס פון אַלע פירשטן און ריטער, וועלכע זיינען אים נאָכגעגאַנגען, און דאָס פאָלק האָט שוין פיל מאָל געהאַט אַרויסגעוויזן אומצופרידנקייט.

און ווען ער האָט שוין געהאַלטן שמאָל און געזוכט מיט עגמת־נפש אַן עצה, האָבן די יידן פון זיין מלכות באַשלאָסן אים אַרויסצוהעלפן מיט זייערע פאַרמעגנס. זיינען זיי גלייך געקומען אים אָנבאָטן זייערע מענטשן און זייערע רייכטימער, וואָס זיינען געווען אַזוי גרויס אין צאָל אַז דער קיניג האָט באַזיגט זיין שונא און איז אַרויס מיט גרויס כבוד פון דער מלחמה.

פאַר אַזאַ גרויסער טובה האָט דער קיניג געטאָן פיל חסדים מיט מיינע זין און זיי חשוב געהאַלטן ווי די גרעסטע אדליים. עס האָט אַזוי ווייט דערגרייכט, אַז זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן דעם חסד פון ערדישן און שטאַרבלעכן מלך, און זיך אויף אים פאַרלאָזט, ווייל עס איז זיי אויפן דמיון נישט געקומען אַז זיי זאָלן אַ מאָל אין דער דאָזיקער מלוכה קענען פאַלן. זיי האָבן זיך מער נישט געשטיצט אויף גאָט, נאָר אויף דעם חוב וואָס דער מלך און דאָס פאָלק זיינען זיי שולדיק געווען, און דאָס האָט דערוועקט דעם צאָרן פון גאָט, ווייל זייער זינד איז געווען גענוג שטאַרק זיי אָנצוגרייפן און אומצווואַרפן און צו פאַרוואַנדלען אַלע זייערע מחשבות אין רויך.

און עס איז געשען ווען דער קיניג האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן, האָט ער אי־בערגעלאָזט די מלוכה זיין זון און צו אים גערעדט גוטס וועגן די יידן וואָס באַ־וויזן זי, און אים געזאָגט אַז כדי צו באַפרידיקן זיין געוויסן וואָלט נייטיק געווען אַז עס זאָל אָפּגעצאָלט ווערן די טובה, וואָס זיי האָבן אים געטאָן. מיט דער כוונה מקיים צו זיין די צוואה פון זיין פאָטער, האָט דער נייער קיניג זיך באַראָטן מיט

זיינע יועצים, וועלכע האָבן געהאַט פיל און פאַרשידענע מיינונגען. אָבער אַלע זיינען געקומען צום באַשלוס, אַז די טובה איז געווען אַזוי גרויס אַז קיין שום צייטלעכער לוין וואָלט נישט געווען גענוג, און אַז זיין מאַיעסטעט וואָלט זיי געדאַרפט באַלוינען גייסטיק, דורך דעם וואָס ער וועט ראַטעווען זייערע נשמות און זיי מאַכן אַלע פאַר קריסטן.

דעם קיניג איז זייער געפעלן געוואָרן די עצה. האָט ער צוגעשטימט און תיכף געשיקט רופן די ראשי־הקהל און זיי מודיע געווען וועגן דעם חסד, וואָס ער איז אַנטשלאָסן זיי צו טאָן. די יידן האָבן עם אויסגעהערט טרויעריק און צעטומלט, און געענטפערט אַז דאָס איז נישט דער חסד וואָס זיי האָבן דערוואַרט און אַז די גרעסטע טובה וואָס זיין מאַיעסטעט קען זיי טאָן, וואָלט געווען מער דערפון נישט צו רעדן.

דער קיסר, אָבער, האָט זיי געענטפערט אַז ער איז אַנטשלאָסן זיי צו באַצאָלן דעם פאַטערס חוב מיט דעם דאָזיקן שכר, וואָס ער האַלט פאַר דעם בעסטן פון אַלע לוינען, און אויך זיי וועלן די ווערט פון דעם שכר דערקענען ווי נאָר זיי וועלן אים באַקומען.

אַז די אומגליקלעכע יידן האָבן געזען די אַנטשלאָסנקייט פון דעם קיסר, האָבן זיי אים געזאָגט: ווי באַלד שוין אייער מאַיעסטעט וויל אַזוי, זאָל אונדז געגעבן ווערן צייט צו טראַכטן אויף צו קאָנען געבן אַ דורכגעטראַכטן ענטפער. דער קיניג האָט זיי דאַן געראָטן זיי זאָלן נאָר טראַכטן וועגן דעם חסד, וואָס ער וויל זיי טאָן, באַשר, וואָס שייך אַנדערע זאַכן, איז ער גרייט צו דערפילן זייער יעדן באַגער.

האָבן די יידן זיך אָן עצה געהאַלטן וואָס צו בעטן כדי צו מאַכן דעם קיניג זיך אָפּנייגן פון זיין באַשלוס; און אַלע האָבן איינגעשטימט אים פאָרצולייגן אַז, ווי באַלד שוין ער דאַרף זיי מאַכן פאַר קריסטן, זאָל ער זיי לאָזן זיך משדך זיין מיט אַלע בכורים־יורשים פון לאַנד. זיי האָבן געמיינט אַז אַזאַ שווערע פאָדערונג וועט דער קיניג נישט וועלן נאָכגעבן, אָבער עס איז געשען פאַרקערט. דער קיסר האָט אָנגענומען די פאָדערונג, ווייל סיי ער, סיי אַלע זיינע אדלליט האָבן אין דעם געזען די רעטונג.

ווען די יידן האָבן געזען אַז מ'האָט זיי פאַרשטאַנען, האָבן זיי חרטה געקריגן און אויפגעדעקט אַז נישט דאָס איז געווען זייער אמתע כוונה. אָבער דער קיסר האָט איבער זיין גאַנצער מדינה געגעבן אַ מודעה וואָס, פון דער מינוט ווען זי איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן ביז דעם אויסברענען פון אַ פאַקל, האָבן אַלע יידן געדאַרפט זיך שמדן, אָדער אומקומען.

און ווען מיינע קינדער האָבן זיך דערזען פנים אל פנים מיט אַזאַ אומגעריכטן גזר, האָבן פיל שוואַכע צווישן זיי, אויס מורא פאַר דער שטראָף, געוועגדט דעם רוקן צו זייער אמונה אומבאַטראַכטערהייט און האָבן זיך געלאָזט שמדן. די דאָזיקע זיינען גלייך געוואָרן באַרייכערט, ווייל דער קיסר האָט זיי געלאָזט זיך משדך זיין

מיט דעם אדל און מיט די גרויסע לייט פון דער מדינה; און די גרויסע סינאגאגע פון נעאפאל האט ער פארוואנדלט אין א קירך מיטן נאמען סאנטא קאטעלינא.

און ביי די, וואס זיינען מוטיק בייגעשטאנען דעם גרויסן נסיון און זיך נישט געלאזט שמדן, האט מען מיט דער שארף פון שווערד צוגערויבט דאס עולם־הזהדיקע לעבן, און זיי זיינען זוכה געווען דאס לעבן פון אייביקן דויער.

דאס איז געווען איינער פון די גרעסטע ביישפילן, וואס איז געקומען אויף דער וועלט, כדי ישראל זאל פון אים אפלערנען אז זיין האפענונג איז נישט געקניפט מיט די אנדערע ערדישע האפענונגען, און האט נישט קיין קשר מיט די שטארבלעכע ברואים, נאר הענגט אויסשליסלעך אויף יענעם אומענדלעכן און שטארקן פאדעם פון דעם וועלט־מלך, וואס האט אלע נשמות און גופים אין זיין האנט.

דעריבער פליסט אין די אדערן פון די, וואס שטאמען אפ פון נעאפאלער אדל, יידיש בלוט (3).

וואס וועט איר זאגן, ברידער, וועגן דעם דאזיקן אומגעריכטן אומגליק, וואס פאר די חסדים און די טובות האט מען מיר געגעבן שלעכטס און פאר דער ליבע האט מען מיר באצאלט מיט שנאה?

א, ווי ריכטיק און אמת זיינען דיינע ווארענונגען, ירמיהו: פארשאלטן דער מאן וואס פארטרויט זיך אויף א מענטשן, און האלט פאר זיין כוח (און האפענונג) דאס מענטשלעכע פלייש, און ער קערט אפ פון גאט זיין הארץ, ווארעם ער וועט זיין ווי אן איינזאמער בוים אין מדבר, וואס זעט נישט דאס גוטס ווען עס קומט אן, נאר ער וועט אייביק רוען אין טרוקענע ערטער, אין זאלציקער און נישט באזעצטער ערד (4). מיר האבן געהאפט אויף שלום, אבער נישטא קיין גוטס; און ווען מיר ווארטן אויף א רפואה — באפאלט אונדז דער פחד און די אימה? (5).

און וועגן דעם דאזיקן שמד איז נאך מקוים געווארן דיין ווארט, עמוס: איך וועל אומברענגען דורך דער שווערד זייער איבערבלייב (6).

---

1) יאר 1240.

2) א שטאט פון איטאליע — Trani.

3) דער דאזיקער זאץ איז דא, באשיינפערלעך, נישט אויפן ארט. ער דארף קומען פריער, תיכף נאך דער געשיכטע וועגן שמד.

4) ירמיהו י״ז, ה׳.

5) ירמיהו ח׳, ט״ו.

6) עמוס ט׳, י׳.

12. ענגלאנד, יאר 5002 (1) לבה״ע.

און כ׳האב געזען ווי אויף דעם אינדזל ענגלאנד האבן די יידן זיך געמערט; בלויז אין דער הויפטשטאט לאנדאן זיינען געווען צוויי טויזנט רייכע משפחות, וואס האבן רואיק געלעבט, פונקט ווי אין אנדערע מקומות פון גלות־ענגלאנד. אבער אזוי ווי מיין שלווה איז קיין מאל נישט נאטירלעך נאר, פארקערט, תמיד פאלש און צייטווייליק, ווייל אומגליקן באגלייטן מיך תמיד און לאזן מיך נישט צו רו, האט געטראפן אז א מאנאך, א פרעדיקער, האט זיך פארליבט אין א שיינער יידישער טאכטער, טראץ דעם וואס די זאך איז פאבאטן אין אלע רעליגיעס. און כאטש ער פלעגט זי נאכגיין, אין געהיים, במשך א לאנגער צייט, האט ער דאך נישט געפונען קיין עצה זי צו באזיגן. להיפוך: זי פלעגט פון אים שפאטן און זיך אויסלאכן פון זיינע הבטחות און בריוולעך.

דאס האט אין אים נאך מער צעגליט די פארבאטענע ליבע, און ווען ער האט מער נישט געקאנט ווידערשטיין זיין אומבאטראכטן פארלאנג, האט ער באשלאסן אויסצוטאן די קליידער פון זיין קריסטלעכער אמונה און אננעמען דעם יידישן גלויבן. איז ער געווארן בסתר א ייד מיט דער האפענונג אז די שיינע יידישע פרוי וועט זיך צוהערן צו זיין ליבע.

און היות ווי די יידישע פרוי איז געווען אן ארעמע יתומה, אן א טאטן, האט זי זיך געפונען אונטער דער מאכט פון איר מוטער, א כאראקטערלאזע, גייציקע פרוי. די מוטער האט געקענט דעם מאנאכס עשירות, דעריבער האט זי אים געגעבן איר טאכטער פאר א פרוי בתנאי זיי זאלן אלע ארויספארן וווינען מחוץ ענגלאנד, מחמת דער געפאר וואס האט אויף זיי געלויערט פאר אזא געשעעניש.

אבער די זאך איז אנטדעקט געווארן און די אנדערע מאנאכן האבן דאס געהאלטן פאר א גרויסן בזיון, מחמת דער המון פלעגט זיי איבער דעם אויסלאכן. האבן זיי זיך באמיט אויפצורייצן דעם מלך קעגן די יידן, כדי צו ראטעווען דעם אייגענעם כבוד, און דערצו האבן זיי אויסגענוצט די מלכה, ווייל דער פרעדיקער ביי וועמען זי פלעגט זיך מתוודה זיין, איז געווען א קרוב למלכות.

ווען נאר זיי פלעגן ארויף פרעדיקן אויפן באלעמער, האבן זיי, דעריבער, אין

זייערע דרשות גערעדט שלעכטס אויף יידן, אַזוי אַז ביים המון איז בהדרגהדיק איינ־געוואָרצלט געוואָרן קעגן מיר אַ טיפֿע שנאה, וואָס האָט שוין געזוכט כלערליי וועגן פֿון אויסדריק. און חוץ אַנדערע פֿאַלשע בלבולים האָבן זיי אויסגעטראַכט אויף מיר אַז איך מאַך פֿאַלשע מטבעות. דאָס איז זיי אָנגעקומען לייכט צו באַווייזן, ווייל פֿיל פֿון המון האָבן, אָפּגעשמועסטערהייט, זיך צונויפֿגעזאַמלט ברענגענדיק אין די הענט מטבעות, וואָס זיי האָבן, בסתר, געמאַכט אין זייערע היימען צוליב דעם צוועק, און האָבן זיך באַקלאָגט, אַז זיי האָבן דאָס פֿאַלשע געלט באַקומען פֿון יידן. עס זיינען נאָך באַלד אונטערגעקומען פֿיל אַנדערע מיט די זעלבע טענות, כדי צו באַפֿעסטיקן דאָס פֿאַלשע עדות־זאָגן.

ווען די יוסטיץ, וואָס אַ גאַנץ קליינער כוח איז גענוג געווען זי צו נייגן קעגן מיר, האָט באַקומען דעם דאָזיקן אָנקלאָג, האָט זי, מיט דעם קיניגס צושטימונג, גע־משפּט אַז אַלע מיינע זין זאָלן פֿאַרטריבן ווערן פֿון קיניגרייך, און אויפֿן אָרט פֿון טויטשטראָף, וואָס איז לויט די געזעצן פֿון לאַנד באַשטימט געווען פֿאַר דעם פֿאַר־ברעכן, זאָלן זיי פֿאַרלירן זייערע פֿאַרמעגנס.

ווען די מאָנאַכן האָבן געזען, אַז די געפּלאָגטע יידן זיינען שוין געווען נידער־געשלאָגן, און אַ גאַנץ קליינער כוח וואָלט זיי צום איבעריקן דערשלאָגן, זיינען זיי ערשט אַרויס מיט דער אַנדערער באַשולדיקונג, אַז אין אַ קריסטלעכן לאַנד האָבן יידן מגייר געווען אַ מאָנאַך, און צוגעגעבן אַז דערפֿאַר מוזן אַלע יידן זיך שמדן אָדער געטייט ווערן פֿאַר זייער פֿאַרברעכן.

אין יענער צייט זיינען שוין די הערצער פֿון דעם קיניג, פֿון דעם אַדל און פֿון גאַנצן המון געווען גענייגט קעגן מיר; איז דער קלענסטער אָנקלאָג געווען גלייך ווי לייגן פּולווער און שוועבל אויפֿן פֿייער, און בפֿרט נאָך די באַשולדיקונג וואָס זיי האָבן געהאַלטן פֿאַר אַזאַ שרעקלעכער. דעריבער איז דער רצון פֿון די מאָנאַכן דער־פֿילט געוואָרן פּונקט ווי זיי האָבן געוואָלט.

און, כדי אויסצופֿירן די גזירה, האָבן זיי באַלד צוגערויבט די קליינע יידישע קינדערלעך ביי די עלטערן און זיי פֿאַרשיקט ערגעץ אין עק פֿון אינדזל, אין אַ מקום וואָס מ׳רופֿט עס „דער צפֿון“. דאָרט האָט מען זיי געלערנט די דאָגמעס פֿון קריסט־לעכן גלויבן, כדי זיי אָפּצורייסן פֿון זייערע עלטערן, עס זאָל זיי מער קיין מאָל אויפֿן זכרון נישט קומען זייער אַמאָליקע אמונה, און זיי זאָלן אין גאַנצן פֿאַרלירן די נטיות, וואָס זיי האָבן געזויגן צוזאַמען מיט דער יידישער מילך. פֿיל פֿון די טאַ־טעס און מאַמעס זיינען, מחמת דעם גרויסן אומפּאַטראָגלעכן פֿאַרדראָס, אומגעקו־מען. און די איבעריקע האָט מען ערשט פֿאַרטריבן פֿון לאַנד, כדי מקיים צו זיין דעם ערשטן גזר־דין, און זיי האָבן פֿאַרלאָזט דאָס לאַנד מיט אַזאַ קלאָג, וואָס שטיי־נער אפֿילו וואָלטן גערירט געוואָרן, ווייל זייערע גדערעם (2) זיינען דאָרטן פֿאַר־בליבן. קעגן מענטשלעכן און געטלעכן געזעץ האָט מען זיי געגעבן צווייערליי טויטן

— צווייערליי שטראָפן — פאַר זייער פאַרברעכן, כאָטש קיינער דאַרף מער ווי איין שטראָף נישט באַקומען, לויט אַלע געזעצן.

יענע וואָס האָבן נישט פאַרלאָזט דאָס לאַנד (3), האָבן זיך צעשפּרייט איבער דער גאַנצער מדינה. דעריבער טרעפט מען נאָך היינט פיל שפּורן פון סינאַגאָגעס, וואָס זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קירכעס, און אַ גרויסע צאָל פון פאָלק וואָס טראָגט יידישע נעמען.

דאָ איז מקוים געוואָרן דיין וואָרט, אָ גאָט, וואָס משה האָט נביאות געזאָגט: דיינע זין און דיינע טעכטער וועלן איבערגעענטפערט ווערן צו אַן אַנדער פאָלק, און זעענדיק דאָס וועלן דיינע אויגן וויינען אָן אויפהער, און וועסט נישט האָבן קיין מאַכט דאָס איבערצוטראָגן (4).

1) יאָר 1242.
2) דאָס הייסט: זייערע קינדער.
3) דאָ זיינען געמיינט יענע וואָס האָבן זיך געשמדט.
4) דברים כ"ח, ל"ב.

13. ענגלאַנד

אין דעם זעלביקן ענגלאַנד איז מיר נאָך אַן ענלעכער ווילדער אומגליק געשען: נאָכן טויט פון יענעם קיניג איז אויפגעשטאַנען אויף זיין אָרט אַן אַנדערער, וואָס האָט זיך נישט גערעכנט מיטן פריערדיקן גירוש, און צוריקגערופן די אַלע וואָס האָבן פאַרלאָזט זיין מדינה; ער האָט אויך צוגעזאָגט זיי איינצוזאַמלען בשלום און זיי צו שטיצן.

די יידן פון פלאַנדריע, פראַנקרייך, שפּאַניע און אַנדערע לענדער, ווו זיי האָבן זיך געהאַט צעשפּרייט, האָבן אָפּגעהאַלטן אַן עצה צווישן זיך און באַשלאָסן, אַז צוליב שלווה אָדער רייכטום וועלן זיי זיך נישט אומקערן אין דעם לאַנד ווו זיי האָבן אַזוי פיל געליטן. סיידן מיט דער כוונה ווידער צו זען די פאַרלוירענע קינדער, כדי מיט זיי צו שמועסן, און איבערצייגן ווי נייטיק עס איז זיך אומצוקערן צו דעם גלויבן פון די אבות, און דאָס צו קאָנען טאָן מוז מען אַרויספאָרן פון ענגלאַנד.

דער דאָזיקער תירוץ איז געפעלן געוואָרן אַלע, ווייל זיי האָבן געוואָלט צוריק געווינען זייערע פאַרלוירענע קינדער. און ביים אָנקומען קיין ענגלאַנד האָט זיי דער המון זייער פריינדלעך אויפגענומען צוליב דעם חסד, וואָס דער קיניג האָט זיי אַרויסגעוויזן. נאָר מיט עטלעכע יאָר שפּעטער איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע פּעסט איבער דעם גאַנצן אינדזל און אַ גרויסע צאָל מענטשן פלעגן אויסשטאַרבן יעדן טאָג. נאָך דעם איז געקומען אַן אומפאַרטראָגלעכער הונגער, און אַ ביסל שפּעטער איז נאָך צוגעקומען צו די אַלע אומגליקן אַ גרויזאַמע מלחמה פון פיל מדינות קעגן ענגלאַנד, באַזונדער פון דעם שכנישן סקאָטלאַנד.

דאָס איז בלי ספק געווען אַ שטראָף פאַר די זינד, וואָס יענע אומה איז באַגאַנגען קעגן ישראל. עס איז געווען אַזוי בולט אַז אַפילו אומוויסנדיקע האָבן עס דערקאָנט. נאָר די בלינדע ענגלענדער, וואָס זיינען שטאַרק דערווייטערט פון די געטלעכע סודות, האָבן עס נישט משיג געווען.

דער מלך איז געבליבן דערשטוינט פון אַזוי פיל אומגליקן צו דער זעלבער צייט, דעריבער האָט ער פאַרזאַמלט זיין ראָט, זיך אַן עצה צו האַלטן וועגן דעם, און אויסצוגעפינען אַ תרופה קעגן די סיבות, וואָס האָבן דערצו געבראַכט. נאָכן באַטראַכטן

פיל סיבות, געשעענישן פון דער מדינה און פון דעם לעבן פון אנדערע פעלקער, איז לסוף באשלאסן געווארן צו געבן דעם קלאפ אין דעם שוואכסטן אבער און אויף אזא אופן אז עס זאל זיי צום וויניקסטן ווי טאן: זיי האבן איינשטימיק אנגענומען אז די יידישע זינד זיינען די סיבה פון אלע צרות, וואס די מדינה שטייט אויס.

און אויף צו שטילן דעם געטלעכן צארן, האבן זיי קיין בעסערע תרופה נישט געפונען ווי אפשמדן די יידן איבער גוואלד, אויב זיי ווילן נישט מקבל זיין דעם קריסטלעכן גלויבן אויס/ליבע. האט דער מלך באלד ארויסגעלאזט א מודעה, אז קיין ייד זאל נישט פארלאזן די מדינה, אונטער דער שטראף פון טויטאורטייל. דערנאך האט ער זיי אלע צונויפגערופן און געווארנט אז זיי זאלן בייטן זייער גלויבן. אבער ווען אלע הבטחות, חסדים און אנבאטן האבן גארנישט געהאלפן, האט ער זיי אפגעשמדט איבער גוואלד, האפנדיק דערמיט גלייך אפצושטעלן דעם הונגער, די פעסט און די מלחמות.

נאר די דאזיקע אומגליקן האבן זיך, להיפך, פארצווייפאכט נאך דעם וואס מ'האט די יידן געצוווּנגען צו שמד, און דאס לאנד האט געהאלטן אין פארוויסט ווערן. איז דער פארשטאנד פון די ענגלענדער צעטומלט געווארן, און דער קיניג, וואס איז געבליבן דערשטוינט מחמת דער היפוכדיקער פעולה פון זיין ווערק, האט ווידער צוזאמענגערופן זיין ראט, און עס זיינען געווען פיל שטימען, וואס האבן געזאגט, אז דער צוואנג וואס מ'האט גענוצט ביים שמדן די יידן איז די סיבה פון דעם וואס די אומגליקן האבן זיך פארטאפלט, באשר די ענינים פון גייסט מוזן זיין פריי, ווייל גאט האט דעם מענטשן געגעבן די בחירה חפשית. דעריבער — האבן זיי געזאגט — זאל דער מלך אומקערן די יידן צו זייער פריערדיקן שטאנד, ווייל בלויז איינער וואס זאל זיך שמדן מאהבה איז מער ווערט, ווי אלע איבעריקע וואס האבן עס געטאן מחמת אונס.

כמעט דער גאנצער ראט איז שוין געווען נוטה אנצונעמען די דאזיקע מיינונג, ווען איינער, א שונא מיינער, זאל זיך נישט געווען אריינמישן און זי פארמשפטן, ארויסברענגענדיק אן אנדער סברה. ער האט אזוי געזאגט: עס איז קלאר אז אויב מ'וועט געבן די יידן א ברירה, וועט אפילו איינער פון זיי נישט אויסבייטן אויף דעם קריסטלעכן גלויבן די תורה וואס איז אין זיי שטארק איינגעווארצלט, והא ראיה: דער ווידערשטאנד וואס זיי האבן געשטעלט ביים שמדן. אויב זיי ווילן זיך ווידער אומקערן צום יידישן גלויבן, וועט זיך אומקערן אויך די סיבה וואס האט גורם געווען די אומגליקן פון וועלכע עס ליידט די מדינה. און אויב די אומגליקן זיינען פארטאפלט געווארן מחמת דעם וואס מ'האט זיי געצוווּנגען צו שמד, איז די איינציקע מסקנא, אז מ'דארף אויסווארצלען פון דער וועלט דעם גורם, כדי עס זאל אויפהערן די זינד און די שטראף.

די לעצטע מיינונג איז געפעלן דעם קיניג און זיינע ראטגעבערס האבן זי בא־

שטעטיקט. אָבער מחמת מורא אַז די טויטע קערפּערס זאָלן נישט פאַרפּעסטיקן די שטאָט, ווייל די יידן זיינען געווען אין אַ גרויסער צאָל, האָט דער מלך באַפוילן אויפצושטעלן ביים ברעג ים צוויי געצעלטן, איינער ווייט פון דעם צווייטן. אין דעם ערשטן האָט ער געהייסן אריינשטעלן די תורה וואָס משה האָט באַקומען פון גאָט אויפן באַרג סיני, און אין דעם צווייטן — דעם קריסטלעכן צלם.

צווישן ביידע געצעלטן האָט מען אויפגעשטעלט פאַרן מלך אַ פּרעכטיקן באַ־לעמער, אויף וועלכן ער האָט זיך אוועקגעזעצט און געהייסן ברענגען פאַר זיך אַלע וואָס זיינען געשמדט געוואָרן איבער גוואַלד. דאַן האָט ער, מיט אַ פריילעכער מינע און מיט אַ פאַרשטעלטער גוטמוטיקייט, גערעדט צו זיי די דאָזיקע ווערטער:

„מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דערמיט וואָס כ'וועל אייך מאַכן פאַר קריסטן איבער גוואַלד, וועל איך אָפּשטעלן די אומגליקן, וואָס בושעווען אין מיין לאַנד; נאָר איצט האָב איך איינגעזען אַז נישט נאָר זיי האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט, נאָר פאַר־קערט, זיי פאַרמערן זיך פון טאָג צו טאָג און איך פאַרשטיי, אַז דער גוואַלד וואָס כ'האָב אויף אייך אַרויפגעצוווּנגען איז די סיבה פון דער פאַרמערונג; דעריבער קער איך אייך איצט אום אייער אַמאָליקע גלויבן־פרייהייט, כדי איר זאָלט צווישן ביידע רעליגיעס קענען אויסקלייבן יענע וואָס וועט אייך געפעלן. זעט, אין אָט יע־נעם געצעלט ביים ברעג ים געפינט זיך משהס תורה, און אין דעם אַנדערן געפינט זיך דער קריסטלעכער געזעץ: זאָל יעדער איינער לויפן צו דעם געצעלט וואָס אים וועט געפעלן, ווייל דאָרטן וועל איך אים לאָזן לעבן אומגעשטערט“.

צוליב דער פרייהייט, וואָס איז זיי געשענקט געוואָרן און נישט פילנדיק די אָפּנאַרעריי, וואָס האָט געלויערט הינטער די גוטע רייד, זיינען אַלע יידן מיט זייערע ווייבער און מיט די קינדער אויף די הענט, געלאָפן פריילעכע צו דעם געצעלט וו משהס תורה האָט זיך געפונען, אָבער גלייך ביים אַנקומען זיינען זיי אריינגעפאַלן אין דער נעץ, וואָס דער שונא האָט זיי אויסגעשפּרייט:

זיי האָבן נישט געקענט אריינגיין אין געצעלט סיידן איינציקוויין, ווייל דער אריינגאַנג איז געווען אַ שמאָלער און אַזוי צוגעגרייט, אַז ווי נאָר דאָס יידישע שע־פעלע איז אריינגעקומען, האָט די האַנט פון אַ פאַרבאָרגענעם ענגלישן תלין זיין קאָפּ אָפּגעהאַקט און עס אריינגעשליידערט אין ים. און אַן דעם אַז איינער זאָל ווייסן וואָס איז געשען מיט זיין ברודער, האָט מען ביי אַלע מיט דער האַק ארויס־געריסן די נשמות, און זייערע גופים האָט מען געגעבן די פיש פאַר אַ שפּייז.

אַ גרויזאַמע ענגלענדער, אַזעלכע לייטישע און ערלעכע מענטשן זענט איר געווען וואָס איר האָט זיך נישט געקענט פאַרשטעלן אַז די אומגליקן זיינען אַ שטראָף פאַר אייערע אייגענע זינד? וואָס זאָגט איר נישט, ברידער, צו אַזאַ אומ־פאַרשטענדלעכער זאַך, וואָס ווי ווייט פון מיר עס זאָל נישט געגעבן ווערן דער שטויס, צום סוף בין איך עס דער וואָס פילט?

א איר מענטשן, וואָס זענט נאָר גרייט מיר בייז צו טאָן, און וואָס אייער בלינדער שכל האָט מיר אַזוי פיל געשעדיקט, איר זענט דאָך שטענדיק, פון אַלטע צייטן, געווינט צו באַגיין פאַרברעכנס. איז דען דער ניאוף נישט די געוווינהייט פון אייערע פרינצעסינס? זיינען דען דער רויב, די שנאה און דער מאָרד נישט דער מנהג פון אייערע פעלקער? עס איז נישט נייטיק אייך דאָס צו באַווייזן פון אייער אַלטער געשיכטע. אויך די מאָדערנע און נייסטע צייטן זאָגן עדות אויף דעם. זעט אין די וויניק יאָרן, וואָס הענריק האָט געקיניגט: וויפל מאָל זיינע אייגענע מלכות זיינען אים אומטריי געווען, וויפל מאָל זיינע הויפּלייט און נאָענטע מענטשן האָבן אים פאַרראָטן, וויפל קעפּ זיינען פאַר די און פאַר אַנדערע פאַרברעכנס אַרויס־געשטעלט געוואָרן אויף דער לאָנדאָנער בריק, וויפל מלכות זיינען געטייט געוואָרן מיטן שווערד, אָדער אָראָפּגעזעצט געוואָרן פון טראָן! מיט אייערע אייגענע הענט האָט איר די קירכעס, ווו איר פּלעגט בעטן, צעשטערט, אָדער פאַרוואַנדלט זיי אין שטאַלן און אייערע פּריסטער האָט איר פון דאָרט מיט קללות אַרויסגעשלײדערט. די גאָלדענע און זילבערנע בילדער, צו וועלכע איר פּלעגט זיך בוקן, האָט איר צע־שטערט, די הילצערנע — פאַרברענט אָדער געשלײדערט אויף די מיסטהויפנס און שמוציקע ערטער. אייער פּויפּס, אייערע קאַרדינאַלן און בישאָפן האָט איר גע־מאַכט למשל ולשנינה צווישן אייערע אייגענע. און היות ווי די אָנהענגערס פון אייער דת דאַרפן די אַלע מעשים צוזאַמען, און יעדן איינעם פון זיי באַזונדער, האַלטן פאַר זינד, דוכט זיך מיר, אַז די דאָזיקע זינד זיינען געגוג גרויס, און עס איז געווען פאַר וואָס אייך צו באַשטראָפן. דעריבער האָבן די אומגליקן נישט געמוזט באַפאַלן אייער לאַנד מחמת די יידישע זינד, ווי איר זאָגט אַז מ'האָט אייך אויף אייער געבעט געענטפערט פון הימל.

סיידן איר האָט דערמיט געוואָלט מרמז זיין, אַז איר זענט געגליכן צו יענע, וואָס זיינען געפאָרן אויף דער שיף צוזאַמען מיט יונה הנביא און וואָס גאָט האָט ליב געהאַט נישט זיי, נאָר דעם יידישן צדיק צוליב וועמען דער שטורעם איז אָפּ־געשטעלט געוואָרן, ווען מ'האָט אים אַריינגעוואָרפן אין ים, און זיי האָבן גאָר זיך געהאַלטן פאַר גערעכטע און אומשולדיקע — דאַן האָט איר גוט געאַרבעט אַז אייער פאַל זאָל גלייך זיין צו דעם פאַל פון יונהן.

אָבער וויי, וויי צו מיר! ווער האָט מיך פאַרבלענדט אַז איך זאָל מיך אום־קערן קיין ענגלאַנד, ווו אַזוי פיל שלעכטס איז מיר געטאָן געוואָרן? סאַראַ וועגן גע־פינען מיינע זינד מיך צו באַשטראָפן: מיינע קינדער זיינען פאַרבליבן אויף דעם דאָזיקן אינדזל, כדי עס זאָלן מקוים ווערן קעגן מיר די נביאישע ווערטער: איך וועל לייגן שטרויכלונגען פאַר דעם דאָזיקן פאָלק כדי עס זאָלן געשטרויכלט ווערן אין זיי טאַטעס און זין אין איינעם (1) (אַזוי אַז) איין בראָך וועט קומען אויף דעם צווייטן (2). פאַר דער שווערד האָט איר זיך געשראָקן און די שווערד וועל איך אויף

אייך ברענגען, זאָגט גאָט. און קיינער וועט זיך נישט ראַטעווען דורך אַנטלויפן, אַפילו ווען ער זאָל זיך דערצו פיל אָנשטרענגען (3). גרויזאַם, אַ האָר, זיינען אויך די דאָזיקע משפטים דיינע: מיט פאַרפירערישע רייד האָבן זיי מיך געשלעפּט (צו דער שחיטה) (4) און זיי (מיינע קינדער) האָבן נישט געקענט די טראַכטונגען (פון שונא) און האָבן נישט פאַרשטאַנען זיין באַראָט (5), כדי עס זאָל מקוים ווערן דיין נבואה, אַ ישעיהו: און פאַרשווינדן וועט די חכמה פון זיינע חכמים און די פאַרשטאַנדיקייט פון זיינע קלוגע לייט וועט דאַן פאַרהוילן ווערן (6).

---

1) ירמיהו ו׳, כ״א.

2) יחזקאל ז׳ כ״ו.

3) אושקי שרייבט: „עמוס 9״. עס איז ווייזט אוים א קיצור פון די ערשטע פסוקים פון עמוס, קאַפּיטל ט׳.

4) אושקי שרייבט: „תהילים 108״. ווייזט אוים בטעות.

5) אושקי שרייבט: „מיכה 4״. עס איז ווייזט אוים מיכה ד׳, י״ב, פאַרענדערט דורך די ווערטער, וואָס זיינען איינגעשלאָסן אין קלאַמערן.

6) ישעיהו כ״ט — י״ד.

14. פלאנדריע

אין פלאנדריע האט א מוראדיקער אומגליק מיך זייער פאראומערט: אזוי ווי מיינע קינדער פון דער דאזיקער גראפשאפט האבן, זינט א שטיקל צייט, געלעבט בשלווה, רואיק און רייך, האט זיך זיי געשטעלט אין וועג דער שונא, וואס לויערט תמיד אויף מיין ווילזיין, כדי עס צו שטירצן און פארניכטן, און האט איינגערעדט א טייל פון דעם המון, וואס זיינען געווען גענייגט קעגן מיר, זיי זאלן פאלש עדות זאגן כדי מיך אומצוברענגען.

האט זיך פארזאמלט א באנדע שונאי ישראל און זיי האבן עדות געזאגט איינשטימיק, אז די יידן האבן צוגענבעט זייער האסטיע (1), זי באליידיקט, צעבראכן, און אז ביים שפאלטן זי איז פון איר גערונען בלוט, גלייך ווי עס וואלט איר וויי געטאן דער געליטענער בזיון. זיי האבן נאך צוגעגעבן אז דאס בלוט באטייט מע זאל פאדערן נקמה. האט מען שטארק געגלויבט אין דעם דאזיקן בלבול און מיט פייער און שווערד דערפאר אומגעבראכט א גרויסע צאל פון מיינע אומשולדיקע קינדער, וואס פיל פון זיי האבן געביטן זייער גלויבן אוים מורא פארן טויט, באשר מ'האט זיי צוגעזאגט שענקען דאס לעבן אויב זיי וועלן זיך שמדן.

די דאזיקע געשמדטע האבן זיך צעשפרייט במעט איבער דער גאנצער מדינה, און נאך היינט, כאטש ס'איז שוין אוועק אזוי פיל צייט, גיבן זיי סימנים פון זייער בלוט (2) דורך די לוטעראנישע דעות, וואס זיינען צווישן זיי פארשפרייט, דען זיי קאנען נישט איינרוען אין דעם גלויבן וואס זיי האבן מיט אזא ווידערווילן אנגענומען (3). מקוים זיינען דא געווארן דיינע ווערטער, יחזקאל, ס'ערשטע וואס דו האסט געזאגט: און א דריט־חלק פון זיי וועל איך צעשפרייטן אויף אלע ווינטן און איך וועל שיקן די שווערד הינטער זיי (4), און עס זיינען אויך מקוים געווארן די דאזיקע ווערטער: דער פחד וועט אריין אין אינגעווייד פון מיין פאלק מחמת דער דאזיקער שווערד. און עס איז אזוי מעכטיק געווען דער דאזיקער פחד, וואס האט מיך ארומגעכאפט, אז איך האב מיך אפגעקערט פון גאט און האב געביטן זיין גלויבן, מחמת מורא פאר דער שווערד.

---

1) זע באמערקונג 3 פון קאפיטל 2.

2) פון זייער יידישן אפשטאם.

3) די דאזיקע אטאוויסטישע אינטערפרעטאציע וועגן אויפקום פון לוטעראניזם ווערט איבערגעחזרט פון אושקין אויך אין קומענדיקן קאפ' 20; זע די באמערקונג דארטן.

4) יחזקאל, ה' — י"ב.

15. דייטשלאַנד, יאָר 5022 (1) לבה״ע

אין דער שטאָט טעווטאָניע פּאַרקים (2), אין דייטשלאַנד, האָב איך געזען ווי אַלע יידן, וואָס האָבן אין איר געלעבט, זיינען שוין געהאַט געקומען צו אַ שפּאָן בלויז פונעם טויט:

צווישן צוויי מעכטיקע מענער פון דער שטאָט האָט זיך געפירט אַן אַלטע שנאה, צוליב אַ ירושה אויף וועלכערביידע האָבן פּרעטענדירט. איז במשך דעם גע־ריכטלעכן פּראָצעס געטייט געוואָרן אין געהיים דער זון פון איין צד, וואָס מ׳האָט דערוואַרט ער זאָל געווינען און ווערן דער געזעצלעכער יורש פונעם פאַרמעגן. די שנאה איז איינגעהאַלטן געוואָרן אַ לאַנגע צייט, אָבער, לסוף, האָבן די קרובים פון דערמאָרדעטן באַשלאָסן זיך נוקם צו זיין אין זייערע פיינט און האָבן געשיקט אַן אַלטע פרוי, זי זאָל צוגנבענען ביי זיי אַ מיידעלע פון זיבן יאָר. דאָס קינד האָבן זיי געהרגעט און באַגראָבן אין אַ געהיים אָרט, אויסער דער שטאָט.

נאָך דעם ווי דאָס מיידעלע איז פאַרשוווּנדן זיינען געמאַכט געוואָרן גרויסע אויספאָרשונגען עס צו געפינען, אָבער ס׳איז נישט געלונגען. האָט דער המון אָנגע־הויבן דענקען אַז די יידן האָבן צוגעגנבעט דאָס קינד כדי עס מקריב צו זיין אויף פּסח, דען כאָטש אונדזער תורה פאַרבאָט שטרענג אַזאַ אכזריות, האָבן זיי געגלויבט אַז מיר נוצן בלוט פון קריסטן צו מאַכן פּסח.

און געשטויסן פונעם בלויזן חשד איז שוין דער המון געווען גרייט, מיט וואָפן אין די הענט, צו מאַכן אַ שחיטה אויף מיינע אומשולדיקע זין. שטעלט זשע זיך פאָר, ברידער, סאַראַ אַנגסטן וואָלטן באַשלאָגן מיין נשמה ווען דער הימלשער חסד זאָל נישט געווען קומען צו הילף און אַריינבלאָזן אין דער זעל פון פּרינץ שכל און יושר. ער האָט באַפוילן צו זאָגן דעם המון, אַז זיי נעמען אַ צו גרויסן חטא אויף זייער געוויסן דערמיט וואָס זיי לאָזן זיך שטויסן פונעם בלויזן חשד אויסצופירן אַזאַ אכזריות. אויך אַנדערע טעמים האָט דער פּרינץ אָנגעגעבן און געשטילט זייער צאָרן.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט זיך אויפגעדעקט דער אמת וועגן דער אַלטער,

וואָס האָט צוגענגבעט דאָס קינד, אָבער אפילו דאַן האָט דער אומוויסנדיקער המון נישט אויפגעהערט צו גלייבן, אַז איך בין מיך נוהג מקריב צו זיין קריסטלעך בלוט.

דו האָסט פאָרויסגעזען דעם דאָזיקן אומגליק, יחזקאל, ווען דו האָסט געזאָגט: איך האָב געבראַכט אויף זיי די שרעק פון שווערד (3).

---

1) 1262 נ"ק.

2) אין אָריגינאַל: Teuthonie forkim. דער בעל „עמק הבכא" שרייבט טיאיטוניאי פורקים (Schweinfurt). אפשר די שטאָט פאָרכהיים (Forcheim) פון בייערן.

3) יחזקאל כ"א, כ'.

16. אומגליקן אין פארשיידענע מקומות. יאר 5080 (1) לבה״ע

איך האב געזען ווי, גלייכצייטיק אין פראנקרייך און שפאניע, זיינען צוויי גרויסע אומגליקן אויפגעשטאנען קעגן מיר. דער ערשטער פון זיי איז געווען וואס א קליין יינגל פון זיבעצן יאר האט דערציילט, אז פאר נאכט האט זיך אים באוויזן א טויב (2), און זי האט זיך אים געשטעלט אויף די אקסלען און אויפן קאפ. דערנאך האט דער הייליקער גייסט, ווי זיי רופן עס, אנגעהויבן זיך אים צו אנטפלעקן. און ער האט נאך ווייטער דערציילט, אז ווען ער האט געוואלט כאפן די טויב מיט די הענט, האט זיך אים באוויזן א ווונדערלעך שיינע יונגפרוי וואס האט אים געזאגט:

„איך מאך דיך פאר א פאסטעך אויף דער ערד, וועסט גיין מלחמה האלטן קעגן די מורינען, און אט האסטו א סימן פון דעם וואס האסט געזען מיט דיינע אויגן". און קוקנדיק אויף זיך — האט דאס יינגל נאך געזאגט — איז אויף זיין ארעם געווען אויפגעשריבן אלץ ווי עס איז געשען.

אין דער זעלבער צייט איז נאך אנטדעקט געווארן א צווייטער, וואס האט מודיע געווען, אז אויף זיין אקסל איז פאראן אויסגעמאלט א צלם. דער אמת וועגן דעם איז — האט מען געזאגט — אז דאס האט זיך אים געחלומט בעת ער איז געשלאפן לעבן א קוואל.

אבער ווי עס זאל נישט געווען זיין, איז פאר מיר די טויב, וואס איז אן גאל, געווען א זייער גיפטיקע שלאנג, און דער חלום — אן אומגליקלעכע וואר, דען ווי נאר די חשובים פון לאנד האבן געהערט די דאזיקע נייס, זיינען זיי דערפון געווארן צעהיצט און אים באהאנדלט ווי א הייליקן און אים אנגעטאן פיל כבוד.

אז דער נידערטרעכטיקער המון האט דאס געזען, האבן זיי זיך פארזאמלט אין א גרויסער צאל, אויף זיין רוף צו גיין דעראבערן דאס קיניגרייך גראנאדא. אבער ווי צו מיר, וואס כאטש דער המון איז געווען בלויז קעגן די מורינען, האט אבער דער הימל אין געהיים גוזר געווען אז דער קלאפ זאל געגעבן ווערן די יידן.

און ווען דער שטן, אונדזער שונא, האט נאך געגעבן א געלעגנהייט א ייד זאל אפלאכן פון זייער נס, זיינען זיי אנגעפילט געווארן מיט גרוים צארן קעגן מיר, און אנגעהויבן אויפגעבן דעם צוג אויף גראנאדא כדי אויסצופירן דעם ביטערן גזר־דין,

וואָס דער הימלשער בית־דין האָט קענען מיר אַרויסגעגעבן מחמת מיינע זינד, וואָס איך בין דאָן באַגאַנגען. און זיי (3) זיינען געווען אַזוי ריין פון זינד אַז מ'האָט זיי געמאַכט פאַר די תלינים פון מיינע קינדער (4).

דער גרויסער המון, וואָס האָט שוין דערגרייכט די צאָל פון דרייסיק טויזנט, האָט זיך אין טודעלאַ געוואָרפן אויף די יידישע שעפעלעך, וועלכע האָבן דאָרט גע־לעבט, און זיי אַלע אומגעבראַכט מיט דער שאַרף פון דער שווערד. און ווען אַ טייל פון המון זיינען פון דאָרטן אַוועק אין דעם שטעטל וואָס מ'רופט עס קאַרדעל (5) מיט דער בייזער כוונה צו מאָרדן, האָט דער פּרינץ מעלסאַר טאַלאַסאַ (6), אָדער גיכער עפּעס אַ זכות פון מיינע אורעלטערן די אבות, וואָס זיינען מלמד זכות פאַר גאָט אויף אונדזערע זינד, געשיקט זייער שנעל פיל באַוואָפנטע מענער וואָס זאָלן זיי אַרעסטירן. און דאָס איז געטאָן געוואָרן מיט אַזאַ כוח, אַז מ'האָט געבראַכט פון זיי צען וואָגנס געפאַנגענע.

אָבער די מאַנאַכן, וואָס האָבן זיך פון דעם דערוווסט, זיינען אויפגעשטאַנען אין מיטן נאַכט און בסתר זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין. עס זיינען נאָך צו זיי צו־געשטאַנען מענטשן פון המון און זיי האָבן באַפרייט די פאַסטעכער (7) פון דער תפיסה, אַרויסלאָזנדיק אַ קלאַנג אַז די געפאַנגענע זיינען באַפרייט געוואָרן בדרך נס. דאָן האָבן אַלע איינוווינערס פון שטאָט אָנגעהויבן שרייען ווי איין מענטש: זעט, זעט דעם נס פון די פאַסטעכער, און מחמת דעם דאָזיקן פאַלשן קלאַנג זיינען זיי געוואָרן אויפגעקאָכט קעגן די יידן און אויסגעהרגעט מיטן ערשטן מאָל צוויי הונדערט נפשות. אין גרויס סכנה איז געשטאַנען אויך דער פירשט פון שטאָט, ווייל ער האָט באַשיצט די יידן.

אַ גרויסע צאָל פון מיינע זין האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ פעסטונג פון נאַר־באָנאַ, אָבער ווען עס האָט צו זיי דערגרייכט די ידיעה וועגן די צען וועגענער גע־פאַנגענע שונאים, האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט אין שטאָט אַריין (8). לשם גרעסערער זיכערקייט האָט מעלסאַר טאַלאַסאַ מיט זיי געשיקט זיינעם אַ קרוב און אים אָנגע־זאָגט ער זאָל זיי אַוועקפירן און אויסבאַהאַלטן אין דער באַפעסטיקטער שטאָט קאַר־קאַסאָנאַ. נאָר דער דאָזיקער בוגד (9) האָט אויפגעדעקט זיין געהיימע שנאה צו מיר, און מיך פאַרקויפט צו די איינוווינערס פון די דערפלעך, וועמען ער האָט צו וויסן געגעבן זיי זאָלן קומען מיך הרגענען אויפן וועג.

ווי אויסגעהונגערטע וועלף, וואָס דערשמעקן פלייש, האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף מיין סטאַדע שעפעלעך און זיי אויפגעגעסן. נישט רחמנות געהאַט אויף קינדער, יונגע פרויען אָדער שוואַכע זקנות. אַלעמען האָבן זיי אויסגעהרגעט מיט דער שווערד און געמאַכט אַ גרויסן טייך יידיש בלוט. קערפּערס און ביינער זיינען געבליבן צע־וואָרפן איבער אַלע וועגן, אָדער אויסגעצויגן אויף דעם אָרט ווו זיי זיינען געפאַלן, פאַר אַ שפּייז די פייגל און די הינט.

און עס האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט דער גרויסער אומגליק נאָר זיך פאַרשפּרייט זייער שנעל אין אַלע עקן פון באָרדאָ, ענגלאַנד, קאַסטעלסעראַסים און אַזשאַן, באשר אין די אַלע מקומות האָט מען אויסגערופן אַז יעדער ייד וואָס וועט באַגעגנט ווערן, זאָל מען אים הרגענען. אויך אין דער פּראָווינץ פון טאָלאָסאַ בינאָרדאַ (10), מאַר־סיאַן, קאָנדאָם און אין אַנדערע שטעט ביז וועלכע ס'האָט דערגרייכט די טרויעריקע בשורה און מחמת דעם אַרעסט פון די פּאַסטעכער אין די וואַגנס, האָט מען הונדערט און צוואַנציק קהילות אומגעבראַכט מיט דער שווערד.

גאַסטאָן שטראָף האָט מיך שטאַרק דערשימערט, דערום האָבן טייל באַשלאָסן זיך ליבערשט צו הרגענען מיט די אייגענע הענט, איידער צו וואַרטן אויף דעם צאָרן פון שונא. צווישן זיי האָבן זיך געפונען יענע יידן וואָס זיינען געוועזן אויסבאַהאַלטן אין קאַסטעלסעראַסים און האָבן געוואָרפן גורל צווישן זיך ווער עס זאָל הרגענען דעם צווייטן. אַזוי זיינען אומגעקומען אַלע, און די לעצטע צוויי, וואָס זייערע הענט זיינען געוועזן איינגעטונקען אין בלוט פון זייערע דערמאָרדעטע ברידער, האָבן זיך אַראָפּגעוואָרפן פון דעם נאָר הויכן טורעם און צעשמעטערט געוואָרן אויף שטיקלעך.

אין טאָלאָסאַ איז קיינער נישט געבליבן, וואָס זאָל נישט געווען דערמאָרדעט זוערן אָדער וואָס זאָל זיך נישט האָבן געשמדט כדי צו ראַטעווען דאָס לעבן, אויסער איינעם וואָס האָט זיך געראַטעוועט צוליב זיין גרויס פריינדשאַפט מיטן פירשט פון דער שטאָט. פון אַלע וואָס האָבן געוווינט אין גאַסקאָניאַ (11) זיינען געבליבן לעבן נאָר צוואַנציק נפשות און די איבעריקע האָט מען אכזריותדיק דערהרגעט.

אין דעם שטעטל לערידאַ האָט זיך מיר געדוכט אַז מיין ערמה וועט מיך ראַ־טעווען פון דעם שונא (וואָס אין איין האַנט האָט ער געטראָגן דעם געטלעכן גזר־דין און אין דער צווייטער די שווערד אים אויסצופירן). דאָרט האָבן זיבעציק מאָן אוועק־געגעבן זייערע פאַרמעגנס דעם פירשט, ער זאָל זיי ברענגען געראַטעוועטע אין דעם קיניגרייך אַראַגאָניע, אָבער ווען זיי זיינען אַרויס פון שטאָט, איז קלאָר געוואָרן זייער טעות, ווייל מ'האָט אויף זיי געמאַכט אַ שרעקלעכע שחיטה.

אין אַראַגאָניע האָבן די יידן שוין געהאַלטן ביים אומגעבראַכט ווערן, נאָר דער געטלעכער חסד האָט אַ ביסל צוריקגעהאַלטן די האַנט פון שונא, דערמיט וואָס אַ בישאָף, דער זון פון קיניג, האָט זיי גוטה הסד געווען. ווען מיינע פייניקערס, די פּאַסטעכער, האָבן געזען אַז זיי וועלן נישט קענען אויספירן זייער בייזע כוונה, האָבן זיי זיך אָוועקגעלאָזט אין פיר טיילן: וואַלענסיע, באַרצעלאָנע, כאַקאַ און מאָנסעראַט.

און ווען דער וואָס אַ צלם איז געווען אויסגעמאָלט אויף זיין אַקסל און צו וועמען דאָס גאַנצע פאָלק פלעגט זיך בוקן, איז אָנגעקומען קיין כאַקאַ, האָט מען זיבעצן טאָג אין חודש תמוז (12), אין דער פרי, אומגעבראַכט פיר הונדערט נפשות, באַטש די יידן זיינען אַרויפגעקראָכן אויף אַ מויער; בלויז צען האָבן זיך געראַטע־וועט אין שלאָס.

און ווען טויזנט און פינף הונדערט פּאַסטעכער (וואָס פאַר מיר זיינען זיי

שדים), זיינען פון כאקא אוועק קיין בארבאסטרא (13), האבן אלע יידן פון דער דאָזיקער שטאָט און פון אלע אנדערע מקומות איבערגעלעבט דאָס וואָס עס טראָגן איבער די פארמשפּטע צום טויט, בשעת זייער לעבן הענגט אָפּ נאָר פון א חסד.

נאָר אין דעם שרעקלעכן מצב האָט דער הימלישער מלך (זיך שוין דערבאַרעמענדיק אויף זיין פאָלק) ווייך געמאכט דאָס הארץ פון די פּרינצן, זיי זאָלן, אויף וויפל זייער האנט גרייכט, ראטעווען די פארפייניקטע יידן, וועלכע זיינען נאָך ניצל געוואָרן פון אזא גרויסער צרה.

דער קיניג פון אראגאָניע האָט גלייך באפוילן זיין זון, אז ער זאָל אומברענגען און פארטיליקן אלע פאסטעכער און זייערע באנדעס, וואָס געפינען זיך אין זיין מדינה. און ער האָט אויפגעהאנגען און אומגעבראכט מיט דער שפּיז מער ווי צוויי טויזנט פון זיי; פיל אנדערע זיינען אנטלאָפן און איבערגעלאָזט די גאנצע מדינה ריין פון זייער סם.

דער מלך פון פראנקרייך האָט זיי פארטריבן פון זיין גאנץ קיניגרייך און האָט באפוילן אז אלע וואָס מ'וועט נאָך טרעפן, קענען געהרגעט ווערן און עס וועט דערפאר קיין שטראָף נישט קומען. אויך דער פּויפּס האָט באפולמעכטיקט אלע בישאָפן און אייבערבישאָפן נישט לעבן צו לאָזן קיינעם פון די פאסטעכער, וועלכע געפינען זיך אונטער זיין מאכט.

לסוף זיינען אלע די דאָזיקע מדינות פריי געוואָרן פון די שלענג, צוליב דעם חסד פון יענעם, וואָס רעגירט מיט דער וועלט. אָבער מיינע פיינט האָבן זיך געלאָזט גיין קיין נאווארא, און ווען דאָס קהל פון פאמפּלאָנא (14) האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם, זיינען זיי דערשראָקענע געלאָפן זוכן שוץ אין דעם שכנותדיקן מאָנרעאל, דריי מייל פון פאמפּלאָנא. נאָר די מענטשן וואָס האָבן זיי, פאר לוין, באגלייט, זיינען באגאנגען א בגידה און זיי איבערגעענטפערט צו די הונגעריקע וועלף — מיינע שונאים, די פאסטעכער — וועלכע האָבן אויסגעהרגעט פון זיי עטלעכע נפשות. די איבעריקע זיינען ווייטער געלאָפן זוכן שוץ אין מאָנרעאל, און די פאסטעכער נאָך זיי. אָבער ווען די געיאָגטע יידן זיינען שוין אריינגעקומען אין שטאָט, האָט גאָט געשטארקט זייערע הענט; האָבן זיי אויסגעדרייט זייער פּנים קעגן די שונאים און קעמפנדיק מיט גרויס גבורה, אויסגעהרגעט פון זיי הונדערט און זיבעציק מענטשן.

צווישן די טויטע איז געווען אויך דער מיטן קרייץ אויף זיין אקסל. ער איז געפאלן פון א פייל, וואָס עס האָט אין אים געוואָרפן דער געהילף פון דעם ריטער, וועלכער האָט אונדז באשיצט. ווען די איבעריקע האָבן געזען זייער עלצטן פאלן טויט, זיינען זיי געבליבן אוממעכטיק און אָנגעהויבן געשווינד אנטלויפן.

דאַן האָבן די פאסטעכער אָנגעהויבן אָפּגעשוואכט צו ווערן. ווען דריי הונדערט פון זיי זיינען געקומען קיין טודעלא און געזען אז דאָס אָרט ווו די יידן געפינען זיך איז באפעסטיקט, זיינען זיי פון דאָרטן אוועק מיט א קרעכץ, אזוי ווי דער פוקס וואָס

זעט א יונג, שוואך הענדל אין דער הינערשטײיג, אויף א הויך און באשיצט ארט.

די רייכע צווישן מיינע זין האבן נישט פארגעסן דעם גרויסן חסד וואס גאט האט זיי געטאן, ווייל ער האט זיי געראטעוועט; האבן זיי געגעבן זייערע ארעמע ברידער לעבנס־מיטל אויף דריי יאר, כדי זיי זאלן קאנען צו זיך קומען פון דער שרעקלעכער ארעמקייט און נויט. און מיט א שטיקל צייט שפעטער האט זיך געענדיקט דער מערדערצוג פון די פיינטלעכע פאסטעכער, און זייער גערעכעניש איז פארווישט געווארן.

אייערע אלע ווערטער, א נביאים, וואס איר האט קענן מיר נביאות געזאגט, זיינען דא קענן מיר מקוים געווארן. די טויב איז געקומען אנזאגן אז עס איז געקומען די צייט פון יחזקאלס נבואה: זיי (די בני־ישראל) וועלן זיין אויף די בערג ווי די טויבן, וואס אלע טוען זיי ברומען, איטלעכער אין זיין זינד. און אלע הענט וועלן (דאן) שוואך ווערן, און אלע כוחות וועלן ווייך ווערן אזוי ווי וואסער (15). זיי האבן דערוועקט מיין צארן מיט זייערע נישטיקייטן, דערום וועל איך זיי דערצערענען מיט אזעלכע וואס זיינען נישט קיין פאלק. דורך אן אומוויסנדיקער אומה וועל איך זיי בייז טאן (16), (ווייל זייער אומוויסנדיק און פראסט זיינען געווען די פאסטעכער, וואס האבן מיר בייז געטאן). און איך וועל אנשיקן אויף זיי פיר מינים טויט, זאגט גאט: די שווערד צו טייטן, הינט צו צעשטיקלען, פייגל פון הימל און חיות פון דער ערד צו פרעסן און צו פארדארבן (17). אויב אפילו זיי וועלן גראבן און אריינדרינגען אין גיהנום, וועט זיי פון דארטן מיין האנט ארויסנעמען, און אויב זיי וועלן זיך באהאלטן אויפן שפיץ פון כרמל, וועל איך זיי אויפזוכן און וועל זיי פון דארטן אוועקנעמען (18). (און אזוי איז טאקע געשען, דען עס האט נישט געהאלפן וואס איך האב מיך אויסבאהאלטן אין דערפלעך און אין שלעסער). איך האב גערופן מיינע פריינד און זיי האבן מיך אפגענארט (19). זיי האבן גערעדט צו מיר מיט א ליגנערישער צונג (20). זייער זילבער און זייער גאלד וועט זיי נישט קענען מציל זיין אין טאג פון גאטס צארן (21). זיי וועלן זוכן פרייד אבער עס וועט נישט זיין, נאר איין שלעכטע בשורה נאך דער צווייטער וועט זיין (22). אז איך גיי ארויס אין פעלד, דערשלאגט מיך די שווערד (23). אבער איך וועל איבערלאזן עטלעכע, כדי עס זאל זיין פון אייך, צווישן די פעלקער, אזעלכע וואס האבן זיך געראטעוועט פון שווערד, ווען איר וועט צעשפרייט ווערן איבער די לענדער (24).

אבער אויסער דעם גאנצן בייז, האב איך אויך געזען ווי עס זיינען מקוים געווארן דיינע רחמנותדיקע ווערטער צו מיר, און אז עס איז גענומען געווארן נקמה פון מיינע שונאים ווי דו גאט האסט געזאגט:

איך וועל צעשפרייטן דאס הויז פון ישראל צווישן די פעלקער און איך וועל זיי צעשאקלען, אזוי ווי עס ווערט געשאקלט דער ווייץ אין א זיפ, אבער דער גארב וועט נישט אראפפאלן צו דער ערד (25); פיל פאסטעכער האבן פארדארבן מיין וויינ־

גאָרטן, האָבן צעטראָטן מיין ליבע ירושה (26); און אַלע פאַרדאַרבערס וועלכע האָבן פאַרשוועכט מיין אַרב וואָס איך באַזיץ מיט ירושה־רעכט (דאָס הייסט) מיין פאָלק ישראל — וועל איך אויך אַרויסרייסן פון זייער ערד (דאָס הייסט פון דעם לעבן) (27); ווען דו וועסט ענדיקן צו פאַרוויסטן, וועסטו אַליין אויך פאַרוויסט ווערן (28), אָ, כסא הכבוד, דערהויבן פון אייביק אָן, אַ אָרט פון אונדזער הייליקטום! (לסוף) ביסטו די אמתע האָפענונג פון ישראל און דו ביסט מיין מקלט אין טאָג פון נויט (29).

---

1) יאָר 1320 נ״ק. אושקי גיט נישט אָן דעם מקור פון וואַנען ער האָט געשעפּט זיינע ידיעות וועגן דער גזירת הרועים, באַשריבן אין דעם קאַפּיטל. דער בעל שבט יהודה, וועמעס באַשרייבונג פון די זעלבע געשעענישן איז זייער ענלעך צו אושקיס, כאָטש ווייניקער פולקום און מיט אייניקע געענדערטע פּרטים, שרייבט אַז ער האָט אַלץ גענומען פון „ספר דברי הימים למלכי ספרד" און אַז ער האָט אַלץ איבערגעזעצט „מלשון לעז ללשון הקודש". ער איז נאָך מוסיף אַז עס זיינען פאַראַן אַנדערע נוסחאות וועגן דער גזירת הרועים.

2) דער סימבאָל פון „הייליקן גייסט".

3) די קרייצפאָרערס.

4) אושקים אַן איראָנישע באַמערקונג.

5) אין אָריגינאַל: Cordel; דער בעל שבט יהודה שרייבט: ס ר ד י ל. דער בעל „עמק הבכא" שרייבט: קורביל.

6) אין אָריגינאַל: Melsar Tolosa. אויך דער בעל שבט יהודה רופט דעם פירשט פון טאָלאָסאַ „המלצר טולושא". מ ל צ ר איז — באַשיינפּערלעך — אַן איבערזעצונג פון דעם פירשטס טיטל. דער בעל „עמק הבכא" שרייבט: אבלצר טולושה.

7) אַזוי האָט מען גערופן די נוסעי הצלב פון יענעם קרייצצוג.

8) מיינענדיק אַז די געפאַר איז שוין אַריבער.

9) דער קרוב פון דעם פירשט פון טאָלאָסאַ.

10) מענדעס דאָס רעמעדיאָס באַמערקט: „אפשר דאַרף מען דאָ לייענען: טאָלאָסאַ, ביגאָרדאַ (דאָס הייסט: צוויי באַזונדערע שטעט — א. ל.), און Bigorda זאָל אפשר זיין Bigorre? אין דעם נוסח פון בעל שבט יהודה פעלן די ווערטער „פּראָווינץ פון טאָלאָסאַ", און אויפן אָרט פון ב י ג א ר ד אַ איז טאַקע געשריבן ב י ג ו ר ר ה.

11) אין אָריגינאַל: Gausconha; מאָדערנער אויסלייג איז פּאָרטוגעזיש: Gasconha און אין שפּאַניש Gascuña.

12) אושקי באַמערקט: „דער חודש יוני".

13) אין אָריגינאַל: Barbaste; מאָדערנער אויסלייג: Barbastro.

14) פּאַמפּלאָנאַ איז די הויפּטשטאָט פון דער פּראָווינץ נאַוואַראַ.

15) יחזקאל ז' — ט״ז, י״ז.

16) דברים ל״ב — כ״א.

17) ירמיהו ט״ו — ג'.

18) עמוס ט' — ב', ג'.

19) איכה א' — י״ט.

20) תהלים ק״ט — ב'.

21) יחזקאל ז' — י״ט.

22) יחזקאל ז׳ — כ״ה.
23) ירמיהו י״ד — י״ח.
24) יחזקאל ו׳ — ח׳.
25) עמוס ט׳ — ט׳.
26) ירמיהו י״ב — י׳.
27) ירמיהו י״ב — יד״; די קלאַמערן זיינען אושקים און שליסן איין זיינע אייגענע שׂי־גויים צום ביבלישן טעקסט, כדי אים צופּאַסן צו דעם ענין. אויך דער טעקסט אויסער די קלאַמערן איז אַ ביסל געענדערט צוליב דעם זעלבן טעם.
28) ישעיה ל״ג — א׳.
29) ירמיהו י״ז — י״ב.

17. איטאַליע, יאָר 5081 (1) לבה״ע

אַ שטיקל צייט בלויז נאָך דעם ווי דער דאָזיקער שרעקלעכער אומגליק האָט מיר אַזוי פיל נפשות צוגענומען, האָט אַ נייער אָנגעהויבן מיך באַדראָען:

דאָס צווייטע יאָר איז אויפגעשטאַנען אַ שוועסטער פון פויפּס, סאַנשאַ איז איר נאָמען, געגליכן אין איר שנאה צו המנען, וואָס האָט, אין אסתרס צייטן, באַ-שלאָסן אומצוברענגען ישראל. זי האָט פיל מאָל געפּרוווט אָנרייצן אַז עפּעס אַ שחיטה זאָל געמאַכט ווערן, אָבער אַזוי ווי איר בייזע כוונה איז נישט מקוים גע-וואָרן, האָט זי, לסוף, אָנגערעדט קעגן מיר טויזנט שלעכטסן און געבעטן איר ברו-דער, דעם פויפּס, ער זאָל מיך אַרויסטרייבן פון אַלע זיינע מדינות. דאָס האָט זי דערגרייכט.

אָבער ווען ס׳איז שוין פאַרעפנטלעכט געווען די גזירה פון דעם אַלגעמיינעם גירוש, וואָס וואָלט מיר פיל אומרו און צרות פאַרשאַפט, איז געפעלן געוואָרן גאָט מיר נוטה־חסד צו זיין דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם גוט-מידותדיקן מלך פון נעאַפּאַל און ירושלים, ראָבערטאָ. ער האָט לטובת מיר געבעטן ביים פויפּס, און אויסגעמוסרט די וואָס האָבן מיך געיאָגט. אַזוי האָט ער צוריקגעהאַלטן דעם פויפּס ביז איך האָב אַריינגעוואָרפן אין מויל פון עזאזל אַ קרבן פון צוואַנציק טויזנט דוקאַטן, וואָס מ׳האָט געגעבן דער שוועסטער פון פויפּס און דערמיט בטל געמאַכט די טרויעריקע גזירה.

דאָ האָט מיך אַרומגעכאַפּט די קללה מיט וועלכער דו, משה, האָסט מיך גע-שאָלטן, איידער האָסט פאַרלאָזט דאָס לעבן, זאָגנדיק: גאָט וועט אויף דיר אָנשיקן אַ פּלוצעמדיקע פּלאָג (2).

1) יאר 1321 נ״ק.

2) דברים כ״ח.

18. פֿראַנקרייך, יאָר 5081 (1) לבה״ע

אין דעם זעלבן יאָר האָט מיך געטראָפֿן אַן אומגליק, וואָס דאָס פֿלייש ווערט מיר איינגעצויגן און ציטערט ביים דערמאָנען זיך:

אין גאַנץ פֿראַנקרייך איז אויפֿגעקומען עפּעס אַ נייע מין קרענק, פֿון וועלכער עס זיינען געשטאָרבן פֿיל מענטשן. עס זיינען געווען פֿאַרשידענע דעות וועגן דעם, וואָס די קרענק זאָל זיין. עטלעכע דאָקטוירים האָבן געהאַלטן אַז דאָס איז אַ געהיימע פּעסט, וועלכע גיט נישט פֿון זיך קיין סימנים אין קיין שום טייל פֿון קערפּער; אַנדערע האָבן חושד געווען אַז די קראַנקע זיינען פֿאַרסמט. לסוף זיינען זיי געקומען צום באַשלוס, אַז עס איז טאַקע סם און ביים טראַכטן פֿון וואַנען דאָס קאָן שטאַמען האָבן עטלעכע שונאי־ישראל געזאָגט, אַז די יידן צוזאַמען מיט די מצורעים האָבן פֿאַרסמט די וואַסערן (2).

עס איז מער נישט נייטיק געווען ווי נאָר דאָס אַרויסצולאָזן פֿון מויל, אַז מ׳זאָל אין דעם גלייבן, גלייך ווי זיי זאָלן עס באמת האָבן געזען מיט די אייגענע אויגן. און דער קלאַנג איז געגאַנגען פֿון מויל צו מויל און געוואָרן אַזוי פֿאַרשפּרייט, אַז ער האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע מלוכה, און אַלע האָבן באַשטעטיקט אויף זיכער אַז יידן און מצורעים האָבן פֿאַרגיפֿטיקט די ברונעמער און טייכן כדי צו פֿאַרטיליקן דאָס קיניגרייך.

און אַזוי ווי ביי אַלע מיינע אומגליקן, וואָס זיי הייבן זיך אָן אויף אַ שפּאַס און ווערן שפּעטער פֿאַרוואַנדלט אין ווירקלעכקייט, האָט מען צוליב דעם אַרעסטירט אַלע יידן, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין גאַנץ פֿראַנקרייך.

כדי צו דערווייזן, אין אַזאַ לאַגע, מיין אומשולד און אַז דער חשד איז אַ פֿאַלשער, האָבן מיינע זין אַראָפּגעבראַכט פֿון פֿיל ערטער, און מיט גרויסע הוצאות, די גרעסטע און באַרימטסטע רופֿאים פֿון יענער צייט, וואָס זאָלן באַטראַכטן די קראַנקע. און נאָך פֿיל אונטערזוכונגען און עקספּערימענטן, וואָס זיי האָבן געמאַכט, געבנדיק דאָס וואַסער צו טרינקען די הינט, האָבן זיי דערוויזן די דאָקטוירים פֿון קיניגרייך, אַז עס איז נישט קיין סם, נאָר אַ מין משונהדיקע קרענק מיט וועלכער זיי ווערן באַשטראָפֿט פֿאַר זייערע חטאים.

די וויכוחים און עקספערימענטן האָבן געדויערט ניין חדשים און במשך פון דער גאַנצער צייט זיינען אַלע יידן געזעסן אין תפיסה אונטער אַ שטענדיקער טויט-שרעק, און געוואַרט אויף דער פינצטערער שעה ווען דער פיינט וועט זיי די נפשות ארויסרייסן.

לסוף זיינען נישט געגנג געווען די קלאָרע באַווייזן, וואָס די רופאים האָבן געגעבן. און כאָטש עס איז נישט געפונען געוואָרן דער מינדסטער אָנדייט, וואָס זאָל באַשטעטיקן דעם חשד, האָבן אַלע מיינע זינד, וואָס איך בין באַגאַנגען אין דער גאַנצער מלוכה גורם געווען אַז עס זאָלן פאַרמשפּט ווערן צום טויט פינף טויזנט נפשות, ווי אַ קרבן פאַר אַלע. די איבעריקע זיינען געוואָרן באַפרייט.

שוין נאָכן אורטייל האָט מען די דאָזיקע פינף טויזנט פאָרגעלייגט צו שענקען דאָס לעבן אויב זיי וועלן ווערן קריסטן. אָבער זיי האָבן נישט מסכים געווען און מיט גאָטס נאָמען אין מויל זיינען זיי אַלע אריינגעשליידערט געוואָרן אין אַ פייער, וואָס זיינע פלאַמען זיינען געווען אַזוי גרויס אַז ס'האָט אויסגעזען זיי רירן אָן די שטערן. אָבער פיל העכער זיינען ארויפגעגאַנגען די וויינגעשרייען און די קרעכצן פון די קרבנות און פון אַלע זייערע ברידער, וואָס האָבן זיי געזען ברענען.

לויט דער צאָל אומגעקומענע אין דער פייניקונג קענט איר, ברידער, זיך פאָרשטעלן וויפל אַלמנות און יתומים עס זיינען געבליבן פאַרצרהטע, הונגעריקע און אומבאַהאָלפענע.

דאָס איז דאָס וואַסער (3), וועגן וועלכן דו, ירמיהו, האָסט מנבא געווען: איך וועל מאַכן עסן דאָס דאָזיקע פאָלק ביטערניש, און איך וועל זיי מאַכן טרינקען גאַל-וואַסער (4); און דאָס איז די אומהיילעוודיקע צרעת (5), וואָס משה האָט דערמאָנט: גאָט וועט דיך שלאָגן מיט טרוקענע קרעץ און מיט פייכטע קרעץ, פון וועלכע דו וועסט נישט קענען געהיילט ווערן (6); און דאָס איז דאָס פייער (7) און דער נסיון — צו זען אויב איך וואָלט געביטן גאָטס תורה — מיט וועלכע דו, ירמיהו, האָסט מיך אויך געוואָרנט אין די דאָזיקע ווערטער: איך וועל זיי לייטערן און וועל זיי פּרווון (8); זאָלן זייערע מענער אומקומען פון פעסט; זייערע קינדער זאָלן אײַבערגעגעבן ווערן צום הונגער און זאָלן ווערן יתומים, און זייערע ווייבער — אַלמנות; זאָל געהערט ווערן אַ געשריי פון זייערע הייזער (9). אָבער טראָץ דעם גרויסן אומגליק, איז אויך געווען הילף, כדי ביי דעם איבערבלייב זאָל מקוים ווערן דאָס דאָזיקע הייליקע וואָרט דיינס: איך וועל נישט פאַרטיליקן אין גאַנצן דאָס הויז פון יעקב, זאָגט גאָט (10).

---

1) יאָר 1321 נ"ק.

2) די שונאי-ישראל האָבן געדענקט אַז יידן און מצורעים,ביידע פאַרשטויסענע און באַליידיקטע, זאָלן עס האָבן געטאָן אויס נקמה.

3) דאָס וואַסער וואָס מ'האָט חושד געווען אַז ס'איז פאַרגיפטיקט, און עס זיינען דעריבער

א טרייסט צו די ליידן פון ישראל

געקומען צרות אויף יידן.

4) ירמיהו ט׳ — י״ד.

5) אַ רמז אויף די מצורעים, וואָס זיינען באַשולדיקט געוואָרן צוזאַמען מיט די יידן.

6) דברים כ״ח — כ״ז.

7) דאָס פייער אין וועלכן עס זיינען פאַרברענט געוואָרן די פינף טויזנט יידן.

8) ירמיהו ו׳ — ט׳.

9) ירמיהו י״ח — כ״א, כ״ב.

10) עמוס ט׳ — ח׳.

19. דייטשלאַנד, יאָר 5106 (1) לבה״ע

און איך האָב געזען ווי אין טאָרטי (2) — א דייטשע פּראָווינץ — האָט די קנאה צו מיינע זין, וואָס האָבן זיך דאָרט געמערט אין עשירות, ארויסגערופן א גרויסן האַס ביים המון, וועלכער האָט דעריבער געזוכט אַלע וועגן זיי צו בארויבן און פּארניכטן; ביז עס האָט אויסגעבראָכן אין שטאָט א גרויזאַמע קרענק און עס איז דאַן געווען די בעסטע געלעגנהייט אויסצופירן די בייזע כוונה.

און היות ווי עס זיינען נאָך נישט געהאַט אוועק פיל יאָרן זינט דעם אומגליק אין פראַנקרייך (3), האָט זיך דער המון אָן דעם דערמאָנט און געזאָגט אַז די יידן האָבן פארגיפטיקט דאָס וואַסער פון די ברונעמער און טייכן. ווי א ראיה זיינען געבראַכט געוואָרן די פראַנצויזן (4).

לסוף איז די דאָזיקע ראיה אַזוי באַפעסטיקט געוואָרן אַז, נישט וואַרטנדיק אויף אַנדערע באַווייזן חוץ די קלאַנגען וועלכע האָבן זיך פארשפּרייט איבער גאַנץ דייטשלאַנד, האָט דער המון זיך אויפגעהויבן און אויסגעהרגעט מיט שווערד און מיט פייער אַלע יידישע שעפעלעך, וואָס זיינען געטראָפן געוואָרן.

און מיין אומגליק איז נאָך נישט צופרידן געבליבן מיט דער שחיטה פון דייטשלאַנד, באשר די מערדערלעכע ידיעה האָט זיך צעטראָגן איבער קאַטאַלוניע און פּראָוואַנס, ווו די פלאַמען פון דער קלעפּיקער חולאת האָבן זיך געהאַט אויסגעשפּרייט, און מ׳האָט דאָרטן געמאַכט ענלעכע שחיטות און שריפות אויף מיינע קינדער.

טייל יידן האָבן, אויס מורא פאַר דער שטראָף, אויסגעביטן די תורה אויף לעבן, און געוואָרן קריסטן. אַזוי האָבן זיי זיך מציל געווען.

און ווען די דאָזיקע אומגליקן זאָלן געווען דויערן א לאַנגע צייט, דוכט זיך מיר אויס, ברידער, אַז עס וואָלט נישט געבליבן אפילו איין ייד וואָס זאָל אייך אויף אַן אייראָפּעישער שפּראַך קאָנען איבערגעבן די דאָזיקע ידיעות. נאָר עס איז ווילגעפעלן דעם הימלשן גנאָד ארויסצורייסן די שווערד פון מיין שונאס האַנט, אַז איך זאָל אין גאַנצן נישט פארטיליקט ווערן.

ווייזט אויס איך האָב נאָך געמוזט איבערקומען דעם דאָזיקן אומגליק פון

וועגן די וואַסערן (5), כדי עס זאָל קאָנען מקוים ווערן דיין נבואה, אַ ירמיהו: גיפטוואַסער וועט ער אונדז געבן צו טרינקען, ווייל מיר האָבן געזינדיקט (6); איך וועל זיי פאַרוואַנדלען אין אַ שוידער און אין אַן אומגליק ביי אַלע קיניגרייכן פון דער ערד (7).

1) יאָר 1346 ג"ק; אין דער אויסגאַבע פון מענדעס דאַס רעמעדיאַס שטייט 5006 בטעות.
2) אין אָריגינאַל: Torti. מענדעס דאַס רעמעדיאַס באַמערקט אין זיין אויסגאַבע: „זאָל עס זיין די דייטשישע שטאָט Toste?" . דער בעל „עמק הבכא" שרייבט: טורטי.
3) זינט דעם בלבול אַז יידן האָבן פאַרגיפטיקט די וואַסערן פון פראַנקרייך (זע אין פאַריקן קאַפּיטל).
4) וועלכע האָבן געגלויבט אַז יידן זיינען באַגאַנגען אַזאַ פאַרברעכן.
5) דער אומגליק וועלכער איז געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון דער באַשולדיקונג אַז יידן האָבן פאַרגיפטיקט די וואַסערן.
6) ירמיהו ח' — י"ד.
7) ירמיהו כ"ד — ט'.

20. פראַנקרייך, יאָר 5106 (1) לבה״ע

אין דעם זעלבן יאָר בין איך, אין פראַנקרייך, פון אַ נייער צרה געוויטיקט געוואָרן: ווען איך האָב מיך שוין, אין דעם דאָזיקן קיניגרייך, אויף ס'ניי געהאַט באַדעקט מיט פעדערן (2) און דערגרייכט פאַרמעגנס מיט וועלכע איך זאָל קענען איבערקומען דעם ביטערן גלות צווישן מיינע פיינט, איז געוואָרן מלך אַן אַנדער פיליפּ, דער זון פון לואי און אייניקל פון פיליפּ אויגוסט, וועלכער האָט מיך אַזוי גרויזאַם באַהאַנדלט.

און אָן אַ שום אַנדער סיבה, סיידן די שנאה וואָס עטלעכע שלעכטע ראַט־געבערס האָבן אין אים צעבלאָזן, האָט דער נייער מלך באַפוילן מוסר מודעה צו זיין אַז אַלע יידן פון זיין מלכות דאַרפן אָדער זיך שמדן, אָדער איבערלאָזן אַלע זייערע פאַרמעגנס און פאַרטריבן ווערן פון לאַנד.

צווישן דער גרויסער צאָל יידן האָבן זיך געפונען זייער ווייניק וועמען די שטראָף האָט באַוויזן צו בייטן דעם גלויבן. אַלע האָבן ליבערשט באַשלאָסן אויס־צושטיין געדולדיק די צרות פון דער גרויסער אָרעמקייט און נויט, צו וואָס מ'האָט זיי דערפירט — וואָרעם זיי זיינען געבליבן כמעט אָן אַ מלבוש אויפן לייב — איי־דער צו צעשטערן דעם בונד וואָס די יידישע נשמות האָבן געשלאָסן מיט גאָט אויפן באַרג סיני (3).

אין אַ קלאָגעדיקן מצב און באַרויבט פון אַלע זייערע פאַרמעגנס האָבן מיינע קינדער פאַרלאָזט גאַנץ פראַנקרייך. (אין חודש אב (4), אין דעם טאָג פון מאַג־דאַלענאַ (5), אַ קריסטלעכער חגא.)

אַנדערע, וואָס האָבן זיך פּלוצעם דערזען נאַקעטע, און נישט געוואַגט זיך ווי־דערצושטעלן דער נויט, און דער פיינט האָט צוגעזאָגט אומצוקערן טאָפּל זייער צו־גערויבט פאַרמעגן, דערצו נאָך גרויסע חסדים פון מלכות, אויב זיי וועלן איבערגיין צום קריסטלעכן גלויבן, האָבן זיך געלאָזט איבעררעדן און איינגעשטימט צום שמד. צווישן זיי דאַרף בעיקר אַריינגערעכנט ווערן — מיטן אויסנעם פון בלויז עטלעכע — דאָס גאַנצע קהל פון טולוז. דערום איז די דאָזיקע פּראָווינץ פאַרזייט פון דעם מין זרע פון וועלכער נאָך היינטיקע צייט דאַרפן זיך געפינען פיל שפּראָצ־לינגען, וואָס רוען נישט אין דעם גלויבן וואָס מ'האָט אויף זיי אַרויפגעצוווּנגען.

און עס וואָלט נישט געווען ווייט פֿון אמת משער צו זיין אַז פֿון זיי קומען אַרויס די לוטעראַנער, וואָס האָבן זיך אויפֿגעהויבן צווישן די קריסטן. ווייל היות ווי יידן פֿלעגן, אין אַלע קריסטלעכע לענדער, געצוווּנגען ווערן צו בייטן דעם גלויבן, זעט אויס צו זיין אַ געטלעכער גזר־דין אַז זיי זאָלן צוריקשלאָגן מיט די זעלבע כּלי־זין וואָס די באַצווינגערס אַליין האָבן זיי געגעבן אין די הענט; און אַז לרעת דעם אַרויפֿגעצוווּנגענעם גלויבן זאָלן זיי איצט, דורך די דאָזיקע פּרינציפּן (6), קאָנען אַרויס פֿונעם קרייז, מיט דער כּוונה זיך אומצוקערן צו דעם וועג וואָס זיי האָבן זינט אַזאַ לאַנגער צייט פֿאַרלאָזט (7).

דעריבער דאַרפֿסט איר, אַ פֿירשטן, געדענקען וויפֿל שאָדן איר ברענגט ווען איר צווינגט יידן אָנצונעמען אייער גלויבן; ווייל דרכים מיט וועלכע די שטאַרבלעכע מיינען — אומגערעכטערהייט — צו באַפֿעסטיקן זייערע כּוונות, ווערן גאָר צום סוף דאָס מיטל און דער וועג פֿאַר זייער אייגענעם אומקום.

און סיי ווי איז דער דאָזיקער מלך נישט געבליבן אומבאַשטראָפֿט פֿאַר זיין רשעותדיקער מאַכט: אין ניין יאָר אַרום איז ער, איין מאָל, אַרויס אויף געיעג און, נאָכיאָגנדיק אַ הירש, וועלכער האָט אים, דורך ווילדע ערטער, פֿאַרשלעפּט צו אַ באַרג, איז ער אַראָפּגעפֿאַלן אין אַ טיפֿן אָפּגרונט, וווּ ער און זיין פֿערד זיינען צעשמעטערט געוואָרן אויף טויזנט שטיקלעך.

דאָס פֿראַנצויזישע פֿאָלק האָט געזען די בולטע שטראָף. ווען ס׳איז, דעריבער, אַרויף אויפֿן טראָן דער גוט־מידותדיקער קאַטוילישער מלך לואי, האָט ער, כּדי מתקן צו זיין דאָס בייז, וואָס זיין פֿאָטער האָט מיר געטאָן, מיך צוריקגערופֿן אין דער מדינה, אַז איך זאָל דאָרטן ווידער אויפֿגעריכט ווערן דורך מיין מי וואָס פֿון אירע פּרוכטן האָט מען מיך געהאַט באַרויבט.

אָבער דאָס דאָזיקע גוטס האָט נישט געדויערט מער ווי דער פֿלאַם פֿון אַ פֿייער אָנגעצונדן אין שטרוי, ווייל אין זיבן יאָר אַרום האָט מען מיך ווידער אַרויסגעטריבן פֿון פֿראַנקרייך, אויף דער פֿאָדערונג פֿון המון. נאָר דאָס מאָל האָט מען מיך געלאָזט אויסוואַנדערן מיט דעם פֿאַרמעגן וואָס כ׳האָב מיר געהאַט דערוואָרבן.

נאָך דעם האָט באַקומען די קרוין דער מלך דאָן זשאַן און, שפּעטער, זיין זון שאַרל, וועלכע האָבן מיך ווידער איינגעזאַמלט אין זייער מדינה, וווּ כ׳האָב געלעבט בשלווה כּל־זמן זיי ביידע האָבן געלעבט.

אָבער ווען זיי האָבן פֿאַרלאָזט דאָס ערדישע לעבן און ס׳איז געוואָרן מלך אַן אַנדער שאַרל, איז דער המון אויפֿגעשטאַנען קעגן מיר, געהרגעט און גערויבט אָן רחמנות און, קעגן דעם ווילן פֿון מלך, מיך פֿון לאַנד אַרויסגעטריבן (8).

גערעכט ביסטו געווען, מיכה, בעת האָסט פֿאָרויסגעזען דעם דאָזיקן אומגליקזאָגנדיק: פֿאַרטיליקן זיינען מיר פֿאַרטיליקט געוואָרן, אַ טייל פֿון מיין פֿאָלק האָט געביטן (זיין תּורה) (9); פֿרויען (און זייערע באַגלייטערינס) האָט איר פֿאַרטריבן

פון זייער צערטלעכער היים (10); זיי וועלן זיך באדעקן מיט זעק, און א שוידער וועט זיי ארומכאפן (11); ווייל אלץ וואס כ'האב זיי געגעבן וועט איבערגיין אין פרעמדע הענט (12) אבער, לסוף, וועט נישט אייביק דויערן דיין פייניקער, נאר ער וועט גיך פארשווינדן און עס וועט אריינגעשליידערט ווערן אין תהום זיין גע-דעבעניש.

---

1) יאר 1346 נ"ק.

2) מליצה־סטיל. ד"ה: יידן זיינען ווידער רייך געווארן.

3) א רמז אויף דעם מדרש לויט וועלכן די נשמות פון אלע יידישע נאך נישט געבוירענע דורות זיינען געווען ביים בארג סיני, בשעת מתן־תורה.

4) אושקי באמערקט: „יולי".

5) עס איז צום שטוינען וואס שמואל אושקי, וועלכער נוצט תמיד אומגערן און נאר באין־ברירה די קריסטלעכע טערמינאלאגיע זאל פלוצעם באצייכענען דעם טאג פון א יידישן אומגליק לויט דער קירך־טערמינאלאגיע. דאס דערקלערט זיך אבער דערמיט וואס צווישן די מקורים פון וועלכע אושקי האט געשעפט זיינע ידיעות וועגן די באשריבענע געשעענישן געפינט זיך אויפן ערשטן פלאץ דעם פראנציסקאנער אלפאנסא דע ספינאס בוך Fortalitium Fidei (די פעסטונג פון גלויבן), פון וואנען די כראנאלאגישע באצייכענונג מוז שטאמען. אויסער דער דאזיקער סיבה פון ערשטראנגיקן כאראקטער מוז מען נאך באהויפטן אז אושקי וויל דא זיין אן ערלעכער כראניקער און נוצט אוים אלע פרטים וואס קענען פארזיכערן די היסטארישע פינקטלעכקייט.

6) ד"ה: די לוטעראנישע פרינציפן.

7) די דאזיקע אינטערעסאנטע השערה וועגן אויפקום פון לוטעראניזם, וואס אושקי האט שוין ארויסגעזאגט אויף אן אנדער ארט (זע קאפיטל 14), איז ווייזט אויס זייער פארשפרייט געווען צווישן די מיסטיקערס און כראניקערס פון דער מאראנען־תקופה. די אנוסים האבן אויס־געטייטשט מארטין לוטערס רעפארמאטארישע טעטיקייט ווי א היסטארישן נקמה־אקט קעגן דעם בייזן און פאנאטישן קאטוליציזם.

ד"ר י. צינבערג אין זיין „געשיכטע פון ליטעראטור ביי יידן" (ניו־יארק 1943), באנד פיר, זייט 281, דערמאנט דעם מיסטיקער אברהם הלוי, וועלכער האט, אין א עפנטלעכן בריוו פון יאר 1528, דערקלערט לוטערן פאר א פארבארגענעם אנהענגער פון יידישן דת, וואס האט דערקלערט קריג דעם קריסטנטום און וועט ברענגען אלע פעלקער צום יידישן גלויבן.

8) אושקי באמערקט: „יאר 5140". דער דאזיקער גירוש איז, בכן, פארגעקומען אין יאר 1380 נ"ק.

9) מיכה ב' — ד'; זע באמערקונג 3 פון קאפיטל 1.

10 מיכה ב' — ט'; די קלאמערן זיינען אושקיס און שליסן איין זיינע אייגענע הוספות צום ביבלישן טעקסט.

11) יחזקאל ז' — י"ח.

12) ירמיהו ח' — י"ג.

21. שפּאַניע, יאָר 5850 (1) לבה״ע

און עס איז געשען אין שפּאַניע בעת אַ סכסוך אין דער רוימישער קירך צוליב דעם אויסוויילן אַ פּויפּס. מ׳האָט דאַן געמאַכט פּאַר פּויפּס איינעם וואָס האָט געהייסן בענעדיקט (2) און וואָס זיין פריערדיקער נאָמען איז געווען אַלוואַראָ דע לונאַ, אָבער חוץ אים האָט דער קעגנערישער צד אויסגעוויילט אין רום אַ צווייטן, מיטן נאָמען אינאָצענץ (3).

אין דער זעלבער צייט איז געווען אַ דאָמיניקאַנער מאָנאַך מיטן נאָמען פראַי ווינסענטע (4), דער גרעסטער פאַרפאָלגער און שונא פון ישראל, וואָס איז אויפגע־שטאַנען זינט לאַנגע צייטן. און דער קיניג דאַן פערדינאַנד פון אַראַגאָניע פלעגט אים זייער נוטה-חסד זיין, באשר ווען ער, דאַן פערדינאַנד, איז נאָך געווען אַ פּרינץ, איז דער דאָזיקער מאָנאַך געווען איינער פון די צוועלף, וואָס האָבן אַרויס-געגעבן דעם פּסק-דין ער זאָל ווערן דער קיניג פון שפּאַניע.

מיט אַזאַ שטיצע, האָט דער מאָנאַך באַשלאָסן אויסצופירן קעגן מיר זיין בייזע כוונה, און, אויפרייצנדיק אַ גרויסע צאָל מענטשן, איז ער מיט זיי אַרוים איבער די שטעט מיט אַ קרוציפיקס אין די הענט און מיט אַ ספר־תורה אויף די אָרעמס (5), און אויפגעפאָדערט די יידן, מיט אַ הויכער און דראָענדיקער שטים, זיי זאָלן קומען זיך איינזאַמלען אונטער דעם קריסטלעכן צלם און זאָלן ווערן קריסטן.

אויף די יידן, וועלכע האָבן נישט געוואָלט פאָלגן, האָט ער אָנגערייצט זיין באַנדע, וואָס פלעגט אים באַגלייטן מיט שווערדן און מיט שפּיזן, און מ׳האָט זיי געהרגעט. די אַנדערע, וואָס האָבן זיך אים איבערגעענטפערט, מחמת מורא פאַרן טויט, האָט ער אָפּגעשמדט.

אַזוי האָט ער אַרומגעוואַנדערט כמעט איבער גאַנץ שפּאַניע, און אַריינגעטריבן אין שמד מער ווי פופצן טויזנט יידישע נפשות. מחמת דער דאָזיקער שרעק זיינען פיל פון מיינע קינדער אַנטלאָפן קיין בערבעריע. זיי האָבן מותר געווען אויף זייע-רע באַוועגלעכע און אומבאַוועגלעכע גיטער, און זיי איבערגעלאָזט, אַבי צו ראַטע-ווען די נשמה.

צווישן די וואָס האָבן פאַרלאָזט אונדזער ד׳ (6), אויס זאָרג פאַר זייערע גוף, זיינען געווען בעיקר די יידן פון אַראַגאָניע, וואַלענסאַ, מאַיאָרקאַ, באַרצעלאָנאַ, לערידאַ, סעוויליע און פיל אַנדערע שטעט. אָבער דער הונגער פון שונא איז נישט געוואָרן געשטילט מיט די אַלע קרבנות. כדי אויסצושפּרייטן זיין מאַכט איבער פרעמדע מדינות, האָט ער געוואָלט איבערגיין אויך קיין פּאָרטוגאַל, ווו עס האָבן זיך, אין יענער צייט, געפונען אַ גרויסע צאָל פון מיינע זין. דערויף האָט ער פריער געבעטן רשות, אָבער דער מלך דאָן דוארטע (7), וואָס האָט דאַן געהאַלטן די קיניג-רוט, האָט אים געענטפערט אַז ער מעג קומען, נאָר פריער דאַרף ער זיך לאָזן אָנטאָן אַ קרוין פון גליענדיקן אייזן אויפן קאָפּ. ווען דער פיינט האָט באַקומען אַזאַ שלעכטע ידיעה אין שייכות מיט דער אויספירונג פון זיינע בייזע פּלענער, האָט ער אויסגעדרייט דעם רוקן און זיך אומגעקערט.

היות ווי דער אומגליק פון דאָזיקן פּראַי ווינסענטע האָט זיך געצויגן במשך פון אַ לאַנגער צייט, זיינען פיל פון די, וואָס האָבן אויס מורא פאַרן טויט מיט וועלכן מען האָט זיי געדראָט, אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן, אַוועק אין אַנדערע לענדער, ווו זיי האָבן זיך ווידער אומגעקערט צו דער אמונה פון זייערע אבות. די מערסטע זיינען אַוועק אין די מורינישע לענדער; אַנדערע האָבן אויסגעוואַנדערט קיין פּאָרטוגאַל, און אין אַנדערע קריסטלעכע מדינות, ווו יידן האָבן געלעבט.

פאַר די איבערגעבליבענע איז אין שפּאַניע געשאַפן געוואָרן דער ביינאָמען "קאָנפעסאָס" (8), מיט וועלכן מ׳האָט אָנגערופן יענע וואָס האָבן זיך געשמדט און זיינען טאַקע געבליבן קריסטן.

קעגן יענע, וואָס נישט דער גוואַלד און נישט די טויטדראָונגען זיינען בכוח געווען זיי צו באַצווינגען, און וואָס זיינען דאָך פאַרבליבן אין שפּאַניע, האָט דער קיניג אַרויסגעגעבן כלערליי גזירות, צווישן וועלכע ס׳איז געווען איינע, וואָס האָט באַשטימט זיי זאָלן טראָגן אַ רויטן צייכן, כדי צו ווערן דערקענט. עס איז זיי אויך פאַרבאָטן געוואָרן זיך אָפּצוגעבן מיט פריערדיקע פּרנסות און אַפילו גיטער האָבן זיי נישט געטאָרט באַזיצן.

דער דאָזיקער אומגליק פון פּראַי ווינסענטע איז יענער, מיט וועלכן דו, ירמיהו, האָסט מיך געדראָט זאָגנדיק: איך וועל ברענגען אויף זיי אַ בייז פון וועלכן זיי וועלן נישט קענען אַנטלויפן; און עס וועט זיך נישט אומקערן צוריק גאָטס מעכטיקער צאָרן ביז ער וועט נישט ווערן אויסגעפירט (9). ווייל איך וועל אייך פאַרוואַרפן אין אַ לאַנד, ווו איר וועט (איבער גוואַלד) דינען אַנדערע געטער טאָג און נאַכט, און איך וועל זיך אויף אייך דאָרט נישט מרחם זיין (10). און זייער אַי-בערבלייב (וואָס וועלן נישט וועלן דינען) וועל איך מיט דער שווערד אומברענגען פאַר זייערע פיינט (דען אַזוי פאָדערן אייערע זינד) (11).

1) באַשיינפּערלעך אַ דרוקפעלער וואָס איך ווייס נישט צי שטאַמט ער פון אושקים ערשטער אויסגאַבע אָדער מען דאַרף אים צושרייבן דער אויסגאַבע פון מענדעס דאַס רעמעדיאַס; אין יעדן פאַל איז צו זען פון די ווייטערדיקע הערות, אַז עס מוז זיין 5150 (1390 נ"ק) און נישט 5850.

2) בענעדיקט XIII. געבוירן אין יאָר 1334 און געשטאָרבן אין 1424. דער פריערדיקער נאָמען פון דאָזיקן אַנטיפּויפּס איז, אגב, פּעדראָ דע לונאַ, און נישט ווי אושקי שרייבט אַלוואַראָ דע לונאַ.

3) אינאָצענץ דער זיבעטער, אויסגעוויילט אין יאָר 1404.

4) דאָ מיינט אושקי דעם פאַנאַטישן דאָמיניקאַנער מאָנאַך ווינסענטע פערער, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין שפּאַניע אין יאָר 1355 און געשטאָרבן אין בריטאַניע אין יאָר 1419.

מיט אַ צלם אין האַנט (און אויך מיט אַ ספר־תורה אויף די אָרעמס, לויט אושקין) פלעגט דער דאָזיקער פאַנאַטיקער, בראש אַ באַנדע גלחים, אַרומוואַנדערן פון אָרט צו אָרט, שלעפּן די אָנוסים אין די קלויסטערס אַריין און אַריינטרייבן פיל דערשראָקענע יידן אין שמד.

צו דעם דאָזיקן ווילדן מאָנאַך איז אין 1391 צוגעשטאַנען דער טרויעריק באַרימטער יידישער געלערנטער און תלמודיסט ר' שלמה הלוי פון בורגאָס (1351־1435), וועלכער האָט ווי אַ משומד באַקומען דעם נאָמען פּאָול דע סאַנטאַ מאַריאַ, און האָט גורם געווען גרויסע צרות זיינע אַמאָליקע גלויבן־ברידער. ער איז געווען צווישן יענע, וואָס האָבן אָנגערייצט דעם פּויפּס בענעדיקט XIII איינצואָרדענען אין טאָרטאָסאָ דעם וויכוח צווישן רבנים און גלחים, וועלכער האָט זיך געצויגן במשך אַ יאָר מיט ניין חדשים (פעברואַר 1413 — נאָוועמבער 1414) און האָט געדינט ווי אַן אויסרייד ביים צווינגען יידן צו אַ מאַסן־שמד.

5) דער דאָזיקער פּרט (אַז דער מאָנאַך פלעגט אויך טראָגן אַ ספר־תורה) איז אַ נייער. אויך טרעפט מען אין דער באַשרייבונג נאָך פּרטים, וואָס זיינען נישט פאַראַן אין אַנדערע באַקאַנטע מקורים. פון וואַנען זשע זאָל אושקי האָבן געשעפּט זיינע ידיעות וועגן דער דאָזיקער געשעעניש?

אין דער הקדמה זאָגט אושקי, אַז ער האָט „אַליין געזאַמלט נישט מיט קליינער מי, פון פאַרשידענע און אָנערקענטע מחברים און פון מער מאָדערנע געשיכטשריפטן אין וועלכע עס געפינען זיך אַלטע זכרונות, ווי עס איז צו זען ביי די ראַנדן פון די זייטלעך". ביי די ברעגן פון די זייטלעך זיינען טאַקע ווירקלעך אָנגעצייכנט די מקורים פון אַלע באַשרייבונגען, אָבער מיט ראשי־תיבות, אַזוי אַז נישט תמיד איז מעגלעך צו אַנטדעקן דעם מקור. די ראשי־תיבות .U. M, למשל, איז נאָך ביז היינט נישט געלונגען צו דעשיפרירן. ביי דער באַשרייבונג פון דעם דאָזיקן קאַפּיטל האָט אושקי אָנגעגעבן דעם מקור .L. Eb. גרעץ האָט געפּרוּווט דערוויזן אַז דאָס באַדייט: Livro Ebraico. עס זאָל זיך האַנדלען, הייסט עס, וועגן אַ העברעיִשן מאַנוסקריפּט, וואָס איז נאָך ביז היינט נישט אַנדעקט געוואָרן, אפשר דער „זכרון השמדות" אָדער „אגרת השמדות" פון רבי פּראָפיאַט דוראַן. (זע גרעצעס „דברי ימי ישראל, מתורגם מאת שפ"ר, חלק ו, ציון א). זע אויך קאַפּיטל 23, באַמערקונג 5.

6) אין אָריגינאַל ווערט גענוצט דאָס פּאָרטוגעזישע אות D.

7) לויט גרעצן קען זיך דאָ גיכער האַנדלען וועגן דאָן יאָהאַן דעם ערשטן איידער פון דאָן דואַרטע, ווייל דער לעצטער איז געוואָרן מלך אין יאָר 1433, שוין נאָכן טויט פון ווינסענטע פערער, וועלכער איז געשטאָרבן אין 1419 (זע גרעצעס דברי ימי ישראל, מתורגם מאת שפ"ר, חלק ו, 128). אָבער עס איז מעגלעך אַז דאָס זאָל נישט זיין אַ פּשוטער כראָנאָלאָגישער טעות, ווי גרעץ מיינט. די יידישע טראַדיציע קען האָבן פאַרקניפּט די דאָזיקע געשעעניש מיטן זון פון דאָן יאָהאַן דעם ערשטן, דאָן דואַרטע, ווייל ער איז געווען באַקאַנט ווי אַ יושרדיקער מאַן און ער

האט געהאט פאר א יועץ און הויף־אסטראלאג דעם יידישן רופא מייסטער נעדעליא (Mestre Guedelha), וועמענס פארויסזעונגען און ווארענונגען זיינען אבסאלוט מקוים געווארן, לויט ווי עס דערציילט דער אלטער פארטוגעזישער כראניקער רואי דע פינא. (זע: Ruy de Pina .Chronica do Senhor rei D. Duarte

8) Confessos, ד"ה: בעלי־תשובה. מע דארף דא פארשטיין: בעלי־תשובה לגבי דעם קריסטלעכן גלויבן (זע די ערשטע שורות פון קאפיטל 25).

9) ירמיהו ל' — כ"ד.

10) ירמיהו ט"ז — י"ג; די קלאמערן און די קליינע שינויים פון ביבלישן טעקסט זיינען אושקים.

11) ירמיהו ט"ז — ט'; די קלאמערן זיינען אושקים און שליסן איין זיינע אייגענע הוספות צום אריגינעלן טעקסט.

22. שפּאַניע, יאָר 5215 (1) לבה״ע

אין שפּאַניע האָב איך מיך אויף ס'ניי געזען אַריינגעטאָן אין אַ גרויסער צרה: אין דער שטאָט לאַדאָוויקאָ פון סאַלאַמאַנקאַ איז אין אַ חגא-טאָג אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירן אַ קליין יינגל, דער זון פון אַ פאַרמעגלעכן סוחר, אָנגעטאָן אין רייכע מלבושים און אין אַ גאַרטל מיט גאָלדענע באַפּוצונגען. אָבער צוויי גנבים, וואָס האָבן זיך אָפּגעשמועסט דאָס יינגל צו באַרויבן, האָבן אים פאַרנאַרט אויסער דער שטאָט און צוגענומען אַלע זיינע מלבושים. האָט דאָס יינגל זיך אומגעקערט וויי-נענדיק אין שטאָט אַריין, נאָר די גנבים האָבן מורא באַקומען אַז די זאַך וועט אַנט-פּלעקט ווערן, וואָרעם זיי אַליין האָבן געוווינט אין דער זעלבער שטאָט, זיינען זיי ווידער אַ מאָל נאָכגעלאָפן דעם יינגל, וועמען זיי האָבן געכאַפּט און געקעפּט און דערנאָך אים באַגראָבן אין אַ געהיים אָרט.

ווען מ'האָט דערזען אַז דאָס יינגל איז נישטאָ, האָט מען געמאַכט פיל אויס-פאָרשונגען און מען איז מוסר מודעה געווען אַז עס וועט באַלוינט ווערן דער וואָס וועט אים אַנטדעקן, אָדער וועגן אים ידיעות געבן.

שפּעטער מיט עטלעכע טעג האָט געטראָפן אַז עטלעכע פּאַסטעכער מיט זייע-רע טשערעדעס זיינען פאַרבייגעגאַנגען דאָס פּלאַץ פון מאָרד, און היות די וואַכהינט גייען תמיד און שפּירן, האָבן די דאָזיקע היטערס פון שאָף אָנגעטראָפן אויף דעם אָרט ווו ס'איז געלעגן דעם יינגלס קערפּער. האָבן זיי אויסגעגראָבן מיט זייערע לאַפּעס אַן אָרעם און געבראַכט דעם דאָזיקן אבר, גריזשענדיק, אין מויל, פאַר די פּאַסטעכער.

ווען די פּאַסטעכער האָבן עס דערזען, האָבן זיי גלייך אַרויסגעריסן דעם אבר אויסן מויל פון די הינט, און אים אַוועקגעטראָגן ווייזן אין שטאָט. און ווען דעם יינגלס פאָטער האָט זיך פון דעם דערוווּסט, איז ער, צוזאַמען מיט קרובים, פריינד און מיט דעם גרעסטן טייל איינוווינערס פון שטאָט, אַוועק אין פעלד אַריין כדי די פּאַסטעכער זאָלן אים ווייזן ווו דעם יינגלס אָרעם איז אויסגעגראָבן געוואָרן, ביז זיי האָבן געטראָפן דאָס אָרט ווו עס איז געלעגן דער איבעריקער טייל קערפּער. ווען דער פאָטער האָט דערקענט זיין קינד, האָט ער אויסגעבראָכן אין אַ גרויס גע-

וויין, און ער, צוזאמען מיט די קרובים, האט אנגעהויבן טראכטן ווער עס זאל האבן באגאנגען אזא אכזריות.

עס איז נישט צום גלייבן — האבן זיי געזאגט — אז א קריסט זאל עס האבן געטאן, ווייל דאס יינגל איז געווען אומשולדיק און קליין און ער האט קיינעם נישט געקאנט מבזה זיין; עס האט דעריבער געמוזט זיין עפעס א געפאנגענער מורין, אדער א ייד.

ווי נאר מ'האט דערמאנט יידן, האבן געוויסע שונאי-ישראל, וואס זיינען געווען אין דער מחנה, עס אנגענומען פאר אמת און דערציילט, אז אין פיל קריסט־לעכע מדינות, בעיקר אין דייטשלאנד, האבן יידן צוגעגנבעט קינדער כדי מקריב צו זיין זייער בלוט. זיינען אלע צוריקגעקומען אין שטאט אריין אויפגעקאכטע מיט דעם דאזיקן פאלשן בלבול, און די קלאנגען האבן אנגעהויבן גיין פון מויל צו מויל, אזוי לאנג ביז מ'האט אפילו געזאגט, אז די יידן האבן ארויסגעריסן דאס הארץ פון יינגל, עס אפגעבראטן און אויפגעגעסן בצבור.

די קלאנגען זיינען אזוי ווייט דערגאנגען, אז די קרובים פון דעם יינגל מיט אן אנדערער באנדע האבן שוין אנגעהויבן שלייפן זייערע שווערדן און באוועגן זייערע שפיזן מיט דער כוונה צו מאכן א שחיטה אויף מיין פלייש, ווען דער האר פון הימל זאל נישט געווען קומען צו הילף אין אזא עת-צרה, ווייל דער מלך האט באפוילן צו מאכן א שטרענגע חקירה וועגן דעם פאל, און מען האט אויס־געפונען דעם אמת דורך א גאלדשמיד, וועלכער האט געהאט געקויפט דעם יינגלס זאכן פון גאלד, וואס די גנבים האבן צוגערויבט.

די גרויסע פיין וואס האט געלויערט אויף מיר מיך אומצוברענגען האט דאן אויפגעהערט, נאך דעם ווי דער טויט איז מיר שוין געשטאנען פאר די אויגן.

זעט, א ברידער, ווי עס ווערן פארבלענדט די אויגן פון דער וועלט, בעת איך דארף באשטראפט ווערן מחמת מיינע זינד, וואס כאטש מיינע באשולדיקערס אליין ווייסן אז אין מיין תורה זיינען נישט פאראן קיין אכזריותדיקע געבאטן, זאגן זיי, אז איך וויל מקריב זיין מענטשן. זיי וואלטן געדארפט אין אכט נעמען אז אויף צו שחטן א הון זיינען ביי אונדז פאראן געבאטן צו טאן עס מיט רחמנות. ווי זשע קענען זיי אונדז באשולדיקן אין מקריב זיין מענטשלעכע נפשות — אזא פארבא־טענע און שענדלעכע זאך — צוליב ריטועלע צוועקן.

אבער וואס זאג איך? דאס געשעט מיר מחמת מיינע זינד און כדי עס זאל מקוים ווערן דורך אלע מעגלעכע דרכים די נבואה פון משה'ן, וועלכער האט גע־זאגט: גאט וועט אנשיקן אויף דיר א מהומה, פון וועגן דיינע שלעכטע מעשים (2).

1) אין דער אויסגאבע פון מענדעס דאכ רעמעדיאס שטייט 1215 בטעות: 5215 אנטשפרעכט דעם יאר 1455 נ"ק.

2) דברים כ"ח.

23. שפאַניע, יאָר 5216 (1) לבה"ע

און עס איז מיר געשען אין דער שטאָט סעגאָוויאַ בעת עס האָט געהערשט דער קיניג כואַן, דעמאָלט נאָך אַ קליין יינגל, וואָס האָט געהאַט פאַר אַן אַפּיטראָפּסית זיין מוטער קאַטאַלינאַ, די קיניגין פון קאַסטיליע; אין הויף זיינען דאַן זייער גע־שטיגן עטלעכע יידן, און דעריבער האָבן די איינוווינערס פון שטאָט געקוקט שלעכט אויף זיי, ווי אויך אויף אַלע אַנדערע יידן, און געזוכט אַלע מיטלען זיי צו דער־נידעריקן.

עס האָט נישט געדויערט פיל זיי זאָלן אויספירן זייער בייזע כוונה, ווייל אַ גייסטלעכער איז געקומען עדות זאָגן קעגן די יידן, אַז ער האָט זיי געזען צוגנבענען אַ האָסטיע (2), וואָס זיי האָבן גענומען אַהיים און זי אַריינגעלייגט אין אַ קעסל זודיק וואַסער. און ער האָט נאָך עדות געזאָגט, אַז גייענדיק זוכן די האָסטיע, לויט די סימנים וואָס ער האָט באַקומען פון איינעם וואָס האָט געזען דעם יידן (3) אַרויסגיין פון קלויסטער, איז ער אַריין צום יידן אין שטוב און דאָרט געזען ווי דאָס גאַנצע וואַסער פון קעסל האָט זיך פאַרוואַנדלט אין בלוט.

דער המון האָט קיין סך נישט געדאַרפט האָבן כדי צו גלייבן אין דעם פאַלשן עדות־זאָגן און זיי האָבן אַרעסטירט אין דער שטאָט פיל יידן, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען אויך דאָן מאיר (4), דער לייב־רופא פון מלך דאָן ענריקע. צו־זאַמען מיט אַנדערע פאַרמשפּטע חשובים האָט מען געהרגעט אויך ר' מאירן און זייערע גופים זיינען געשלעפּט געוואָרן און צעריסן געוואָרן אויף שטיקלעך. דער־נאָך האָט מען נאָך פאַרוואַנדלט זייערע שולן אין קלויסטערס.

אַלע איבעריקע יידן וואָלטן געהאַט אויסצושטיין נאָך גרעסערע צרות ווען פון הימל זאָל מען זיך נישט געווען דערבאַרעמען און עס זאָל נישט געווען אויפגעדעקט וערן די פאַלשקייט, אָבער שוין נאָך דעם וואָס מען האָט דעם גרויזאַמען פּסק־דין געהאַט אויסגעפירט אויף מיינע אומשולדיקע זין (5).

אין דעם זעלבן אָרט איז נאָך געשען, אַז אַ געוויסער מאַן האָט באַשלאָסן צו דערמאָרדן דעם בישאָף, מחמת אַן אַלטן סיכסוך וואָס ער האָט מיט אים געהאַט. און כדי אויסצופירן די נקמה אַזוי אַז אויף אים זאָל נישט פאַלן קיין חשד, האָט ער

געגעבן אַ גרויסן שוחד דעם בישאָפּס קוכער און אים געהייסן פאַרסמען זיין האַר. צוליב דעם גרויסן לוין איז שוין דער קוכער געווען אַנטשלאָסן עס צו טאָן און שוין אפילו געהאַט צוגעגרייט דעם סם, אָבער ווי געהיים עס איז צוגעגאַנגען די זאַך, האָט מען דאָך אַנטדעקט דעם סם.

דער קוכער איז גלייך אַרעסטירט געוואָרן און מ'האָט אים געפּייניקט ער זאָל מודה זיין ווער עס האָט אים באַפוילן דאָס צו טאָן, אים צוזאָגנדיק צו לאָזן לעבן אויב ער וועט אויסזאָגן. אָבער ער האָט איבערגעטראָגן אַלע פּייניקונגען און נישט געוואָלט אויסזאָגן, ביז דער אמתער רוצח האָט אים באַפוילן ער זאָל באַשולדיקן די יידן און זאָגן אַז זיי האָבן אים געגעבן אַ גרויסע סומע געלט כדי ער זאָל עס טאָן, מחמת דער שנאה וואָס זיי טראָגן אויפן בישאָף ווייל ער איז קריסטטוסעס אַ דינער.

דער שלעכטער קוכער האָט אַזוי עדות געזאָגט. האָט מען אים דערפאַר גע־שענקט דאָס לעבן, אָבער ביי אַ גרויסער צאָל אומגליקלעכע יידן האָט מען עס צו־גענומען מיט דער שווערד, און די איבעריקע זיינען אַנטלאָפן פון דער שטאָט, אי־בערלאָזנדיק אַלע זייערע אומבאַוועגלעכע גיטער און אפילו אַ גרויסן טייל פון די באַוועגלעכע, בדי צו ראַטעווען דעם נפש.

עס זיינען מיר נישט באַקומען די פאַרמעגנס וואָס כ'האָב אין יענער צייט גע־האַט דערגרייכט, כדי עס זאָלן מקוים ווערן די נביאישע ווערטער פון ירמיהו, וועלכער האָט געזאָגט: איך וועל אייך באַשטראָפן לויט דער פרוכט פון אייערע גע̇דאַנ־קען (6); און אויך די ווערטער פון עמוסן: אַז זיי וועלן גיין פאַר זייערע פיינט אין געפאַנגענשאַפט, וועל איך אהין שיקן אַ שווערד, וואָס זאָל זיי הרגענען און איך וועל טאָן אויף זיי מיין אויג צו טאָן בייז און נישט גוטס (7). דיין גאַנצע מי וועט אויפעסן אַ (פרעמד) פאָלק (8).

---

1) 5216 ליצירה איז 1456 אין דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג. אין דעם דאָזיקן יאָר האָבן נאָך דער מלך כואַן און די מלכה קאַטאַלינאַ נישט געלעבט. דער טעות שטאַמט פון אַל־פאָנסאַ דע ספּינאָס Fortalium Fidei, וואָס האָט געדינט אושקין פאַר אַ מקור צו באַשרייבן דעם עפּיזאָד. (זע גרעצס דברי ימי ישראל, מתורגם מאת שפ"ר, חלק ששי, 89.)

2) זע קאַפּיטל 2, באַמערקונג 3.

3) דאָס הייסט דעם יידן וואָס האָט כלומרשט צוגעגנבעט די האָסטיע.

4) דאָן מאיר אַלגואַדים (אַלואַדים און אויך אַלגואַדעז) איז געווען דער לייב־רופא פון קאַסטילישן מלך ענריקע III, און רב־הראשי איבער אַלע קהילות פון קאַסטיליע. ער האָט איבער־געזעצט פון לאַטיין אַריסטוס „ספר המידות".

אושקים ווערסיע וועגן דאָן מאירס טויט איז גענומען פון אַלפאַנסאַ דע ספּינאָס בוך Fortalitium Fidei. לויט אַנדערע אַלטע שפּאַנישע כראָניקערס איז רבי מאירס טויט פאַר־בונדן מיט דעם חשד, וואָס איז אויף אים געפאַלן, ער זאָל האָבן פאַרסמט דעם קיניג דאָן ענריקע (זע אין "Historia Social, Política y Religiosa de los Judíos de España y Portugal" de José Amador de los Ríos, באַנד I, זייט 651).

5) גרעץ שרייבט אַז ער ווייסט נישט פון וואַנעט האָט אושקי גענומען די ידיעה, אַז ס'איז אויפגעדעקט געווארן די אומשולד פון די פאַרמשפּטע. אפשר פון דעם „זכרון השמדות", וועגן וועלכן עס זיינען צו אונדז דערגאַנגען נאָר ידיעות דורך דאָן יצחק אברבנאל אין זיין ספר „ישועות משיחו" (חלק שני, פרק ב'), און וואָס זיין מחבר איז דער אפודי (פּראָפיאַט דוראַן). זע גרעצ. דברי ימי ישראל, מתורגם מאת שפ"ר, חלק ששי, 99, און חלק ששי, ציון א'; זע אויך דאָס פריערדיקע קאַפּיטל 21, באַמערקונג 5.

6) ירמיהו כ"א — י"ד.

7) עמוס ט' — ד'.

8) דברים כ"ח.

24. שפּאַניע, יאָר 5248 (1) לבה״ע

און איך האָב געזען ווי אין גראַנאַדאַ און אַרום איר האָבן געלעבט בשלווה און אין ווויל זיין טויזנט פינף הונדערט יידישע משפחות; איז פּלוצעם איינגעפאַלן די קריסטן, אַז די דאָזיקע משפחות זאָלן אויסבייטן משהס תורה אויף דער קריסטלע־כער אמונה, אָדער פאַרטיליקט ווערן. נאָר כאָטש די שטראָף מיט וועלכער מ׳האָט געדראָט מיינע קינדער איז געווען אַ שרעקלעכע, האָבן זיי ליבערשט אויסגעוויילט מקריב צו זיין די גופים איידער די נשמות.

ווען די קריסטן האָבן געזען די יידישע אַנטשלאָסנקייט, האָבן זיי דעם ניינטן טבת (2) אויסגעהרגעט מיט דער שווערד אַלע טויזנט פינף הונדערט משפחות. נישט דערבאַרעמט זיך אפילו אויף די קינדער, וואָס זיינען געווען צוגעשמידט צו די אָרעמס פון זייערע אומגליקלעכע מוטערס און נישט געוואָרן גערירט פון די גע־שרייען פון צאַרטע בתולות, פון די זקנים, בחורים און קינדער פון אַלע עלטערס, וואָס האָבן ביים אַלמעכטיקן געפאָדערט נקמה פאַר אַזאַ גרויזאַמקייט.

צווישן די קרבנות איז אויך אומגעקומען דער באַרימטער און גרויסער חכם, דער רב ר׳ יוסף לוי (3). דער זעלבער טאָג (דער ניינטער טבת) איז שוין פון אַ לאַנגער צייט צוריק געווען באַשטימט פאַר אַ תענית. מען פלעגט אים פאַסטן אָן דעם מ׳זאָל וויסן די סיבה. ווייזט אויס, אַז ברוח הקודש האָבן זיי (4) פאָרויסגעזען אַז אַ גרויסער בראָך וועט אין אים טרעפן. אָבער מעכטיקער (5) איז געווען די נבואה פון ירמיהון: אויב אפילו זיי זאָלן פאַסטן וועל איך נישט הערן זייער געשריי, און אויב אפילו זיי זאָלן קרבנות ברענגען, באַוויליק איך זיי נישט, נאָר מיט דער שווערד וועל איך זיי פאַרלענדן (6).

---

1) די געשעעניש וואָס ווערט דאָ באַשריבן איז פאָרגעקומען דעם ניינטן טבת 4824 לבה״ע (יאָר 1064). אושקי האָט, הייסט עס, געמאַכט אַ כראָנאָלאָגישן טעות אין גאַנצע 424 יאָר. אין זיין שפּאַנישן ספר Nomología o Discursos Legales, compuestos por el virtuoso Haham Rabi Immanuel Aboab de Buena Memoria (קאַפּיטל XXIV, זייט 272) איז עמנואל אבוהב מתקן דעם דאָזיקן טעות. ער שטיצט זיך דערביי אויפן ס פ ר ה ק ב ל ה פונעם ראב״ד (וועמען אושקי ציטירט אגב און דעריבער איז נאָך וויכטיקער צו

בארשטיין דעם טעות. זע ווייטער באמערקונג 3.), אויפן ספר היוחסין פון אברהם זכותא, אויפן שלשלת הקבלה פון גדליה אבן יחיא און אויפן שבט יהודה פון יהודה אבן ווירגא. (לויט עמנואל אבוהב איז דער מחבר פון שבט יהודה נים שלמה אבן ווירגא, נאר יהודה).

אבוהב באמערקט נאך, מיט רעכט, אז אפילו ווען די ריכטיקע צייט זאל זיין 5248 (1488 נ"ק), האט די געשעעניש זיך נישט געקאנט אפשפילן אין דער תקופה פון קריסטלעכער הערשאפט, ווי אושקי שרייבט, נאר אין דער צייט פון די מורינען, באשר עס איז באוווסט אז די קריסטן האבן אנגעהויבן הערשן אין גראנאדא ערשט אין יאר 1492 (5252 לבה"ע). זע Nomología o Discursos Legales. איך האב באנוצט אן עקזעמפלאר פון דער ערשטער אויסגאבע פון דאזיקן בוך (1629), וואס געפינט זיך אין דער נאציאנאלער ביבליאטעק פון ריא־דע־זשאניירא. עס איז אבער אויך פאראן א צווייטע אויסגאבע (ארויסגעגעבן אין אמסטערדאם אין יאר 1727), וואס איך האב זי נישט געזען.

עס איז נאך כדאי צו באמערקן אז יצחק קארדאסא אין זיין שפאנישן ספר Las Excelencias de los Hebreos (אמסטערדאם 1679) שרייבט אז דער טויט פון יוסף הלוי איז פארגעקומען „אין גראנאדא, אין יאר 5243" (מסתמא דארף זיין 5248). קארדאסא האט געהאט פאר זיך סיי אושקיס ספר, סיי אבוהבס „נאמאלאגיע", ווייל ער ציטירט די דאזיקע ביידע ספרים. עס איז דעריבער צום שטוינען פאר וואס ער האט נישט מתקן געווען אושקיס כראנאלאגישן טעות.

2) אושקי באמערקט ביים ברעג זייטל: „דער חודש דעצעמבער".

3) דא ווערט געמיינט ר' יוסף הלוי, דער זון פון באקאנטן תלמודיסט, מדקדק און שטאטסמאן ר' שמואל הנגיד. פאטער און זון האבן פארנומען וויכטיקע הויפאמטן ביים קאליף פון גראנאדא.

ביים ראנד פון דער שורה, וווּ עס ווערט דערמאנט ר' יוסף הלוי, באמערקט אושקי: „ר' אברהם לוי אין ספר־הקבלה". ער גיט אן ווי א מקור — הייסט עס — פון וואנען ער האט געשעפט זיינע ידיעות וועגן דער דאזיקער געשעעניש דעם ספר־הקבלה פון ראב"ד הראשון. זע נאך אויבן, באמערקונג 1.

4) די רבנים, וואס האבן איינגעפירט דעם תענית און נישט דערקלערט די סיבה.

5) דאס הייסט: מעכטיקער פון דעם תענית און פון די תפילות.

6) ירמיהו י"ד — י"ב.

25. די אינקוויזיציע אין שפּאַניע,
יאָר 5251 (1) לבה״ע

און יענע, אין שפּאַניע, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פונעם מאַנאַך וויסענ־טע (2) און וואָס מ'פלעגט זיי רופן בעלי־תשובה (3), זיינען אזוי געשטיגן אין דער דאַזיקער מלוכה, אז זיי זיינען פאררעכנט געוואָרן צווישן דעם העכסטן אדל פון לאַנד און האָבן זיך, דערום, משדך געווען מיט די פּריווילעגירטסטע שיכטן. זיי האָבן באַקומען הויכע און וויכטיקע אַמטן אין קיניגלעכן הויף און זיינען באַשאַנ־קען געוואָרן מיט די טיטלען פון גראַפן, מאַרקיזן, בישאָפן און אנדערע ערן־נעמען, וואָס די וועלט איז זיך נוהג צו געבן די אַלע וואָס גייען איר נאָך. די איבעריקע, וואָס זיינען נאָך געבליבן יידן, פלעגן בסוד באַקומען הילף פון די דאָזיקע און זיינען אויך געוואָרן חשוב און רייך.

דאָס האָט אזוי געדויערט ביז די טעג פון דעם קיניג דאָן פערנאַנדאָ און קי־ניגן דאָניאַ איזאַבעל, זיין פרוי. אָבער אזוי ווי מיין גליק איז תמיד געגליכן צו א בלום וואָס מ'האָט אָפּגעריסן פון איר שורש און וואָס ווערט תיכף טרוקן און פארוועלקט, איז אויך דאָס דאָזיקע גליק מיינס פארשוווּנדן. ווייל די שונאים פון מיין וווילזיין האָבן געטראָפן ביי דעם קיניג, און פיל מער ביי דער קיניגין, א נייג־גונג זיי (4) צו פאַרפאָלגן, און האָבן אָנגעהויבן צורעדן דאָס קיניגלעכע פּאָר אומ־צוברענגען די אָפּגעשמדטע. קיין סך צייט אויף אָנצורעדן האָט מען נישט געדאַרפט ווייל דאָס דאָזיקע קיניגלעכע פּאָר איז שוין בטבע, ווייזט אויס, געווען דער גרעס־טער שונא וואָס יידן האָבן ווען עס איז געהאַט אויף דער וועלט.

און כדי אויסצופירן זייער ווילן קעגן די וואָס זיינען געווען באַהאַלטן אונטערן לבוש פון בעלי־תשובה זיך פילנדיק רואיק, זיכער און געשיצט, ווי קריסטן, אונטער דער קריסטלעכער אמונה, האָבן זיי מיט דער מאַכט, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, גע־לאָזט אראָפּברענגען פון רוים (5) א ווילדן מאָנסטער (6) מיט אזא משונהדיק גע־שטאַלט און מוראדיקן אויסזען, אז נאָר הערנדיק וועגן אים האָט גאַנץ אייראָפּע געציטערט.

זיין קערפּער איז פון הארטן אייזן מיט טויט־ברענגענדיקן סם געקנאָטן, און

מיט אַ פעסטן רוקן־פאַנצער פון שטאָלענע שופּן באַדעקט; טויזנט פליגל מיט שוואַרצגיפטיקע פעדערן הייבן אים אויף פון דער ערד, און טויזנט שאָדן־ברענגענ־דיקע און פאַרדאַרבנדיקע לאַפּעס באַוועגן אים אויף איר. האַלב פון זיין געשטאַלט איז פון אַ שרעקלעכן לייב, און די אַנדערע העלפט האָט דעם ווילדן אויסזען פון די שלענג אין אַפריקאַנער מדבריות. די גרייס פון זיינע ציינער קאָן צו די ציין פון די מעכטיקסטע העלפאַנטן געגליכן ווערן, און זיין קוויטש אָדער שטימע טייט גיכער ווי דער גיפטיקער באַזיליסק (7). אויס זיין מויל און אויגן רייסן זיך אָן אויפהערער פלאַמעדיקע צינגער פון פאַרצערנדיקן פייער. די פּאַשע פון וועלכער ער שפּייזט זיך איז מיט מענטשלעכע גופים צוזאַמענגעקנאָטן. דעם אָדלער שטייגט ער איבער אין גיכקייט פון פלי, אָבער ווי נאָר ער שוועבט דורך, מאַכט ער פינצטער מיט זיין אומעטיקן שאָטן, ווי ליכטיק די זון זאָל אין יענעם טאָג נישט שיינען. און הינטער זיך לאָזט ער אַ פינצטערניש, וואָס איז געגליכן צו דעם חושך מיט וועלכן די מצרים זיינען באַשטראָפט געוואָרן. און נאָך דעם ווי ער הייבט אויף זיינע פליגל, ווערט פאַרדאַרט און פאַרוועלקט דאָס גרינע גראָז אויף וועלכן ער האָט געטראָטן און דער בליענדיקער בוים אויף וועלכן ער האָט זיין לאַפּע געשטעלט, ווייל אָפּרייסן פון זייער וואָרצל האָט ער זיי אָפּגעריסן מיט זיין צעשטערנדיקן שנאָבל. יעדע געגנט וווּ ער שוועבט פאַרביי לאָזט ער איבער אַזוי פאַרגיפטיקט און וויסט, אַז זי קאָן צו די ווילדע מדבריות פון סיריע געגליכן ווערן, וווּ עס שפּראָצט נישט קיין געוויקס און עס וואַקסט נישט קיין גראָז.

און דער דאָזיקער מאָנסטער איז געקומען אומעטום וווּ עס האָבן געלעבט מיינע קינדער ווי פאַרשטעלטע קריסטן, און מיטן פייער פון זיינע אויגן האָט ער אַ גרויסע צאָל פון זיי פאַרברענט, אָנפילנדיק דאָס לאַנד מיט יתומים און אלמנות.

מיט זיין מויל און פעסטע ציינער האָט ער זייערע רייכטימער און גאָלד צע־שטיקלט און איינגעשלונגען; מיט זיינע שווערע גיפטיקע לאַפּעס האָט ער זייער גרויסקייט און באַרימטקייט צעטראָטן; מיט זיין שרעקעדיקן, דעפאָרמירטן אויסזען האָט ער די פאַרב פון זייערע פּנימער געמאַכט פאַרשווינדן און ווען ער איז אַוועק, האָט ער זייערע הערצער און נשמות מיטן שאָטן פון זיינע פליגל פאַרפינצטערט.

נאָך איצט (8) פּייניקט ער די אָפּגעריסענע גלידער פון מיין קערפּער, וואָס זיינען אין שפּאַניע פאַרבליבן; עס העלפט זיי נישט דאָס אויסגעבן זיך ווי קריסטן צו ראַטעווען דאָס לעבן.

און כאָטש פון מיין רעה ווענן, וועל איך אייך נאָך דערציילן אַן אמת: אויסער די שונאים, פלעגן זיך אין יענער צייט אויך געפינען אַזעלכע, וואָס האָבן זייערע אייגענע ברידער אין די הענט פון דאָזיקן גרויזאַמען מאָנסטער איבערגעגעבן. ס׳רוב פלעגן זיי מיט אָרעמקייט באַפאַרבן זייער רשעות. זיי פלעגן אַריינגיין אין הויז פון אַ רייכן אנוס און דערציילנדיק אים וועגן זייער נויט, בעטן ביי אים אַ הלוואה פון

פופציק אָדער הונדערט דוקאַטן. ווי באַלד ער האָט זיי אָפּגעזאָגט, פּלעגן זיי אוועק פון דאָרט און אים באַשולדיקן, אַז ער האָט צוזאַמען מיט זיי געפּראַוועט יידישע צערעמאָניעס.

פיר יאָר (9) האָט געדויערט דער גרויסער אומגליק, ווייל דאָס קיניגלעכע פּאָר, וואָס איז געווען אַנטשלאָסן אויסוואָרצלען און באַזייטיקן די יידישע אָפּגעשמדטע, האָט פאַרטריבן פון זיינע מלוכות אַלע יענע וועמען דער צאָרן פון מאַנאַך וויסענטע האָט נישט דערגרייכט און אויך יענע וואָס זייער פעסטקייט האָט זיי אויפגעהאַלטן ביי משהם געזעץ. סיי די, סיי יענע האָבן אומגעוואַנדערט איבער פיל און פאַרשיידענע מקומות און זיי האָבן זיך, מיט גרוים מי און פיין, צעשפּרייט אין פּאָרטוגאַל, אין די מורינען־מלוכות, אין נעאַפּאָל און אין פאַרשידענע איירָאָפּעישע מדינות.

מקוים זיינען געוואָרן, אָ גאָט, פיל פון די שטראָפן וואָס האָסט קעגן מיר, זורכן מויל פון דיינע נביאים אַרויסגעגעבן. וועגן דעם דאָזיקן מאַנסטער, און אויך וועגן דעם מאַנסטער פון פּאָרטוגאַל, האָט ירמיהו נעזאָגט: איך וועל אָנשיקן אויף אייך שלענג, באַזיליסקן וואָס מ׳וועט זיי נישט קענען באַשווערן, און זיי וועלן אייך בייסן (10) (אַ בים וואָס קאָן נישט געהיילט ווערן, ווייל אַזוי אַרום וועל איך מאַכן אַז) (11) דאָס וואָס גייט אויף אין אייער האַרץ זאָל בשום אופן נישט מקוים ווערן; ווען איר וועט זאָגן: לאָמיר זיין ווי די פעלקער, ווי די משפחות פון די אומות צו דינען האָלץ און שטיין, אַזוי ווי איך לעב, זאָגט דער האַר, אַז מיט אַ פעסטער האַנט, מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם און מיט אויסגעגאָסענעם גרימצאָרן, וועל איך קיניגן איבער אייך (12). און עס וועט (דאַן) פאַרוואַנדלט ווערן דאָס גרויסע (און געשעצטע רייכטום אייערס אויף וועלכן איר לייגט אייער גאַנצע האָפענונג) אין פלאַקס, און דער וואָס האָט זיך עס איינגעקויפט — אין אַ פונק, און ביידע צוזאַמען וועלן ברענען, און עס וועט נישט זיין ווער עס זאָל לעשן (13) (ווייל) די וואָס קערן זיך אָפּ פון מיר וועלן אין דער ערד פאַרשריבן ווערן, דען זיי האָבן פאַרלאָזט גאָט, דעם קוואַל פון לעבעדיקן וואַסער (14); און אין דער צייט פון זייערע נויטן וועלן זיי זאָגן (צו מיר) שטיי אויף און זיי אונדז אַ שוץ (אָבער איך וועל זיי ענטפערן:) ווו זיינען (איצט) דיינע געטער צו וועלכע האָסט געדינט? זאָלן זיי אויפשטיין און דיר זיין אַ שוץ אין דער צייט פון דיין נויט (15).

---

1) יאָר 1491 נ״ק. די דאָזיקע צאָל באַצייכנט נישט דאָס יאָר ווען די אינקוויזיציע איז איינגעפירט געוואָרן אין שפּאַניע, ווי עס קאָן זיך דוכטן בעת מ׳לייענט דעם טיטל. עס איז, ווייזט אויס, אַן אומבאַשטימטע יאָרנצאָל, וועלכע איז נישט פאַרבונדן מיט אַ ספּעציעלער געשעעניש פון יענער תקופה.

עס איז נאָך כדאי צו באַמערקן, אַז ביז דעם קאַפּיטל 25, זיינען אומעטום אָנגעגעבן די מקורים פון וואַנען די באַטרעפנדיקע ידיעות זיינען געשעפּט געוואָרן. אָבער פון דעם קאַפּיטל 25 און ווייטער איז שוין מער קיין שום מקור נישט אָנגעגעבן. דערפון דרינגט מען, אַז שמואל אושקי

באַשרייבט אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלער געשעענישן פֿון זיין דור, און וואָס ער אַליין איז ביינעוועזן, אדער ער האָט געהערט פֿון אַנדערע.

2) וועגן דעם מאַנאַך וויסענטע זע באַמערקונג 4 פֿון קאַפּיטל 21.

3) זע באַמערקונג 8 פֿון קאַפּיטל 21.

4) דאָס הייסט: די אַפּגעשמדטע.

5) אושקי מיינט דערמיט צו זאָגן: אַז פֿערנאַנדאָ און איזאַבעל האָבן אויסגעפֿועלט ביים פּויפּסט, אין רוים, אַ דערלויבעניש צו גרינדן דעם אינקוויזיציע־טריבונאַל אין שפּאַניע.

6) אַזוי רופֿט אושקי אָן די אינקוויזיציע, וואָס ווערט באַשריבן אין די ווייטערדיקע שורות, אין מליצה־סטיל. אושקי באַמערקט, אגב, ביים ברעג פֿון זייטל: „די אינקוויזיציע, 5248", דאָס הייסט: 1488 נ"ק, דאָס יאָר ווען דער אינקוויזיציע־טריבונאַל איז געגרינדעט געוואָרן אין שפּאַניע.

7) אַזאַ לעגענדאַרער עקדיש וואָס זאָל האָבן די קראַפט צו טייטן מיטן הוילן בליק.

8) אַ באַווייז אַז די שורות זיינען געשריבן געוואָרן בעת די אינקוויזיציע האָט געווילדעוועט אין שפּאַניע.

9) אושקי באַמערקט ביים ברעג פֿון זייטל: „דער גירוש אין יאָר 5252" (יאָר 1492 נ"ק). די „פֿיר יאָר" זיינען, הייסט עס, פֿון 1488, ווען דער אינקוויזיציע־טריבונאַל איז געגרינדעט געוואָרן, ביז 1492, דאָס יאָר פֿון גירוש.

10) ירמיהו ח' — י"ז.

11) די קלאַמערן זיינען מיינע און שליסן איין אושקיס אַ הוספה, וואָס בינדט צוויי פּסוקים.

12) יחזקאל כ' — ל"ב, ל"ג.

13) ישעיהו א' — ל"א׳ די קלאַמערן זיינען אושקיס און שליסן איין זיינע אייגענע הוספות, וועלכע גיבן אַ נייע אויסטייטשונג דעם ביבלישן טעקסט.

14) ירמיהו י"ז — י"ג.

15) ירמיהו ב' — כ"ז, כ"ח.

26. יאָר 5252 (1) לבה"ע, ווען די יידן פון קאַסטיליע זיינען אַריינגעקומען אין פּאָרטוגאַל

און פון די וואָס מ'האָט אַרויסגעטריבן פון יענער מלוכה (2), ווייל זיי זיינען געבליבן פעסט ביי דער יידישער אמונה, איז דער גרעסטער טייל (3) אַריינגעקומען אין פּאָרטוגאַל. זעקס הונדערט משפחות האָבן אָפּגעמאַכט מיט דאָן יאָהאַן דעם צווייטן אים צו געבן צוויי קרוזאַטן (4) פאַר יעדן נפש זייעריקן (5), וואָס וועט אין זיין מלוכה אַריינקומען, און ער האָט מבטיח געווען זיי לאָזן לעבן לויט זייער דת און צו ליפערן שיפן פאַר יענע, וואָס וועלן באַשליסן אָוועקצופאָרן.

און ווי נאָר די דאָזיקע פּאַריאַגטע יידן זיינען אַריינגעקומען אין פּאָרטוגאַל האָט שוין דאָרטן אויף זיי געוואַרט אַן עפּידעמיע, ווי אַן אָנזאָג פון דעם אומגליק, וואָס האָט מיט זיי שפּעטער געדאַרפט פּאַסירן, און פיל פון זיי זיינען אומגעקומען אין איינעם מיט קריסטן.

עטלעכע טעג נאָכן אָנקומען האָבן טייל פון זיי באַשלאָסן זיך אָוועקצולאָזן קיין אפריקע און טערקיי, ווייל זיי האָבן זיך גיכער געשראָקן פאַר די גרויזאַמע רדיפות וואָס זיי וועלן שפּעטער האָבן אויסצושטיין פון קריסטן, איידער פאַר די שטענדיקע אונטערדריקונגען פון די מורינען. דערום האָבן זיי געבעטן ביים קיניג ער זאָל זיי פאַרזאָרגן זיכערע שיפן לויט ווי ער האָט זיך מתחייב געווען אין זיין הבטחה. אָבער אַ בייזע מחשבה איז ביי אים געבוירן געוואָרן, און ער האָט זיי אויפגעהאַלטן מיט רייד: נישט געגעבן און אויך נישט אָפּגעזאָגט.

און נאָך דעם ווי זיי האָבן אים זייער פיל געבעטן, האָט ער זיי געגעבן, אָבער אויף אַזאַ אופן ווי מיינע זינד האָבן עס פאַרדינט און ווי מען האָט קענען מיר גע-האָט נביאות געזאָגט, ווייל די אומגליקלעכע יידן האָבן געמיינט, אַז מ'האָט זיי אי-בערגעגעבן אין די זיכערע הענט פון פריינד, אָבער ווען זיי זיינען אַרויף אויף די שיפן, האָבן זיי געזען אַז מ'האָט זיי אָפּגענאַרט. אין מיטן ים, וווּ זייערע געשרייען און גוואַלדן האָבן קיינעמס האַרץ נישט געקאָנט רירן, האָט מען געבונדן זייערע הענט און פיס, און די פרויען האָט מען באַצווונגען פאַר זייערע אויגן, און דאָס לעצטע מלבוש פון זיי אַראָפּגעריסן.

אַ גאַט, אויב שוין זיי זיינען אַנטלאָפן מחמת בושה פאַר מענטשן, פון ווען

דאָן יאָהאַן דער צווייטער

(לויט אַ גראַווייר פון 18טן י"ה)

דער פּאָרטוגעזישער מלך וואָס האָט מבטיח געווען די שפּאַנישע מגור־שים, פון זיין מדינה, זיי צו לאָזן לעבן לויט זייער דת, און האָט זיי שפּעטער איבערגעענטפערט אין די הענט פון ים־רויבער און געשליידערט זייערע קינדער צו די עקדישן.

אַזאַ גרויסער בגידה, איז כאָטש אונדזער טרייסט אַז דו ביסט געווען דער עדות פֿון וועמען זיי האָבן אַנטלױפֿן און באַהאַלטן זיך נישט געקענט, און פֿון וואַנען מיר דערוואַרטן אַ ישועה אין אַלע אונדזערע אומגליקן.

נאָך דער דאָזיקער גרויזאַמער באַהאַנדלונג האָבן זיי פּאַרגיטיקט (6) זייער רשעות דערמיט וואָס זיי האָבן צוגעפֿירט די קרבנות צו די וויסטסטע ברעגן פֿון אַפֿריקע און זיי דאָרטן אָוועקגעשליידערט, ווי פּאַרפּעסטיקטע, אָן דער מינדסטער מענטשלעכער הילף. איר וואָלט דאָרט געקענט זען ווי קינדערלעך בעטן ברויט און ווי מוטערס ווענדן זייערע אויגן צום הימל נאָך הילף. אַנדערע האָבן געגראָבן זייערע אייגענע קברים, געשטויסן פֿון הונגער, יאוש און נויט.

און ווען זיי זיינען שוין געווען אין די לעצטע מינוטן פֿון זייער לעבן, האָבן זיי פּלוצעם דערזען ווי עס דערנענטערט זיך אַ גרויסע מחנה מורינען זיי צו פֿאַנגען, באַשר זיי זיינען אַריינגעקומען אין לאַנד אָן דאָקומענטן און אָן אַ דערלויבעניש. אָבער כאָטש מ'האָט זיי פֿיל געפּייניקט בעתן פֿאַנגען, האָבן זיי נאָך אַלץ באַטראַכט די דאָזיקע געפֿאַנגענשאַפֿט ווי אַ גרויסע ישועה פֿון הימל, אין פֿאַרגלייך מיט דער גרויסער צרה אין וועלכער זיי האָבן זיך געפֿונען. ווי באַלד נאָר זיי זיינען אַריינגעקומען אין שטאָט, האָבן זייערע ברידער, וואָס האָבן דאָרט געלעבט, זיי אויסגע־לייזט און באַפֿרייט, און זיי געגעבן שטיצע אין זייער נויט.

פֿיל פֿון מיינע קינדער האָבן געוואָלט אויסוואַנדערן פֿון פּאָרטוגאַל, ווייל זיי האָבן גיכער געוואָלט זיין אין גלות ביי די מורינען איידער ביי די קריסטן; אָבער ווען די טרויעריקע ידיעה האָט זיי דערגרייכט, זיינען זיי געבליבן דערשראָקן פֿון דעם מוראדיקן פֿאַל, און האָבן מער נישט געוואָגט בעטן אַ דערלויבעניש צו פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד.

ווי איז צו מיר, אָרעמער, וואָס די אומגליקן מיט וועלכע איר, ירמיהו און משה, האָט מיך געוואָרנט זיינען דאָ מקוים געוואָרן: איך וועל אָנזאַמלען אויף זיי אומגליקן, מיינע פֿיילן וועל איך פֿאַרברויכן אויף זיי, פֿאַרדאַרט (וועלן זיי זיין) פֿון הונגער און פֿאַרצערט (7); גיב איבער זייערע קינדער צום הונגער (8); עס וועט נישט זיין קיין ווײלזיין אויף דיינע וועגן, נאָר וועסט זיין באַצוווּנגען און באַליידיקט (און דערנאָך) וועט מען דיך באַרויבן, און קיינער וועט נישט זיין דיר צו העלפֿן. אַ ווייב וועסטו פֿאַרקנסן אָבער אַן אַנדערער וועט מיט איר זיין, קינדער וועלן דיר געבוירן ווערן, אָבער וועסט זיי נישט האָבן, ווייל זיי וועלן גיין אין גע־פֿענגעניש (9).

---

1) 1492 נ"ק.

2) פֿון שפּאַניע.

3) די עלטערע כראָניקערס און מאָדערנע היסטאָריקערס זיינען זייער מחולק ביים באַשטימען די צאָל יידן, וואָס זיינען אַריינגעקומען פֿון שפּאַניע קיין פּאָרטוגאַל, באַלד נאָכן גירוש. לויט

אלעקסאנדער הערקולאנא, דער גרעסטער פארטוגעזישער אינקוויזיציע־פארשער, האבן אכט הונדערט טויזנט יידן פארלאזט שפאניע, און א דריט חלק פון זיי זאל האבן אריינגעקומען קיין פארטוגאל.

לויט דאן יצחק אברבנאל, וועלכער איז אליין געווען צווישן די גולים, זיינען פון שפאניע ארויסגעגאנגען „שלש מאות אלף". עס איז, אין אלגעמיין, אנגענומען אז די דאזיקע צאל (300.000) באציט זיך אויף נפשות. עס איז אבער זייער מעגלעך אז די דאזיקע צאל זאל זיך באציען אויף משפחות, און אננעמענדיק די השערה, זענען אויך לויט דאן יצחק אברבנאל, ארויסגעגאנגען פון שפאניע לערך 800.000 יידן. די דאזיקע השערה שטיצט זיך אויף דעם עדות־זאגן פון ר' יוסף יעבץ, וועלכער איז אויך געווען צווישן די גולים, און שרייבט אין דער הקדמה צו זיין ספר אור החיים אז דער גלות ספרד איז באשטאנען פון „קרוב לשלש מאות אלף בעלי־בתים", דאס הייסט: קרוב צו 300.000 משפחות (זע „מוצאי־גולה" פון שאול פינחס ראבינאוויץ, זייטן 8 און 9).

דער פארצייטיקער פארטוגעזישער כראניקער דאמיאן גואים (געלעבט אין דער ערשטער העלפט פון זעכצנטן יארהונדערט) שרייבט אין זיין „כראניק פון דעם מלך דאן מאנועל", באנד 1, קאפיטל 10, אז פון די שפאנישע מגורשים זיינען צוואנציק טויזנט פאמיליעס אריינגעקומען קיין פארטוגאל, און צווישן זיי האבן זיך געפונען א טייל פון צען, צוועלף, און אפילו מער נפשות. מיט דער גרויסער סומע געלט וואס איז דער מלוכה־קאסע פון זייערע אפצאלן, האט דער פארטוגעזישער קיניג באשטימט צו פירן די אפריקאנער מלחמה.

4) דער פארטוגעזישער קרוזאט אנטשפרעכט דעם קאסטילישן דוקאט.

5) אין זיין שפאנישן ספר Nomología (קאפ' XXVII, זייט 299) שרייבט עמנואל אבואב אז יעדער נפש האט געדארפט צאלן אכט דוקאטן „ווי עס שרייבט אסאריא, כאטש אושקי שרייבט אז נאר צוויי דוקאטן". דער אלטער פארטוגעזישער כראניקער דאמיאן גואים שרייבט, אז יעדער נפש האט געדארפט באצאלן אכט קרוזאטן, אין פיר אויסצאלונגען, און דאס קלערט אפשר אויף דעם חילוק צווישן אושקיס און אסאריאס נוסח. אבער דער דאזיקער פרט איז סיי ווי נישט קיין גענוג קלארער, און די קוועלעס וואס זיינען וועגן דעם פאראן זיינען זיך סותר.

לויט אנדערע מקורים האבן די זעקס הונדערט פאמיליעס באצאלט זעכציק טויזנט דוקאטן פאר דעם ספעציעלן רעכט צו פארבלייבן אין פארטוגאל. דער אפצאל פון צוויי (אדער אכט) דוקאטן איז מסתמא געווען באשטימט פאר דער גרויסער צאל יידן, וואס מען האט זיי דערלויבט אריינצוקומען קיין פארטוגאל צייטווייליק, אויף עטלעכע חדשים בלויז. (זע אויך באמערקונג 3 פון קומענדיקן קאפיטל).

6) אושקיס אז איראנישע באמערקונג.

7) דברים ל"ב — כ"ג, כ"ד.

8) ירמיהו י"ח — כ"א.

9) דברים כ"ח — כ"ט.

27. פּאָרטוגאַל, יאָר 5253 (1) לבה״ע, ווען מען האָט געשליידערט די קינדער צו די עקדישן

נאָך דעם דאָזיקן שרעקלעכן און שטורעמדיקן אומגליק האָט א צווייטער, א פיל גרעסערער, נישט פאַרשפּעטיקט צו קומען; ווייל דער דאָזיקער מלך (2), וואָס האָט געזוכט אַן אויסרייד מיך צו פּייניקן, האָט באַפוילן אויסצוגעפינען אויב אין זיין מלוכה זיינען נישט אריינגעקומען מער פון די זעקס הונדערט משפחות (3), לויט ווי עס איז געווען אָפּגעמאכט. און היות ווי די גרויסע איילעניש, אין וועלכער מיינע געיאָגטע קינדער האָבן פאַרלאָזט קאַסטיליע, האָט נישט דערלויבט צו קומען געציילטערהייט, באשר קיינער האָט נישט געקאָנט וואַרטן צו זיין דער לעצטער, איז געפונען געוואָרן א גרעסערע צאָל.

אלע וואָס זיינען איבעריק געבליבן האָט דער קיניג באַפוילן צו פאַנגען ווי זיינע קנעכט, כדי ער זאָל זיי קאָנען ווי טאָן לויט זיין רצון און אויף זיי אויספירן זיינע בייזע כוונות. ס'האָט נישט געהאָלפן דאָס וועלן זיך אויסקויפן פאַר דעם פּרייז, וואָס די אַנדערע האָבן געצאָלט, און נישט קיין שום אַנדערער סכום אויסליייז-געלט. נאָר אזוי ווי, צו מיין גרויסן אומגליק, עס איז אין יענער צייט אַנטדעקט גע-וואָרן דאָס אינדזל סאַן-טאָמע (4), וואָס איז נישט געווען באַוווינט פון בעלי־שכל, נאָר פון שלענג, עקדישן און אַנדערע גיפטיקע חיות און וווהין מ'פלעגט פאַרשיקן די פאַרברעכערס וואָס זיינען געווען פאַרמשפּט צום טויט, האָט דער קיניג געוואָלט אַז צוזאַמען מיט זיי זאָלן אויך פאַרשיקט ווערן די אומשולדיקע נפשלעך פון די דאָ-זיקע יידן, וועלכע זיינען, ווייזט אוים, פאַרמשפּט געוואָרן אין הימלשן בית-דין.

און אַז עס איז געקומען די אומגליקלעכע און בייזע שעה ווען די דאָזיקע וויל-דע אכזריות האָט געדאַרפט אויסגעפירט ווערן, האָט איר געקאָנט זען ווי מאַמעס, נעבעך, וואָס מען האָט אויס זייערע אָרעמס ארויסגעריסן די קינדער ביז דריי יאָר, האָבן די אייגענע פּנימער מיט די הענט געדראַפּעט ביז בלוט, און ווי חשובע זקנים האָבן די האָר פון זייערע בערד געריסן, ווייל די גערעדעם (5) האָט מען זיי אָוועק-געריסן פאַר זייערע אויגן. אויך די אומגליקלעכע נפשלעך האָבן הויכע געשרייען ביזן הימל דערהויבן בשעת מ'האָט זיי, אין אזא יונגן עלטער, פון די געליבטע עלטערן אזוי אכזריותדיק אוועקגערויבט.

צו די פיס פון קיניג האָבן זיך עטלעכע מוטערס געוואָרפן, און אים געבעטן ער זאָל זיי באַטש לאָזן גיין אין איינעם מיט זייערע קינדער, אָבער אַפילו צו דער בקשה האָט זיך זיין הארץ נישט געניגט. האָט זיך געפונען איין מוטער וואָס איז אַזוי גערירט געוואָרן פון דעם גרויזאַמען אָפּזאָג, אַז זי האָט איר קינד אַרויסגעריסן און זיך, מיט אים אין איינעם, פון דער הויכער שיף אין שטורעמדיקן ים אַריינגע־וואָרפן, און זי איז געזונקען אין די טיפעגישן, דריקנדיק איר איינציק קינד אין די אָרעמס.

און נאָך דעם ווי די אומשולדיקע נפשות זיינען אַזוי גרויזאַם און אוממענטש־לעך פון זייערע עלטערנס זיסע צערטלעכקייטן דערווייטערט געוואָרן, און מ׳האָט זיי איבערגעענטפערט אין פיינטלעכע הענט פון אכזרים, ווער וואָלט אייך דען גע־קאָנט, ברידער מיינע, שילדערן דעם טרויער וואָס האָט מיינע קינדער באַוועלטיקט? פון אינעווייניק אין הארצן, און פון דרויסן, די הייסע און בלוטיקע זיפצן, טרערן און אויען, וואָס האָבן זייערע היימען פארפולט, ווייל קיין טרייסטווערטער זיינען נישט פאראַן צו לינדערן אַזאַ גרויסן ווייטיק, וואָס יעדער איינער האָט, אגב, גע־האַט פאר וואָס אים צו דערוואַרטן (6).

פיל האָבן, פון וועגן דער גרויסער אכזריות, געוואָלט פארשניידן זייער אייגן לעבן — נאָך איידער עס איז אויסגעגאַנגען די צייט וואָס איז זיי געשענקט גע־וואָרן — ווען נאָר אַנדערע זאָלן פון זייער אומקום נישט ליידן. אָבער די מורא איבערצולאָזן די געליבטע פרויען ווי עלנטע אלמנות צווישן די פיינט, האָט אויפ־געהאַלטן ביים לעבן די מענער; און די האָפענונג נאָך אַ מאָל זוכה זיין צו זען די קינדער, האָט אויפגעהאַלטן זייערע פרויען.

ווען די אומשולדיקע זיינען ענדלעך אָנגעקומען אין דעם וויסטן סאַן־טאָמע, וואָס האָט געדאַרפט ווערן זייער קבר, האָט מען זיי אַרויסגעוואָרפן אויפן ברעג אָן רחמנות, און די גרויסע עקדישן פון אינדזל האָבן זיי כמעט אַלע אויפגעגעסן. אויך די וואָס זיינען נישט אַריין אין בויך פון די חיות, האָבן דער הונגער און די עלנט־קייט פארצערט. נאָר עטלעכע האָבן זיך פון דער גרויסער צרה בדרך נס געראַטע־וועט (7).

אָ, גאָט, וואָס דיין מאַכט נעמט אַרום דעם גאַנצן וועלטאַל, מיט וואָסער גע־דולד, ווילסטו, זאָל איך אָנגורטן מיין נשמה און מיין הארץ אַז זיי זאָלן נישט צע־שפּליטערט ווערן פון אַזעלכע גרויסע ליידן?! זע ווי דו האָסט אונדז פארפייניקט אין אַן אָרט פון דראַקאָנען, און אונדז איבערגעדעקט מיטן שאָטן פון טויט, ווי עס האָט שוין פאָרויסגעזען און געקלאָגט מיין זון דוד (8).

אַזוי ווי ביי דעם אומגליק וואָס מיר זיינען אויסגעשטאַנען אין ענגלאַנד (9), זיינען דאָ ווידער מקוים געוואָרן די ווערטער מיט וועלכע האָסט מיך געוואָרנט: דיינע זין וועלן איבערגעענטפערט ווערן צו אַנדערע פעלקער, און ווען דו וועסט

עס צוקוקן, וועלן דיינע אויגן טריפן טרערן אָן אויפהער, און וועסט נישט האָבן קיין מאַכט דאָס איבערצוטראָגן (10); ווייל איך וועל אָנשיקן אויף זיי די ציינער פון די חיות און דעם צאָרן פון די שלענג וועלכע קריכן אין שטויב (11); און איך וועל נישט הערן צו אייך ווען איר וועט מיך רופן, ווען איר וועט זיך געפינען אין אַ נויט (12); (דעריבער) גורט אָן אַ זאַק, אַ טאַכטער פון מיין פאָלק, און קייקל זיך אין שטויב, מאַך דיר אַ טרויער ווי נאָך אַן איינציקן זון, און אַ זייער ביטערע קלאָג (13). זע, איך האָב אַזעלכע ביטערע שטראָפן פון דיין צאָרן געליטן, העלף מיר שוין גאָט און פאַרשפּעטיק נישט.

1) יאָר 1493 נ"ק.

2) דאָן יאָהאַן דער צווייטער, פון פּאָרטוגאַל.

3) דער דאָזיקער טרויעריקער עפּיזאָד וואָס איז באַשריבן אין אושקיס פּאָרטוגעזישן ספר, איז געטריי איבערגעגעבן אין העברעישן „עמק הבכא" פון יוסף הכוהן. דער פאָרשער שמעון בערנפעלד ציטירט דעם „עמק הבכא", אין זיין „ספר הדמעות" (הוצאת אשכול, ברלין, תרפ"ד, דף רנ"ד), און באַמערקט:

„דער דאָזיקער פּרט איז אַ נייער, און איז נישט דערמאָנט אין די אַנדערע מקורים: לכתחילה האָט דאָן יאָהאַן דערלויבט נאָר זעקס הונדערט משפּחות אַריינצוקומען אין לאַנד, נאָר עס זיינען אַריינגעקומען מער אָן אַ דערלויבעניש."

דערויף איז כדאי צו באַמערקן אַט וואָס:

ערשטנס, אויב דער דאָזיקער פּרט איז אַ נייער, שטאַמט ער פון אושקין און נישט פון דעם בעל „עמק הבכא", וועלכער האָט געשריבן זיין ספר אונטער דער השפּעה פון „אַ טרייסט צו די לײדן פון ישראל".

צווייטנס איז אושקי געווען אַ בן־דור און אַ קרבן פון דער אינקוויזיציע, דעריבער זיינען זיינע כראָניקעס וועגן דער אינקוויזיציע געשריבן זייער פּראַגמענטאַריש, אָן אַ רעטראָספּעקטיוון בליק, וואָס מוז אומבאַדינגט פאַרבינדן פאַרשידענע געשעענישן פון דער זעלבער תקופה, כדי מ'זאָל קאָנען אַרויסבאַקומען דעם היסטאָרישן אמת. עס שיינט, אַזוי אַרום, צו זיין נישט ריכטיק אַרויסצודרינגען פון יוסף הכוהנס (אָדער בעסער: פון אושקיס) רייד, די אויבן ציטירטע באַהויפּטונג פון שמעון בערנפעלד, אַז דאָן יאָהאַן האָט דערלויבט נאָר זעקס הונדערט משפּחות אַריינצוקומען אין לאַנד, און די איבעריקע זיינען אַריינגעקומען אָן אַ דערלויבעניש, ווייל לויט די ידיעות וואָס האָבן צו אונדז דערגרייכט פון פאַרשידענע עלטערע מקורים, זיינען לערך אַ דריטל פון די גולי־ספרד אַריינגעקומען קיין פּאָרטוגאַל; און די צאָל שפּאַנישע מגורשים ווערט געשאַצט צווישן אַכט הונדערט טויזנט (800.000), לויט אַלעקסאַנדער הערקולאַנאָ, און דריי הונדערט טויזנט (300.000), לויט דאָן יצחק אַברבנאל. וואָסער זשע חלק קאָנען זעקס הונדערט משפּחות בילדן פון דער אַלגעמיינער צאָל מגורשים? אויב מען זאָל רעכענען דורכשניטלעך פינף נפשות אויף אַ פאַמיליע, באַטרעפן זיי דאָך קוים דריי טויזנט. זיינען דריי טויזנט נפשות אַריינגעקומען מיט אַ דערלויבעניש, און צענדליקער צי גאָר הונדערטער טויזנטער האָבן „געשוואַרצט" די גרענעץ פון דעם קליינעם לענדל פּאָרטוגאַל? (זע באַמערקונג 3 צום פריקן קאַפּיטל).

חוץ דעם שרייבט דאָך אושקי אַליין, אין פריערדיקן קאַפּיטל, אַז דער גרעסטער טייל גולי־ספרד זיינען אַריינגעקומען קיין פּאָרטוגאַל.

דער אמת איז, דוכט זיך, אַז זעקס הונדערט רייכע משפּחות האָבן באַקומען אַ ספּעציעלע דער־

לויבעניש צו פארבלייבן אין לאנד און צו קאנען היטן זייער דת. פאר דער דאזיקער פריווילעגיע האבן זיי מסתמא באצאלט פיל טייערער ווי די גרויסע מערהייט פון זייערע ארעמערע ברידער, וועלכע האבן געבעטן און באקומען א דערלויבעניש צו פארבלייבן אין לאנד צ יי ט וו יי ל י ק, ווייל זיי זיינען פון שפאניע פארטריבן געווארן אין גרוים איילעניש און האבן נאך נישט געהאט קיין צייט א קלער צו טאן וווהין מ'קאן זיך ווענדן.

וועגן דעם אפצאל וואס יעדער נפש האט געגעבן פאר דעם צייטווייליקן מקלט פון זעקס אדער אכט חדשים, זיינען די פארשיידענע קוועלעס זיך סותר. לויט עטלעכע איז דער דאזיקער אפצאל באשטאנען פון א יי ן דוקאט, און לויט אנדערע זאל ער האבן דערגרייכט ביז א כ ט דוקאטן. די וואס האבן במשך דעם אויבן דערמאנטן טערמין, פון זעקס אדער אכט חדשים, נישט געהאט די מיגלעכקייט צו פארלאזן דאס לאנד, האט דער פארטוגעזישער קיניג דערקלערט פאר זיינע קנעכט און אויף זיי „אויסגעפירט זיינע בייזע כוונות" — לויט אושקים אויסדרוק. (זע נאך די באמערקונגען 3, 4 און 5 פון פאריקן קאפיטל).

4) דאס דאזיקע אינדזל פון פארטוגעזישער אפריקע זאל האבן צום ערשטן מאל באטראטן געווארן פון פארטוגעזישע רייזנדערס דעם 21סטן דעצעמבער 1471, אין טאג פון הייליקן טאמאס, דערפון שטאמט זיין נאמען.

5) דאס הייסט: די קינדער.

6) אושקי מיינט דערמיט צו זאגן, אז דאס איז געווען א שטראף פון גאט פאר באגאנגענע זינד.

7) און זיי זיינען עס טאקע געווען פון די ערשטע, וואס האבן קאלאניזירט און געמאכט בליען דאס דאזיקע וויסטע אינדזל פון זייערע פארפאלגערס.

8) אושקי מיינט דא דעם פסוק: די דכיתנו במקום תנים ותכם עלינו בצלמות (תהלים מד, כ).

9) זע קאפיטל 12, ווו עס ווערט אויך ציטירט דער פסוק פון ספר דברים כ"ח — ל"ב.

10) דברים כ"ח — ל"ב.

11) דברים ל"ב — כ"ד.

12) ירמיהו י"א — י"ד.

13) ירמיהו ו', כ"ו.

Terceiro.

Quando os fizerom cristaõs por força. 28. Portugal Año. 5257.

Rey dõ Manoel.

ACabado q̃ ouue a morte de arrebatar este rey dõ Johaõ q̃ perseguido me auia tam cruelmente neste mundo: outro tal meu ymigo recebeo logo o ceptro em seu lugar, este nam se deteue muito como ouue acoroa que me nam afadiguase, antes mandou a pregoar que todos aquelles judeos que em seu reino se achauam se fizesem cristaõs ou se saysem de Portugal em hũ certo termo e nam se sayndo, achados que fossem sendo ynda judeos morresem morte natural e perdesem as fazendas por ysso, este pregam muito entristeceo todos meus filhos, por que a alma jaa lhe adeuinhaua que mor mal outro q̃ desterro queria aquelle ymigo meu acometer, e deliberaromse partir, e com perda de suas fazendas se mal entrouxarom pela breuidade do termo, e puseronse aponto de sayrse, mas entẽdida que teue Elrey a resoluçaõ dos judeos: e quanto pouco mostrauaõ estimar o desterro em lugar da troca de sua ley, começou dar a entender sua maa ten

„ווי דער טויט האָט נאָר אָװעקגעכאַפּט דעם דאָזיקן מלך דאָן יאָהאָן...״

(אפדרוק פון שמואל אושקים ספר, לויט דער זעלטענער אויסגאַבע פון פערארא).

28. ווען מען האט זיי אפגעשמדט איבער גוואלד.
פארטוגאל, יאר 5257 (1) לבה״ע

ווי דער טויט האט נאר אוועקגעכאפט דעם דאזיקן מלך דאן יאהאן (2), וואס האט מיך אזוי אכזריותדיק געפייניקט אויף דער וועלט, האט א צווייטער (3), אויך מיינער א פיינט, באקומען די קיניגרוט אויף זיין ארט. און נאכן אנטאן די קרוין, האט ער פיל נישט געוואַרט מיך צו מאטערן, נאר ער האט גלייך געהייסן מודיע זיין, אז אלע יידן פון זיין מלוכה דארפן ווערן קריסטן אדער פארלאזן פארטוגאל אין משך פון א באשטימטער צייט; און אז די וואס וועלן נאך געפונען ווערן אין לאנד ווי יידן, נאך דעם דאזיקן טערמין, זאלן געטייט ווערן און זייער פארמעגן זאל קאנפיסקירט ווערן.

די דאזיקע מודעה האט זייער באטריבט אלע מיינע קינדער, ווייל זייער נשמה האט שוין געפילט אז א פיל גרעסערע צרה ווי גירוש וויל דער שונא מיינער אויף זיי ברענגען, און זיי האבן באשלאסן אויסצוואנדערן פון לאנד, נישט געקוקט אויפן אנווער פון זייער פארמעגן, וואס זיי האבן עס נישט געקענט אין גאנצן מיטנעמען, מחמת דעם קורצן טערמין. אזוי זיינען זיי שוין געווען גרייט זיך צו לאזן אין וועג אריין.

נאר ווען דער מלך האט געהערט וועגן דעם באשלוס פון די יידן, אז זיי האבן אויסגעקליבן דעם גירוש און נישט דעם שמד, האט ער אנגעהויבן אנטפלעקן זיין בייזע כוונה: ער האט באפוילן אז אלע יידן פון זיין מלוכה (4) זאלן זיך פארזאמלען אין ליסאבאן, ווייל דארטן וויל ער זיי באזארגן מיט שיפן. אבער ווי באלד זיי זיינען אלע קיין ליסאבאן געקומען, האט ער באפוילן זיי צו פארשפארן אין אזעלכע גרוי-סע געביידעס, וואס ווערן אנגערופן „עסטאאס" (5). ערשט ווען זיי זיינען שוין אלע דארט פארזאמלט געווען, ווי שעפעלעך צו דער שחיטה גרייט, האט ער אויפ-געדעקט זיין גיפטיקע כוונה און געשיקט זיי מודיע זיין, אז ער וויל זיי זאלן זיך אלע שמדן, און אז עס איז גלייכער צו טאן אוים ליבע, דאס וואס זיי וועלן שפע-טער מוזן טאן איבער גוואלד.

נאר דעם מלכס דראונגען זיינען נישט גענוג געווען אז מיינע קינדער זאלן



דאָן מאַנועל קניט און איז מתפלל...

(לויט אַן אַרכיטעקטאַנישן דעטאַל אויפן טויער פון דעם באַרימטן פּאָרטוגעזישן
יעראָנימער־קלויסטער, אויפגעבויט אין דאָן מאַנועלס תקופה)

קערן דעם רוקן צו זייער ד׳ (6). פאַרקערט, זיי האָבן מיט שטאַנדהאַפטיקייט גע־ענטפערט אַז זיי וועלן אַזוינס נישט טאָן. און ווען דער מלך האָט געזען ווי עס זיינען גייטיק מעכטיקערע כוחות זיי צו דערשיטערן, האָט ער צוזאַמענגערופן זיי־נע ראַטגעבערס, און עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַז די בחורים ביז 25 יאָר (7) זאָלן צוגענומען ווערן פון זייערע עלטערן. דאָס האָט שטאַרק אָפּגעשראָקן די עלטערן, וואָס האָבן געדענקט דעם ווילדן און נאָך פרישן אומגליק פון די קינדער, וואָס די עקדישן האָבן זיי אויפגעפרעסן.

ווי זאָל איך טרויעריקע ווערטער געפינען אייך צו דערציילן וועגן דעם יאָמער וואָס האָט זיך דערהערט פון אַלע זייטן, וועגן די קרעכצן און געשרייען, פון טאַטעס און מאַמעס, וואָס וואָלטן געשפּאָלטן די פעלדזן און גערירט דאָס האַרץ פון טיגערס?

צו די קינדער וואָס מען האָט צוגענומען, האָט מען כלומרשט גערעדט זיסע רייד, זיי צוזאָגנדיק גרויסע חסדים אין דער מלוכה, אויב נאָר זיי וועלן זיך שמדן אוים ליבע, נאָר אַלע הבטחות האָבן אפילו אויף אַ פינטל נישט דערשיטערט זייער פעסטן גלויבן.

אַז די זין זיינען, ווי זייערע עלטערן, געבליבן פעסט, האָבן זיך מיינע פאַר־פירערס געוואָרפן אויף זיי מיט גרויס צאָרן. ביי די הענט און ביי די פיס, ביי די האָר, און ביי די בערד האָט מען זיי איבער גוואַלד געשלעפּט אין די קלויסטערס, וו מ׳האָט אויף זיי געשפּריצט זייער וואַסער (8), וואָס האָט עטלעכע אָנגערירט און די אַנדערע קוים דערגרייכט, און מ׳האָט זיי געגעבן קריסטלעכע נעמען. דער־נאָך האָט מען זיי איבערגעענטפערט אין די הענט פון אַלטע קריסטן, וועלכע האָבן זיי געדאַרפט אונטעריאָכן דער קריסטלעכער אמונה.

נאָך דעם ווי זיי האָבן געענדיקט דעם דאָזיקן ווילדן און שווידערלעכן גוואַלד־טאַט, האָבן זיי זיך אומגעקערט צו די עלטערן, אין וועמען דער אָטעם האָט זיך שוין קוים געהאַלטן, מיט דער גיפטיקער בשורה, אַז די זין זייגען שוין געוואָרן קריסטן, און אויך זיי מוזן דאָס זעלבע טאָן, אויב זיי ווילן האָבן די קינדער לעבן זיך. אָבער אפילו דאָס האָט די עלטערן נישט אָפּגענייגט פון זייער פעסטן באַשלוס. האָט דער מלך באַפוילן, אַז דריי טעג נאָך אַנאַנד זאָל זיי קיין עסן און טרינקען נישט געגעבן ווערן, כדי זיי דורך הונגער צו פאַרפירן; נאָר זיי האָבן עס מוטיק איבערגעטראָגן.

און ווען דער קיניג האָט געזען ווי אויך דאָס העלפט נישט, און אויב ער וועט זיי ווייטער פּייניקן מיט הונגער וועלן זיי אויסגיין, האָט ער באַשלאָסן אָנצווענדן גוואַלדטאַט, ווי ער האָט שוין געטאָן מיט זייערע קינדער. האָט מען אויך זיי גע־שלעפּט ביי די פיס, ביי די בערד און ביי די האָר, זיי שלאָגנדיק איבערן פּנים מיט פויסטן, אין די קירכעס אריין, וו מ׳האָט אויף זיי געשפּריצט דאָס וואַסער (8).

צווישן די פיל וואָס האָבן גרויסע זאַכן געטאָן כדי נישט צו ווערן אָפּגעשמדט,

דאַרף מען בעיקר דערמאַנען אַ מאַן וואָס האָט געמאַכט זיינע זעקס זין זיך איבער־דעקן מיט זייערע טליתים און זיי דורך אַ פלינק מיטל, געמאַכט שטאַרבן, איינער נאָך דעם אַנדערן, פאַר זייער אמונה. צום סוף האָט ער זיך אויך דאָס לעבן גענומען. איין מאַן און זיין ווייב האָבן זיך אויפגעהאַנגען, און די וואָס האָבן זיי געוואָלט צו קבורה ברענגען, האָבן די שונאים דערשטאָכן מיט שפּיזן. אַ סך האָבן זיך גע־וואָרפן אין די ברונעמער, אַנדערע זיינען פון די פענצטער געפאַלן אין שטיקער, און אַלע גופים פון מיינע קינדער, וואָס זיינען אַזוי אומגעקומען, אויף קידוש השם, האָבן די תליינים פון מיין פאָלק אַוועקגענומען, כדי זיי צו פאַרברענען פאַר די אויגן פון זייערע ברידער, אויף וועלכע זיי האָבן דערמיט געוואָלט אָנוואַרפן נאָך אַ גרעסערע שרעק (9). מחמת אַזעלכע גוואַלד־מעשים, קענען די געזעצן פון גאָט און פון מענטש, זיינען אַ סך קערפּערס געוואָרן קריסטן, אָבער אויף זייער נשמה איז קיין מאָל קיין פלעק נישט געפאַלן, נאָר דער חותם פון זייער אַלטער אמונה איז אויף איר געווען איינגעקריצט.

ווער קאָן, אָ גאָט, אויסמיידן דיין געגרעכטן צאָרן, וואָס מיינע זינד וועקן אים אויף? ביז די לעצטע מקומות (10) פון דער ערד גרייכט ער, כדי עס זאָלן מקוים ווערן די גרויזאַמע אורטיילן, וואָס האָסט קענען מיר אַרויסגעגעבן, דורכן מויל פון דיינע נביאים, זאָגנדיק: גאָט וועט דיך צעשפּרייטן צווישן אַלע פעלקער, פון איין עק ערד ביזן צווייטן, און דאָרט וועסטו דינען פרעמדע געטער וואָס נישט דו און נישט דיינע עלטערן האָבן זיי געקענט (11); וועסט דינען דיין שונא אין הונגער און אין דאָרשט, און ער וועט אַרויפלייגן אַן אייזערנעם יאָך אויף דיין האַלדז. און אַלע די וואָס וועלן איבערבלייבן פון דעם דאָזיקן שלעכטן דור, וועלן בעסער אויס־קלייבן דעם טויט איידער דאָס לעבן. און אין טאָג ווען עס וועט דיך טרעפן (דער דאָזיקער) אומגליק (אויף פרעמדער ערד), וועל איך צו זיי קערן דעם רוקן און נישט דעם פּנים, אַזוי ווי זיי האָבן צו מיר געקערט דעם רוקן און נישט דעם פּנים, און האָבן געדינט פרעמדע געטער (אויף זייער אייגענער ערד).

אָבער (דער אמת איז) אויב מיר האָבן פאַרגעסן דעם נאָמען פון אונדזער ד', און מיר האָבן אויסגעשפּרייט אונדזערע הענט צו אַ פרעמדן גאָט, וועט דער האַר עס זיכער אויספאָרשן (וואָרעם עס איז געווען איבער גוואַלד), ווייל ער קען די סודות פון האַרצן (12).

---

1) יאָר 1497 נ"ק.

2) וועגן דאָן יאָהאַן, זע אין פאַריקן קאַפּיטל.

3) דאָן מאַנועל דער ערשטער, וואָס איז געוואָרן מלך אין יאָר 1495.

4) מע דאַרף פאַרשטיין: די יידן וואָס זיינען געבליבן פעסט ביי זייער אמונה, ווייל אַ סך האָבן זיך שוין געהאַט געשמדט מחמת אַלערליי מינים פון אומדירעקטן צוואַנג. די צאָל יידן וואָס זיינען געקומען קיין ליסאַבאָן האָט דערגרייכט, לויט אַלע כראָניקעס, צוואַנציק טויזנט מאַן.

5) Estaus. אזוי האבן געהייסן באקאנטע געביידעס פון ליסאבאן. זיי זיינען געווען דאס איינגעזאמלטע ארומערגעווארפענע — — איינגאנום פון קיניגלעכן הויף, און פארוואנדלט געווארן אין צייטווייליקע תפיסות, מחמת די געוויינטלעכע ארעסטהייזער זיינען שוין געווען איבערגעפולט. מיט דוחק האבן אין די דאזיקע הייזער קוים געקענט אריין ביז אדער פינף טויזנט מאן, און נישט קיין צוואנציק טויזנט נפשות. דעריבער איז קיין גוזמא נישט אושקיס אויסדריק אז די יידן זיינען דארטן איינגעזאמלט געווארן „ווי שעפעלעך גרייט צו דער שחיטה", אפילו בנוגע דער ענגשאפט. שפעטער, אין דער צייט פון דעם פארטוגעזישן מלך יאהאן III. האט אין די „עסטאאס" פונקציאנירט דער אינקוויזיציע־טריבונאל. אין יאר 1755 האט אן ערדציטערניש אין גאנצן אפגעווישט די דאזיקע געביידעס.

6) אושקי נוצט, אין אריגינאל, דאס לאטיינישע אות D.

7) די פארנענע מקורות זיינען זיך סותר ביים באשטימען די עלטער פון די אוועקגערויבטע קינדער: לויט גרעצן זיינען צוגענומען געווארן די קינדער ביז 15 יאר; לויט אלעקסאנדער הערקולאנא — ביז 20 יאר.

וועגן דעם טרויעריקן עפיזאד, וואס האט זיך אפגעשפילט אין חודש אפריל 1497, איז כדאי דא צו ברענגען די ווערטער פון דעם אלטן פארטוגעזישן כראניקער דאמיאן דע גואיס (געבוירן אין 1502), אין דעם ערשטן באנד, קאפיטל 20 פון זיין „כראניק פון דעם זייער קלוגן הער קיניג דאן מאנועל":

„מחמת סיבות וואס האבן אים דערצו דערפירט האט דער קיניג (מאנועל) באפוילן אז אין איין באשטימטן טאג זאל מען ביי זיי (ביי די יידן) צונעמען די זין און טעכטער, יינגערע פון 14 יאר, כדי זיי צו פארטיילן איבער די שטעט און דערפער פון דער מלוכה (פון פארטוגאל) ווו מ'זאל זיי דערציען אין דער אמונה פון אונדזער גואל יעזוס קריסטוס".

ביים סוף פון זעלבן קאפיטל דערקלערט נאך דער אלטער פארטוגעזישער כראניקער אז לגבי יידן האט מען זיך דערלויבט אזוי צו האנדלען, ווייל זיי האבן נישט זייער אייגענע מלוכה, וואס זאל זיך אננעמען זייער קריוודע, אדער אין וועלכער עס זאלן לעבן קריסטן, וואס זאלן ערב זיין. לגבי די מורינען, וואס האבן ארגאניזירטע מלוכות, וואלט מען זיך אזוינס נישט דערלויבט.

8) טויפוואסער.

9) ביים ראנד פון זייטל, אנטקעגן דער דאזיקער שורה, איז פאראן א באמערקונג: „יאר 1497", דאס יאר פון דער געשעעניש. עס איז אגב דאס ערשטע מאל ווען אושקי נוצט אויך די קריסטלעכע צייט־רעכענונג. אן ענלעכע באמערקונג טרעפט מען אויך אין קומענדיקן קאפיטל.

10) אזוי רופט אושקי שפאניע און פארטוגאל. זע באמערקונג 3 פון אושקיס ווידמונג „צו דער הויכגעשעצטער פרוי דאנא גראסיא נשיא", ביים אנהייב פון בוך.

11) דברים כ"ח — ס"ד.

12) תהלים מ"ד — כ"א, כ"ב. די קלאמערן זיינען אושקיס, און שליסן איין זיינע אייגענע הוספות און אינטערפרעטאציעס צום אריגינעלן טעקסט.



ליסאַבאָן אין זעכצנטן יאָרהונדערט

די נייע הענדלערגאַס (Rua Nova dos Mercadores), לויט אַן אילומינאַציע וואָס שטאַמט פון יענער מאַנועלס תקופה.

29. די שחיטה אין פּאָרטוגאַל, יאָר 5266 (1) לבה״ע

און ס'איז נישט געגוג געווען, וואָס מ'האָט זיי מיט אַזוי פיל אכזריות און אומרעכט געמאַכט פאַר קריסטן, און דערוויייטערט פון דער אמונה, מיט וועלכער זיי זיינען געבוירן געוואָרן. שוין נאָך דעם האָט מען זיי ערשט נישט געלאָזט רואיק לעבן נאָר דערנידעריקט, באַליידיקט און באַהאַנדלט מיט פאַראַכטונג. אויך דאָס וואָלטן זיי איבערגעטראָגן אין שטילשווייגן ווען מען זאָל ערשט נישט געווען אויסטראַכטן אויף זיי בלבולים און שטעלן פאַלשע עדות מיט דער כוונה זיי אומ-צוברענגען פון דער וועלט. נאָר די גלחים פון די באַלעמערס, די פירשטן אויף די עפנטלעכע פלעצער און די שטאָטלייט און פויערים פאַר א גרויסן עולם, האָבן געפּרעדיקט, אַז ווי נאָר א הונגער, מגפה אָדער ערדציטערניש, וואָס קומט אויף דער ערד, איז עס מחמת דעם וואָס די געשמדטע זיינען נישט קיין געטרייע קריסטן און היטן בסוד זייער אמונה.

ווען די בייזוויליקע פיינט מיינע האָבן געזען ווי דער רצון פון פאָלק איז גע-נייגט קעגן מיר, האָבן זיי פאַרשטאַנען אַז עס איז געקומען די צייט אויסצופירן זייערע בייזע כוונות. צווישן זיי האָבן זיך געפונען צוויי דאָמיניקאַנער מאָנאַכן, וואָס זיינען אַרוים איבער ליסאַבאָן מיט קרוציפיקסן (2) און געהעצט דאָס פאָלק און אויפגעפאָדערט אַלעמען זיי צו באַגלייטן און נקמה נעמען פאַרן טויט פון זייער גאָט. האָבן זיך באַהעפט צו זיי א מחנה ליידיקגייערס, פאַרדאָרבענע מענטשן, און באַוואָפנט מיט שפּיזן און מיט אַנטבלויזטע שווערדן אין זייערע הענט, זיינען זיי באַפאַלן די קוים-געטויפטע, אומבאַשיצטע נייקריסטן און אויסגעהרגעט פיר טויזנט נפשות (3). אַלע אכזריותן, וואָס ווערן באַגאַנגען בעת דעם איבערפאַלן פון א שטאָט, האָבן זיי געטאָן: געראַובט, צעשניטן די מענער, געשליידערט די קינדער צו די ווענט און זיי צעשמעטערט, געשענדט די פרויען, געפייניקט די בתולות, און דער-נאָך ערשט זיי געטייט. פיל מעוברות האָט מען געשליידערט דורך די פענצטער, אַז זיי זאָלן פאַלן אויפן שפּיץ פון די שפּיזן, וואָס זיינען שוין דאָרט אונטן אָנגע-גרייט געווען. אַזוי איז אָפגעשניטן געוואָרן דער וועג פאַר די אומשולדיקע קינ-דערלעך, נאָך איידער זיי האָבן דערזען די וועלט ווהין דער גנעדיקער הימל האָט זיי געשיקט.

און צווישן די פרויען האָט זיך געפונען איינע, וואָס די ערע און דער צאָרן האָבן זיך אין איר צעפלאַמט און זי האָט דערשטאָכן א מאָנאַך, וואָס האָט זי גע-וואָלט פאַרגוואַלדיקן, מיט זיין אייגענעם מעסער.

ווען דער גרויסער אומגליק זאָל ווייטער אַזוי געווען דויערן, וואָלטן אומגעקו-מען אַלע נייקריסטן פון דער שטאָט ליסאַבאָן. נאָר דער געטלעכער חסד און די מענטשלעכע גערעכטיקייט האָבן זיך אַריינגעמישט. דער קיניג האָט גיך געשיקט הילף פון דעם שטעטל אַבראַנטעס, ווו ער האָט זיך דאַן געפונען, און די שווידער-לעכע שחיטה האָט זיך אָפּגעשטעלט (4).

אָ, דערבאַרעמדיקער גאָט, קוק אַראָפּ פון דיין הויכן וווינאָרט, זע וואָס מיר טראָגן איבער, און קום אונדז צו הילף. און זיי אַן עדות אַז אין די פאַרבאָרגענישן פון אונדזערע הערצער האָבן מיר זיך קיין מאָל פון דיר נישט דערווייטערט. „זע ווי מחמת אהבה צו דיר ווערן מיר געהרגעט, יעדן טאָג, און מיר ווערן גערעכנט ווי שאָף, וואָס זיינען באַשטימט צו דער שחיטה" (5). און עס איז מקוים געוואָרן דער צאָרנדיקער פסק-דין, וואָס יחזקאל האָט, אין דיין נאָמען, קעגן מיר אַרויס-געגעבן: שווערד, שווערד, געשאַרפט און געשליפן, כדי צו שחטן איז זי געשאַרפט און געשליפן, און זי וועט מאַכן אַ שחיטה צווישן מיין פאָלק, זי וועט אַרויסגע-צויגן ווערן פון שייד קעגן די פירשטן פון ישראל (6). דאָס איז די שווערד פון דער גרויסער שחיטה, וואָס האָט צווישן זיי אַ חורבן געמאַכט, כדי ווייך צו מאַכן זייערע הערצער, און כדי אַ סך זאָלן פאַלן ביי זייערע טירן. דאָס אַלץ איז מקוים געוואָרן אין דער דאָזיקער שחיטה, ווייל מיר האָבן געליטן דיין צאָרן.

דערוועק זיך, פאַר וואָס שלאָפסטו, אַ האַר, דערוועק זיך און פאַרלאָז אונדז נישט אויף אייביק. פאַר וואָס פאַרבאָרגסטו דיין פּנים? פאַר וואָס פאַרגעסטו אונ-דזער אַנגסט און אונדזער פּיין? וואָרעם אונדזער זעל וואַלגערט זיך שוין אין שטויב און אונדזער בויך איז שוין באַהעפט צו דער ערד. שטיי אויף צו אונדזער הילף און לייז אונדז אויס, פון וועגן דיין חסד (7). ברענג שוין אויף זיי דעם שלעכטן טאָג, און מיט אַ טאָפּלן בראָך (פון דעם וואָס מיר האָבן געליטן) צעברעך זיי (8), אַ גאָט פון נקמות!

---

1) יאָר 1506 נ"ק.

2) בילדער וואָס שטעלן פאָר ישוב אויפן קרייז.

3) אושקי באַמערקט ביים ראַנד פון זייטל: „יאָר 1506". עס איז דאָס צווייטע מאָל ווי אושקי באַצייכנט דאָס יאָר פון אַ געשעעניש אויך לויט דער קריסטלעכער צייט-רעכענונג. (זע באַמערקונג 9 פון פאַריקן קאַפּיטל). לויטן בעל „שבט יהודה" זיינען אין דער דאָזיקער שחיטה אומגעקומען דריי טויזנט נפשות; לויט פּאָרטוגעזישע כראָניקערס — צוויי טויזנט.

4) דאָן מאַנועל האָט טאַקע באַשטראָפט די שולדיקע, אָבער ריכטיק באַמערקט אַ פּאָרטוגעזי-שער ליבעראַלער היסטאָריקער, אַז „דער גרעסטער שולדיקער איז געבליבן אומבאַשטראָפט — ער אַליין".

5) תהלים מ"ד — כ"ג.

6) יחזקאל כ"א — י"ד, י"ז.

7) תהלים מ"ד — כ"ד.

8) ירמיהו י"ז — י"ח.

דאָן יאָהאַן דער דריטער

(לויט אַ גראַוויור פון 18טן י"ה)

דער מלך וואָס האָט איינגעפירט די אינקוויזיציע אין פּאָרטוגאַל.

30. וועגן דער אינקוויזיציע אין פּאָרטוגאַל, יאָר 5291 (1) לבה"ע

פופצן יאָר נאָך דעם דאָזיקן אומגליק (2) האָט אָנגעהויבן קיניגן דאָן יאָהאַן דער דריטער; און מיט זיין אויפשטייג זיינען געוואָרן גרעסער דער חשד און די מורא אין מיין נשמה, מחמת די בייזע כוונות, וואָס ער האָט קעגן דעם דאָזיקן באַטריבטן פאָלק ארויסגעוויזן נאָך אין די טעג, ווען ער איז געווען אַ פּרינץ. ביז דער צייט ווען דער דאָזיקער איז געוואָרן מלך, זיינען שוין די נייקריסטן אַזוי געווען ארייננגעטאָן אין דער מאכט און פון איר פאַרבלענדט, אַז זיי פלעגן ביסלעכווייז כמעט פאַרגעסן זייער אַלטע אמונה, און אויפהערן זיך שרעקן פאַר דעם קוואַל פון וואַנען אונדזער לעבן פליסט אַרויס (3), מחמת דעם גרויסן רייכטום וואָס זיי האָבן זיך דערוואָרבן און מחמת די ערן-טיטלען און הויכע אַמטן אין דער רעגירונג. און זיי האָבן געלעבט במנוחה, ווייל זיי פלעגן זייער נאָכמאַכן די קריסטן, כאָטש אין די פאַרבאָרגענישן פון דער נשמה האָבן זיי זיך קיין מאָל נישט געענדערט. אָבער אין דעם דאָזיקן צושטאַנד האָבן מיינע זינד גורם געווען איך זאָל ווערן באַאומרואיקט און פאַרפאָלגט דורך דעם תלין דאָן יאָהאַן. און ווייל קיין שום אַנדערער אומגליק וואָלט נישט געקאָנט זיין ערגער ווי דאָס שלעכטס פון קאַסטיליע (4), האָט ער באַשלאָסן אַז די זעלביקע שטראָף פאַר מיינע זינד זאָל איך באַקומען אויך אין פּאָרטוגאַל. דעריבער האָט ער אַראָפּגעבראַכט פון רוים (5) אַ מאָנסטער ווי דער פון שפּאַניע (6), און כאָטש, אין איצטיקן מאָמענט, זיינען קוים אַוועק עטלעכע יאָר זינט ער איז געקומען, האָט ער שוין אָנגעמאַכט אַ גרויזאַמע און שרעקלעכע פאַרדאַרבונג צווישן דעם ניי-געטויפטן פאָלק.

זיין קומען (7) האָט בלייך געמאַכט זייערע פּנימער, האָט פאַרטריבן די רו פון זייערע געמיטער, און זייערע נשמות האָט ער אָנגעפילט מיט טרויער. פון די מנוחהדיקע היימען האָט ער זיי אַרויסגעריסן און געמאַכט זיי וווינען אין די טונקעלע תפיסות ווו זיי לעבן אין אַנגסט און אין זיפצן; ווייל דאָרט שטעלט ער די פאַסטקע דורך וועלכער זיי פאַלן אריין אין פייער, פאַרברענט צו ווערן; ווייל דאָרט צווינגט ער זיי דורך פאַרפּייניקונג צו טייטן קינדער מיט די אייגענע הענט, צו פאַרברענען די אייגענע מענער, אַוועקצורויבן דאָס לעבן ביי אייגענע ברידער, צו

מאַכן יתומים, צו פאַרמערן אַלמנות, צו פאַראָרעמען רייכע, צו מאַכן נידערן די מעכטיקע, צו פאַרוואַנדלען איידל געבוירענע אין רויבערס, און אָנצופילן שענדלעכע פּלעצער מיט פרויען צנועות, פון וועגן דער אָרעמקייט און פאַרלאָזנקייט, וואָס ער האָט אויף זיי געבראַכט.

אין פייער האָט ער ביז איצט פאַרברענט אַ גרויסע צאָל פון זיי, און נישט איינציקוויז, נאָר צו דרייסיק און דרייסיק, צו פופציק און פופציק ברענט ער זיי, און ווען זיין פייער כאַפּט זיי אַרום צו פאַרצערן, פאַרזאַמלען זיך מחנות קריסטן, וועלכע יובלען און פרייען זיך צו זען ווי מיינע קינדער ברענען אויף דעם שייטער-הויפן וואָס זיי — די קריסטן — ציגדן אָן זיין פייער און שפּייזן עס מיט דעם האָלץ, וואָס זיי טראָגן צונויף אויף זייערע אַקסלען פון די ווייטסטע מקומות.

און די ניי-געטויפטע זיינען אַזוי פול מיט שרעק פאַר דעם דאָזיקן ווילדן מאָנסטער, אַז ווען זיי גייען אין די גאַסן, ווענדן זיי זייערע בליקן אין אַלע זייטן, צו זען אויב ער פאַרפאָלגט זיי נישט, און מיט אומזיכערע הערצער, ווי די בלעטלעך וואָס ציטערן אויף אַ בוים, שפּאַנען זיי אויפן וועג און שטעלן זיך פּלוצעם אָפּ, דערשראָקענע, אויס מורא אים נישט צו טרעפן. יעדער שטויס פון דעם ווילדן מאָנסטער דערשיטערט זיי, און ווי ווייט דער שטויס זאָל נישט געגעבן ווערן, פילן זיי אים אין זייער אייגן איינגעווייד, באַשר אין דעם דאָזיקן אומגליק זיינען זיי אַלע איין גוף צום ליידן.

מיט פּחד ברענגען זיי אַריין דעם ביסן אין מויל, ביי זייערע טישן, און ווען די רו פון שלאָף ווערט געשענקט אַלע ברואים, ווערן זיי דערשראָקן און באַאומרואיקט.

די פרייד פון זייערע חתונות און געבורט-שמחות פאַרוואַנדלט ער אין אומרו און טרויער; טויזנט גיפטיקע סמים מאַכט ער זיי איינשלינגען יעדע רגע, ווייל אים איז נישט גענוג וואָס זיי זיינען קריסטן לויט אויסערלעכע סימנים, און ער קוקט אַריין מיט פייער אין זייערע געדערעם.

אַ טויזנטסטן חלק אפילו פון דעם שלעכטס וואָס דער ווילדער מאָנסטער האָט אויף זיי געבראַכט, וואָלט איך אייך, ברידער, נישט געקענט אויסדערציילן, ווייל עס האָבן קיין מספּר נישט די אופנים פון זיין פייניקונג. איך ווייס אייך צו דערציילן אַז מחמת שרעק זיינען פיל נייקריסטן אַנטלאָפן פון דעם לאַנד ווו דער גיפטיקער מאָנסטער האָט געטראָטן, אָבער טייל פון זיי האָט ער געכאַפּט, מיט זייערע ווייבער און קינדער, נאָך איידער זיי זיינען אַרויף אויף די שיפן; האָט ער זיי פון די פינצטערע תפיסות איבערגעענטפערט דעם פייער. אַנדערע זיינען דערטרונקען געוואָרן אין ים, נאָך איידער עס איז זיי געלונגען צוצוקומען צו דער שיף, וואָס האָט זיי געדאַרפט אוועקפירן. פיל אַנדערע האָט ער אָפּגעזוכט פון די פאַרבאָרגענע באַהעלטענישן און אין זיינע פאַרשלינגענדיקע פלאַמען פאַרברענט.



אַן אויטאָ־דאַ־פֿע־פּראָצעסיע גייט אַרויס פֿון דעם ליסאַבאָנער „עסטאַאָס־פּאַלאַץ", וווּ עס האָט פֿונקציאָנירט
דער אינקוויזיציע־טריבונאַל אין דער צייט פֿון דאָן יאָהאַן III. (לויט אַן אַלט בילד)

אַזוי בין איך אַריינגעפאַלן אין דער פּאַסטקע וואָס די נביאים האָבן מיר, צוריק מיט אַזוי פיל צייט, געשטעלט. זיי האָבן געזאָגט און עס איז מקוים געוואָרן:

און דער האַר וועט דיך צעשפּרייטן צווישן אַלע פעלקער, פון עק ערד ביז עק ערד, און וועסט דאָרט דינען פרעמדע געטער, וואָס נישט דו, נישט דיינע על־טערן האָבן זיי געקענט. און צווישן די דאָזיקע פעלקער וועסטו נישט האָבן קיין רו, אויך וועסטו נישט געפינען אַ פּלאַץ ווו אַוועקצושטעלן דיין פוסטריט (מיט זיכערקייט). און גאָט וועט מאַכן אַז דיין האַרץ זאָל תמיד קלאַפּן, און אַז דיינע אויגן זאָלן אויסגיין, און דיין געמיט זאָל באַטריבט זיין. דיין לעבן וועט דיר הענגען אַנטקעגן (אויף אַ שוואַכן פאָדעם). און וועסט זיך שרעקן טאָג און נאַכט, און וועסט נישט זיכער זיין מיט דיין לעבן. פאַרקערט, אין דער פרי וועסטו זאָגן: אַ, ווער וואָלט מיר געבן דעם אָוונט! און אין אָוונט וועסטו זאָגן: אַ, ווער וואָלט מיר געבן דעם פרימאָרגן! פון וועגן דער גרויסער שרעק וואָס דיין האַרץ וועט זיך שרעקן און פון וועגן דעם וואָס וועסט זען מיט דיינע אויגן (8). און (אפילו) אויב (דו, ישראל) וועסט זיך (מאונס) בוקן צו פרעמדע געטער און זיי דינען, זאָג איך דיר היינט, אַז אומקומען וועסטו אומקומען (9). (און איך, אומוויסנדיקער, האָב געמיינט אַז אונ־טער דעם קריסטלעכן לבוש וועל איך שוין ראַטעווען מיין נפש, אָבער עס איז פאַר־קערט.) ישראל איז פּעט געוואָרן און האָט זיך געלאָזט ווילגיין, און ער האָט פאַר־לאָזט דעם גאָט, וואָס האָט אים באַשאַפן, און איז געווען כפוי־טובה צו דעם פעלדז פון זיין הילף. דעם פעלדז וואָס האָט דיך געבוירן האָסטו פאַרגעסן, דעריבער האָט געזאָגט גאָט (און אַזוי געשעעט טאַקע): איך וועל פאַרבאָרגן מיין פּנים פון זיי, און אויב שוין זיי האָבן מיך דערצערנט דערמיט, וואָס איז נישט קיין גאָט, וועט פּחד און שרעק זיין אין זייערע הייזער (10). וואָרעם אַ דריט חלק וועל איך ברענגען אין פייער, און איך וועל זיי לייטערן ווי עס ווערט געלייטערט זילבער, און איך וועל זיי פּרווון ווי עס ווערט געפּרווט גאָלד (11). זייער גאָלד וועט מען מבזה זיין, זייער זילבער און זייער גאָלד וועט זיי נישט קאָנען מציל זיין אין טאָג פון גאָטס צאָרן, וואָרעם לויט זייערע וועגן וועל איך זיי באַהאַנדלען, און לויט זייערע משפּטים וועל איך זיי משפּטן, ביז זיי וועלן וויסן אַז איך בין גאָט (12). דו ביסט געגאַנגען צוריק, דערום שטרעק איך אויס מיין האַנט און צעשטער דיך (13). און ווען איר וועט אויסשפּרייטן אייערע הענט וועל איך פאַרהוילן מיינע אויגן פון אייך, און אפילו איר זאָלט פיל תפילה טאָן, וועל איך אייך קיין מאָל נישט הערן, וואָרעם אייערע הענט זיינען פול מיט מאָרד (14). און וועט דען עמעצער (פון די וואָס איך וועל זיי וועלן באַשטראָפן) זיך קענען פאַרבאָרגן אין די באַהעלטענישן פון די פעלדזן, אַז איך זאָל אים נישט זען? (זיכער אַז נישט) דען איך פיל אָן דעם הימל און די ערד, זאָגט גאָט, און איך בין גאָט פון דער נאָענט און נישט פון דער וויטן.

1) יאָר 1531 נ״ק.

2) דאָס הייסט נאָך דער שיטה, וואָס ווערט באַשריבן אין פאַריקן קאַפּיטל. די שיטה איז פּאָרטוגאַל איז פאָרגעקומען אין יאָר 1506 און דאָן יאָהאַן דער דריטער האָט אָנגעהויבן קיניגן אין יאָר 1521.

3) דאָס הייסט: די מאַראַנען האָבן אויפגעהערט זיך שרעקן פאַר גאָט.

4) די אינקוויזיציע.

5) דאָס הייסט אַז דאָן יאָהאַן האָט געבעטן אַ דערלויבעניש ביים פּויפּס פון רוים, אויף צו גרינדן דעם אינקוויזיציע־טריבונאַל ביי זיך אין לאַנד.

6) זע קאַפּיטל 25; אושקי איז מוכיח ביים ראַנד פון זייטל: „אינקוויזיציע 5291". ד"ה אַז די אינקוויזיציע איז געגרינדעט געוואָרן, אין פּאָרטוגאַל, אין יאָר 5291 ליצירה אָדער 1531 נ"ק.

7) דאָס קומען פון דעם מאָנסטער, וועלכער סימבאָליזירט ביי אושקין דעם שוידערלעכן אינקוויזיציע־אַפּאַראַט.

8) דברים כ"ח — ס"ד, ס"ה, ס"ו, ס"ז. די קלאַמערן זיינען אושקיס און שליסן איין זיינע הוספות צום ביבלישן טעקסט.

9) דברים ל' — י"ז, י"ח.

10) דברים ל"ב — קאָמבינירטע פראַגמענטן פון די פּסוקים ט"ו, י"ח, כ', כ"א.

11) זכריה י"ג — ט'.

12) יחזקאל ז' — י"ט, כ"ז.

13) ירמיהו ט"ו — ו'.

14) ישעיהו א' — ט"ו.

31. ווען די וואָס האָבן פאַרלאָזט — און פאַרלאָזן נאָך — פּאָרטוגאַל, זינט דעם יאָר 5291 (1) לבה״ע

פון די וואָס זיינען מיט אַזוי פיל אַנגסט און געפאַר ניצול געוואָרן פון די גרויזאַמע נעגל פון יענעם ווילדן מאָנסטער (2), און האָבן נאָך דעם פאַרלאָזט פּאָר־טוגאַל, זיינען אַ טייל געבליבן שטיין אין פרעמדע לענדער, ווו זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין פיל שלעכטס. אין שפּאַניע האָט מען זיי אַרעסטירט, אין פלאַנדריע האָט מען זיי פאַרהאַלטן, אין ענגלאַנד און אין פראַנקרייך האָט מען זיי שלעכט באַהאַנדלט. בעת די דאָזיקע רדיפות איז ביי אַ גרויסער צאָל פון זיי פאַרלוירן גע־גאַנגען דאָס פאַרמעגן, און צוזאַמען דערמיט אויך זייערע לעבנס און זייערע גופים. און פון די וואָס האָבן דערגרייכט דייטשלאַנד, זיינען אַ סך, פון וועגן דער גרויסער פּלאָג און מאַטערניש, אויסגעגאַנגען צווישן די אַלפּן־בערג, אָרעם און פאַרלאָזן. פיל פרויען זיינען געבליבן אַלמנות. אויך אַ נייעם מין אומגליק האָט מען דאָרט געקענט זען, ווען עס איז געקומען די שעה און געווינערינס האָבן געדאַרפט געבערן אויף קאַלטע און פאַרלאָזענע וועגן.

און אויב די אַלע מאַטערנישן זיינען נישט גענוג געווען, איז נאָך אויפגע־שטאַנען קעגן מיר דער גרויזאַמסטער פאַרפאָלגער, וואָס ישראל האָט שוין געהאַט זינט דעם חורבן, און וואָס זיין נאָמען איז יאָהאַן דע לאַ פאַיאַ (3). דער דאָזיקער פלעגט אָפּוואַרטן אין דער פּראָווינץ מילאַן און פאַרהאַלטן פולע וואָגנס אויסוואַנ־דערערס; און ווייל ער האָט נישט געהאַט די מאַכט זיי צו טייטן, פלעגט ער זיי ביזן לעצטן מלבוש אויסטאָן און פּייניקן די שוואַכע פרויען און מידע זקנים מיט טויזנט פּיינען, כדי זיי זאָלן מודה זיין וואָס זיי פירן מיט זיך, און זאָלן אויסזאָגן וועגן די אַנדערע וואָס קומען הינטער זיי, כדי ער זאָל אויך יענע גיין אָפּוואַרטן און פאַרהאַלטן. און ער האָט פאַראַרעמט פיל און זיי געבראַכט צו גרויס פאַרצווייפלונג דורך נויט. אַזוי אַז ווען כ׳האָב זיך געראַטעוועט פון יענער גיפטיקער חיה (4), בין איך אַריינגעפאַלן אין דער האַנט פון אַנדערע פרעמדע און בייזע פעלקער. פיל פון די אויסוואַנדערערס האָט איינגעשלונגען דער ים, און שלינגט נאָך; אַנדערע זיינען אומגעקומען אין באַפעלקערטע אָדער אומבאַפעלקערטע מקומות, און קומען נאָך אום.

נאָר די וואָס האָבן זיך מיטן לעבן געראַטעוועט, האָט זיך דער געטלעכער חסד צו דעם רוב פון זיי באַוויזן. זיינען זיי געקומען אין פרייע לענדער, ווו מ׳האָט זיי דערלויבט זיך אומצוקערן צו דעם אַמאָליקן און אמתן דת פון זייערע אבות, וואָס זיי האָבן שוין, זינט אַזוי פיל יאָרן, געהאַט פאַרלאָזט און פאַרגעסן.

אַנדערע האָבן, נאָך דעם שטורעמדיקן וועג, ווידער געאַנקערט ביי פיל קריסט־לעכע האַוונס, ווו טייל פון זיי שטאַרבן און גייען אויס באַטריבטע און מיט טרוקענע נשמות נאָך איידער זיי זיינען דערגאַנגען צום קוואַל (5), ווייל זיי וויסן נישט ווי אָפּצוקלעפּן זייערע פליגל פון די תענוגים און רייכטימער, מיט וועלכע די וועלט ווינקט און רופט (6). גאַנץ קלאָר זעט מען ווי עס זיינען דאָ מקוים געוואָרן די אַלע נביאישע ווערטער:

איך וועל מאַכן אַז דערשראָקענע זאָלן זיי אַרומוואַנדערן איבער אַלע לענדער פון דער ערד, און איך וועל זיי מאַכן פאַר אַ קללה, פאַר אַ שרעק, פאַר אַ שפּאָט און פאַר אַן אומכבוד ביי אַלע פעלקער, צווישן וועלכע זיי וועלן וואַנדערן מידע און געיאָגטע (7); אַ דריט חלק וועט רופן מיין נאָמען, און איך וועל זיי הערן. איך האָב געזאָגט: דו ביסט מיין פאָלק, און ער וועט זאָגן: ד׳ איז מיין האר (8). און עס וועלן זיך דערמאָנען אָן מיר די פון אייך וואָס וועלן ניצול ווערן צווישן די פעלקער ביי וועלכע זיי זיינען געפאַנגען, און זיי וועלן וויסן אַז איך בין גאָט, און אַז נישט אומזיסט האָב איך גערעדט ווען כ׳האָב זיי מנבא געווען דאָס דאָזיקע בייז (9). (און די אַנדערע וואָס ווילן זיך נישט אומקערן צו מיין תורה און זוכן אַן אויסרייד) זאָגן נישט דעם אמת ווען זיי רעדן, און קיינער פון זיי האָט נישט חרטה אויף זיין שלעכטיקייט, אַז ער זאָל זאָגן אין זיין האַרצן: (וויי צו מיר) וואָס האָב איך געטאָן! (וואָס איך האָב מיך במשך אַזוי פיל צייט אָפּגעקערט און איצט טו איך ווייטער דאָס זעלבע); נאָר יעדער איינער פון זיי גייט ווייטער זיין שלעכטן וועג, ווי אַ פערד אין מלחמה, שוין ווילד אין זיין געלאַף. פאַרוואָר, דער שטאָרך אין דער לופטן קען זיינע באַשטימטע צייטן, די טורטלטויב, דער בושל און דער שוואַלב היטן אָפּ די צייט פון זייער אַפּרייזע, אָבער מיין פאָלק ווייסט דאָס נישט לגבי זיין גאָט (אַז איצט איז די צייט ווען זיי דאַרפן אַפּרייזן כדי אים צו דינען); און איר זאָגט (זיך צו פאַרענטפערן): מיר זיינען חכמים און דאָס געזעץ פון גאָט איז ביי אונדז (10); דען איך בין גאָט וואָס פאַרש דאָס האַרץ און פּרוו די נירן, כדי צו באַלוינען איט־לעכן לויט זיינע דרכים, און לויט דער פרוכט פון זיינע מחשבות. און דער וואָס דערוואַרבט עשירות אָן יושר און אָן גערעכטיקייט (וואָס ער זאַמלט עס בשעת ער דינט מיר נישט) וועט עס איבערלאָזן אין מיטן זיינע טעג, און אין זיין סוף וועט ער בלייבן אַן אומוויסנדיקער און אַן אָרעמער (11); און זייער נפש וועט נישט זאַט ווערן, און זייער אינגעווייד וועט אומבאַפרידיקט בלייבן, וואָרעם זייער עשי־רות איז געווען די שטרויכלונג צו זייערע חטאים (12). אַזוי אַז איך וועל אויסריי־

ניקן צווישן אייך די ווידערשפעניקערס און די וואס טוען נישט מיין רצון; פון דעם לאנד וווּ זיי וווינען וועל איך זיי ארויסציען, אבער אין דעם לאנד פון ישראל וועט קיינער פון זיי נישט קומען (13). און עס וועט געשען מיט זיי אזוי ווי מיט יענע, וואס זיינען פארבליבן אין מדבר מחמת זייער זינד, און עס איז געווארן מקוים די דאזיקע נבואה: אלע די וואס וועלן מיך באליידיקן וועלן נישט זען דאס לאנד וואס איך האב צוגעזאגט זייערע אבות.

לערך צוואנציק טויזנט נפשות האבן פארלאזט די אייראפעישע גרענעצן כדי מקבל צו זיין דעם עול פון יידישקייט. זיי האבן זיך נישט צוגעהערט צו די דראונגען מיט וועלכע דער גייסטיקער שונא (14) האט זיי געדראט, אז זיי וועלן דארפן לעבן אין גרויס ארעמקייט אין טערקיי, וועלכע ווארט אויף זיי מיט אן אפן מויל כדי זיי איינצושלינגען, און אז דער גלות ביי די טערקן און ביי די מורינען וועט זיין א שווערער. הלוואי זאל דער גרויסער מלך און האר פון וועלטאל מכפר זיין אויף זייערע זינד, און זיי מקבל זיין.

---

1) יאר 1531 נ"ק.

2) פון דער אינקוויזיציע.

3) אין זיין אויסגאבע פון: אושקים כפר באמערקט מענדעס דאס רעמעדיאס: זאל ער (יאהאן דעלא פאיא) זיין איינער פון די פירשטן און דוכסים פון מילאן, וועלכע שטאמען פון דער משפחה וויסקאנטי, וואס האט רעגירט אין יאר 1349?

4) פון דער אינקוויזיציע.

5) דאס הייסט: נאך איידער זיי האבן זיך אומגעקערט צום דת פון זייערע אבות.

6) אושקים א שארפער פארווארף קעגן די רייכע מאראנען, וועלכע האבן זיך נישט אומגעקערט צום יידישן גלויבן. די שארפקייט פון אושקים שטראפרייד שפיגלט זיך אויך אפ אין דעם צוגעקליבענעם ביבלישן טעקסט, וואס ווערט ציטירט ביים סוף פון קאפיטל, אין שייכות מיט די אנוסים וואס זיינען פארבליבן קריסטן פון וועלטאג וועגן.

7) די דאזיקע שטראפרייד טרעפט מען, אין ספר ירמיהו, עטלעכע מאל אבער מיט לייכטע שינויים (למשל: כ"ד — ט').

8) זכריה י"ג — ט'.

9) יחזקאל ו' — ט', י'.

10) ירמיהו ח' — ו', ז', ח'. די קלאמערן זיינען אושקים און שליסן איין זיינע אייגענע הוספות צום ביבלישן טעקסט.

11) ירמיהו י"ז — י', י"א.

12) יחזקאל ז' — י"ט.

13) יחזקאל כ' — ל"ח.

14) אזוי רופט אושקי מז הסתם די קריסטן.

32. נעאפּאָל

און ס'איז נאָך געשען, נאָך דעם ווי עס זיינען פאַרגאַנגען כמעט דרייסיק יאָר זינט דער צייט ווען דאָן פערדינאַנד (דער מלך, וואָס האָט מיך פון שפּאַניע אַרויס־געיאָגט), האָט מיך אַרויסגעטריבן פונעם נעאַפּאָליטאַנישן קיניגרייך, פון וואַנען עס האָבן אויסגעוואַנדערט לערך צוואַנציק טויזנט נפשות, און עס איז דאָרטן פאַר־בליבן נאָר איין אַדלדיקע משפחה (1) פון מיינע זין. און לויט זייער (2) השתדלות האָבן זיך שוין אַהין ווידער געהאַט אומגעקערט פיל פון די מגורשים, וואָס כאָטש זיי זיינען תמיד געווען פאַרפאָלגט און באַדראָט פון גירוש־גזירות, האָט עס דאָך געלינדערט זייער מצב, ביז דעם טאָג ווען דער אימפּעראַטאָר קאַרל (3) האָט באַ־שלאָסן צו פאַרווירקלעכן דאָס וואָס איז אַזוי פיל מאָל געפּרוווט געוואָרן (4).

חוץ אַנדערע, איז צווישן די דאָזיקע יידן געווען אַ הויכגעלערנטער מאַן און חשובער זקן (5) פון דער שפּאַנישער נאַציע (6), דער וויכטיקסטער און אָנגע־זעענסטער, וואָס איז ווערט אָנגערופן צו ווערן טריסמעגיסטאָס (7), ווי די גריכן זאָגן, דריי מאָל גרויס: אַ גרויסער תלמיד־חכם, אַ גרויסער איידלמאַן און אַ גרויסער עושר.

זיין רייכטום איז געווען אַ שטענדיקע גרויסע הילף פאַר זיינע ברידער אין זייערע מאַטערנישן. ער האָט חתונה געמאַכט אָן אַ צאָל יתומות, אויסגעהאַלטן אָרעמע־לייט און בעיקר האָט ער זיך באַמיט אויסצולייזן געפאַנגענע. אַזוי האָבן זיך אין אים פאַראייניקט אַלע מעלות, וואָס מאַכן מסוגל צו נבואה.

דער הימל האָט אים נאָך געשענקט אַ באַגלייטערין (8), וואָס איז צו אים אין אַלע מעלות גלייך געווען. און אַז זי האָט געזען די אַנגסטן וואָס זיינען באַפאַלן אירע ברידער, איז זי, באַגלייט פון עטלעכע נעאַפּאָליטאַנער פּרינצעסינס, געגאַנגען בעטן דעם אימפּעראַטאָר אַז ער זאָל בטל מאַכן דעם גירוש־באַפעל קעגן די יידן. איר בקשה האָט זי, פונעם הימלישן חסד געהאָלפן, מיט אַזעלכע קלוגע ווערטער פאָרגעלייגט, אַז דער אימפּעראַטאָר האָט מיט ליבלעכע ווערטער געטאָן איר פאַר־לאַנג, און דערמיט איז אַ גרויסע טרייסט געקומען אויף די יידן.

נאָר ווען קאַרל איז אַוועק פון נעאַפּאָל, האָבן אים אָנגערעדט עטלעכע בייזע

ראַטגעבערס, וואָס מיינע חטאים האָבן אויף מיר אָנגעררייצט. אין פינף יאָר ארום האָט ער באַפוילן יעדער ייד זאָל טראָגן אַ צייכן (9), און אַז אויב אַ ייד וועט אָן דעם באַגעגנט ווערן ערגעץ ווו, זאָל ער פאַרלירן זיין לעבן און זיין פאַרמעגן — אָן אומפאַרטראָגלעכע שטראָף.

אָבער מיינע קינדער האָבן שוין געוווסט, אַז אונדזערע גרויסע אומגליקן הייבן זיך אָן פון די קלענסטע זאַכן, און די דאָזיקע קליינע גזירה, אפילו מ'זאָל זי אויס־פאָלגן, איז אָבער, פון דער צווייטער זייט, אַ קלאָרער אָנדייט אַז די כוונה פון מלך איז געגוויגט קענען זיי, און נאָך דעם קען קומען אַ גרעסערע גזירה, און זיי זאָלן סיי ווי מוזן פאַרלאָזן דאָס דאָזיקע קיניגרייך. דעריבער האָבן אַלע מיינע קינדער באַ־שלאָסן אויסצוואַנדערן, איידער נאָך דער שלעכטער אָנהייב זאָל דעררגרייכן זיין אומגליקלעכן סוף (10). און דאָס האָבן זיי געטאָן אין משך פון זעקס חדשים, וואָס זיינען זיי באַשטימט געוואָרן, אונטער הארבע שטראָפן (11).

צווישן די אויסוואַנדערערס איז אויך געווען די איידעלע משפחה, וואָס האָט געוואָלט אַז איר חלק זאָל זיין צווישן די געיאָגטע ברידער, כאָטש מ'האָט פאַר זיי געמאַכט אָן אויסנעם און זיי נישט פאַרטריבן.

טייל זיינען אַוועק אין דער רחבותדיקער טערקיי, אַ סך — אין די מלוכות פונעם פויפּס, און אַנדערע זיינען געוואָרן אונטערטאַנען ביי טייל פירשטן פון איטאַליע.

עס איז דאָ מקוים געוואָרן דיין נביאישער אורטייל, ירמיהו: איך וועל מאַכן אַז זיי זאָלן אַרומוואַנדערן דערשראָקענע איבער אַלע מלוכות פון דער וועלט.

---

1) אושקי באַמערקט: „די משפחה אברבנאל". עס איז וויכטיק צו פאַרצייכענען אַז אושקי, שרייבט אַ ב ר אַ וו אַ נ ע ל (Abravanel) און נישט ווי מ'איז זיך בדרך כלל נוהג צו לייענען אַבאַרבענעל.

2) לויט דער השתדלות פון דער משפחה אברבנאל.

3) קאַרל דער פינפטער, שפּאַנישער קיניג און דייטשער אימפּעראַטאָר.

4) אַרויסטרייבן די יידן.

5) אושקי באַמערקט: „דער סעניאָר דאָן שמואל אברבנאל". דאָן שמואל אברבנאל (1473 — 1550) איז דער יינגסטער פון דון יצחק אברבנאלס זין, און האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אין די מלוכישע קרייזן פון דעם נעאַפּאָליטאַנישן קיניגרייך.

6) אַזוי רופט אושקי די שפּאַנישע יידן.

7) טריסמעגיסטאָס (טרים = דריי; גיסטאָס = זייער גרויס) — אַ גריכישע באַצייכענונג פאַר וויכטיקע פיגורן אין דער מיטאָלאָגיע.

8) אושקי באַמערקט: „די סעניאָראַ דאָניאַ בענווענידאַ אַבראַוואַנעלאַ". איינע פון די מערק־ווערדיקסטע יידישע פרויען. איר יחוסדיקער אָפּשטאַם און הויכע פּאָזיציע, האָבן זי נישט דער־ווייטערט פון איר פאָלק. פאַרקערט, זי האָט אויסגענוצט איר פּריווילעגירטן מצב צו פאַרלייכטערן די עינויים פון די געיאָגטע מאַראַנען, מיט וועמען זי פלעגט טיילן דעם ביטערן וואַנדער־גורל.

דאניא בענווענידא אבראוואנעלא איז, אגב, „די סעניארא פון נעאפאל”, וועגן וועלכער דוד הראובני שרייבט אין זיינע זכרונות:

„און עס האט געשיקט צו מיר די סעניארא פון נעאפאל תמ״א (תבורך מנשים אמן) קיין פיסא א שיי׳נע זיידענע פאן, וואס אויף איר זיינען געווען אויסגעהאפט מיט גאלד די עשרת הדברות פוןביידע זייטן, נאר די פאן איז געווען אן אלטע. גם האט די סעניארא הנ״ל געשיקט צו מיר א הערלעכן גאלד־בגד, איך זאל אים אנטאן לכבוד איר נאמען ז״ל, חוץ דעם וואס זי האט געשיקט צו מיר נאך בעת מיין זיין אין רוים דריי מאל געלט. איך האב געהערט וועגן איר שוין זייענדיק אין אליסאנדריא און אין ירושלים, אז זי פלעגט אויסלייזן געפאנגענע, אז זי האט אויסגעלייזט מער ווי טויזנט שבויים, אז זי טוט צדקה יעדערן וואס בעט ביי איר, — געבענטשט זאל זי זיין ביי גאט.” (ספר הזכרונות פון דוד הראובני, יידיש פון א. י. גאלדשמידט, ווילנע 1927, זייט 92).

אין דער הקדמה צו דער ערשט דערמאנטער איבערזעצונג פון דוד הראובנים ספר הזכרונות, באצייכנט א. י. גאלדשמידט אויך אושקים ספר צווישן די מקורים, וועלכע באשטעטיקן די היסטארישקייט פון דוד הראובני און שלמה מולכו, בטעות מן הסתם, ווייל אין דער „טרייסט צו די ליידן פון ישראל” ווערן די דאזיקע צוויי וואנדערלעכע געשטאלטן נישט דערמאנט. עס איז, אגב, צום שטוינען אויף אושקים גלייכגילטיקייט לגבי די צוויי בארימטע בני־דור פון דאניא בענווענידא אבראוואנעלא. אין דער זעלבער צייט וואס ער פארצייכנט פיל אינדיווידועלע אומגליקפאלן, וואס ווען זייערע קאנסעקווענצן זאלן נישט באשטעטיקן דעם כלל כל ישראל ערבים זה בזה, וואלטן זיי געהערט צו דער ספערע פון פאליציי־כראניק און נישט פון געשיכטע, איז ער עובר בשתיקה אויף צוויי מאיעסטעטישע פיגורן פון זיין דור. דאס קומט ווארפן א שאטן פון ספק אויף דער באהויפטונג, וועלכע ווערט דערמאנט אין ביא־ביבליאגראפישן אריינפיר צו דעם בוך, אז שמואל אושקי אליין זאל שפעטער האבן אגיטירט, אין צפת, לטובת דער משיחישער באוועגונג פון זיין צייט. הגם עס איז בולט אז אושקים ווערק איז געשריבן מיט רעליגיעז־פילאזאפישע און נישט מיט נאציאנאל־אויפלייזערישע טענדענצן, איז אבער, פון דער צווייטער זייט, באקאנט אז אושקי טיילט זיך אויס פון די אנדערע יידישע כראניקערס, זיינע בני־דור, דווקא דערמיט וואס ער האט אויך געקענט חכמות היצוניות און האט פארמאגט די סגולות, וואס מאכן פעאיק צו האבן אויך א פאליטישן און וויסנשאפטלעך־קריטישן צוגאנג צו געשיכטלעכע געשעענישן. עס בלייבט נאך, בכן, אלץ שווער צו פארשטיין אושקים גלייכגילטיקייט לגבי דוד הראובני און שלמה מולכו. נאך איין רעטעניש אין א קלארן באשייד אין דער געהיימנישפולער לעבנס־געשיכטע פון ר׳ שמואל אושקי.

9) א באזונדערער שאנדצייכן אויף די קליידער.

10) אושקי באמערקט: „5301”. די דאזיקע צאל באצייכנט דאס יאר פון דער אויסוואנדערונג. לויט דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג קאן עס זיין 1541 אדער 1540. אומעטום איז אנגעגעבן דאס יאר 1540.

11) ווייזט אויס אז עס איז זיי געגעבן געווארן די ברירה: אדער טראגן דעם שאנדצייכן, אדער פארלאזן דאס לאנד.

33. קאָנסטאַנטינאָפּאָל, יאָר 5302 (1) לבה״ע

און כדי דער דאָזיקער גירוש (2) און דער דאָזיקער אומרו זאָלן נישט פאַר־גיין אָן עפּעס אַ נייער מאַטערניש, דאַרף געשען אין טערקיי אַזאַ מעשה: אַ טערק האָט זיך פאַרליבט אין אַ חתונה־געהאַטער און גוט־מידותדיקער טערקישער פרוי, און האָט זי זייער באַומרואיקט און פאַרפאָלגט. האָט זי באַשלאָסן דאָס מגלה צו זיין איר מאַן, וועלכער האָט איר געזאָגט זי זאָל דעם פאַרליבטן נישט אָפּזאָגן, נאָר פאַרקערט: אים הייסן אויף איר וואַרטן אין אַ באַשטימטער שעה, ביי נאַכט, אויף אַ באַשטימט אָרט.

דער פאַרליבטער האָט זיך זייער געפרייט מיט דעם אַרויסגעוויזענעם חסד, און נישט פאָרויסגעזען דעם אומגליק וואָס דערוואַרט אים פאַר אַזאַ שריט. דער מאַן פון דער פרוי, אָבער, האָט געלויערט אויף יענעם אָרט, גוט באַוואָפנט, ווי עס פאָדערט זיך אין אַזאַ פאַל, און ווען דער נואף איז אַהין אָנגעקומען, האָט ער אים דערהרגעט.

ווען דער הרוג איז שוין געלעגן אויסגעשטרעקט ביי זיינע פיס, אָן נשמה, האָט דער רוצח אָנגעהויבן קלערן וועהין צו פאַרטראָגן דעם טויטן קערפּער, כדי אַנדערע זאָלן אָפּקומען פאַר דעם מאָרד. ענדלעך אַזוי ווי אַלע מכשולים ווערן איצט געשטעלט נאָר פאַר יידן, וואָרעם זיי זיינען דאָס שוואַכסטע אָרט וועהין עס יאָגן אַלע אומגליקן, האָט ער באַשלאָסן אונטערצוואַרפן דעם הרוג אין אַ יידישן הויף.

אַז די געמאַטערטע יידן האָבן, אין דער פרי, געטראָפן אַ דערשטאָכענעם טערק פאַר זייערע טירן, איז גרויס געוואָרן די צעטומלעניש און די אַנגסט צווישן זיי אַלע, ווי צווישן די גלידער פון איין קערפּער. און די טערקן זיינען געקומען און געגאַנגען אָן אויפהער זען דעם הרוג, און געמורמלט קעגן די פאַראומערטע יידן. זייער צאָרן האָט זיך אַזוי צעברענט, אַז זיי זיינען שוין געווען גרייט צו מאַכן אַ שחיטה.

און דאָס ערגסטע איז געווען וואָס עס האָבן נישט געפעלט קיין שונאים, וואָס זאָלן פאַלש עדות זאָגן פאַר די פּאַשאַס (3), וועלכע האָבן שוין געוואָלט הייסן טייטן אַלע פאַרהאַלטענע, מחמת די פאַלשע עדות־זאָגערס. אָבער דער געטלעכער

חסד האָט זיך באַוויזן און מציל געווען די פאַרהאַלטענע דורך אַ יידן (4), דער באַרימטער רופא פונעם סולטאַן, וואָס האָט געהאָלפן זיינע ברידער מיט דער גאַנצער פרומקייט און ליבע, ווי ער האָט שוין פריער אַ סך מאָל געהאַט געטאָן. ער האָט זיך משתדל געווען אַז מען זאָל הייסן מאַכן אַ שטרענגע חקירה וועגן דער זאַך, און דער געטלעכער חסד האָט געוואָלט עס זאָל אַנטדעקט ווערן פינקטלעך דאָס געשעענע.

עס איז צו גלייבן, יחזקאל, אַז דיין ווייטערדיקע נבואה איז דאָ מקוים געוואָרן: לויט זייערע דרכים וועל איך טאָן מיט זיי, און לויט זייערע משפטים וועל איך זיי משפטן, (אַזוי) וועלן זיי וויסן אַז איך בין גאָט (5).

1) יאָר 1542 נ"ק.

2) דער גירוש פון נעאַפּאָליטאַנישן קיניגרייך, באַשריבן אין פאַריקן קאַפּיטל.

3) טערקישע הויכע באַאַמטע.

4) אושקי באַמערקט: „דער סעניאָר משה האַמאָן". משה האַמאָן (1490־1565 בערך) איז געווען דער באַליבטער לייב־רופא פון דעם מעכטיקן סולטאַן סולייאַמאַן II. ער פלעגט אָפט מאָל אויסנוצן זיין גרויסן איינפלוס אין סולטאַנס הויף, און זיך משתדל זיין לטובת זיינע ברידער.

5) יחזקאל ז' — כ"ז.

34. סאַלאָניק, יאָר 5305 (1) לבה״ע

נאָך אַן אַנדערע, אַ בייזערער אומגליק, און פון גרעסערן שאָדן, איז געקומען נאָך דעם: עס איז פאַראַן אַ שטאָט אין דעם לאַנד, וואָס האָט אַ מאָל געהערט צו די גריכן, איז אין אונדזערע טעג אַן אמתע מאַמע פאַר די יידן, באשר זי רוט אויף די טיפסטע יסודות פון דער תורה, פול מיט די בעסטע פלאַנצן און פרוכט־ברענגענדיקע ביימער, וואָס זיינען איצט באַרימט איבער דער גאַנצער וועלט (2). הייליק זיינען אירע פרוכטן, ווייל עס באַוואַסערט זיי אַ גרויסע שפע פון נדבות. מעשים טובים פון דעם גרעסטן און העכסטן ווערט זיינען אירע מויערן.

אין דער דאָזיקער שטאָט האָבן זיך פאַרקליבן דאָס רוב פון מיינע זין, וועלכע זיינען פאַרפאָלגט און געטריבן געוואָרן פון אייראָפּע און פון אַנדערע וועלטטיילן, און זי נעמט זיי אין אירע אָרעמס מיט ליבע און גוטן ווילן, גלייך זי וואָלט געווען אונדזער אַמאָליקע פרומע מוטער ירושלים.

נאָר צוליב דער גרויסער און פרומער יידישער עדה, וואָס האָט זיך אַזוי בשלווה געלעבט, איז דער געטלעכער צאָרן, דורך פייער, עטלעכע מאָל אָראָפּגענידערט און זי פיל געשעדיקט. באַזונדער דאָס לעצטע מאָל (3), ווען עס זיינען פאַרברענט געוואָרן הונדערט יידישע נפשות אין איינעם מיט אַ גרויסער צאָל רייכטימער. הויכע בנינים זיינען געפאַלן צו דער ערד, כמעט אַלע הייליקע סינאַגאָגעס זיינען חרוב געוואָרן און, אָן אַ מספר, אַלטע, טייערע און הייליקע ספרים זיינען געוואָרן צו אַש.

און די דאָזיקע שטראָף (4) איז געפאַלן אַזוי שרעקלעך אויף די איינוווינערס פון שטאָט, און אויף אַלע די וואָס זיינען פון זיי אָפּהענגיק געווען, אַז זיי זיינען אין גאַנצן פאַרניכטעט געוואָרן. וואָרעם פיל רייכע זיינען געוואָרן אָרעמע און די אָרעמעלייט זיינען איבערגעקומען אויף דער גרעסטער נויט.

אומבאַגרייפלעך, אָ גאָט, זיינען דיינע משפטים, ווייל די דאָזיקע וואָס האָבן, לויט עס האָט אויסגעוויזן, זיך אַזוי באַמיט צו גיין אין דיינע דרכים, האָסטו זיי מיט אַזאַ האַרטער רוט פאַרווונדיקט. אָבער פאַרטראַכטנדיק זיך וועגן דיין אומענדלעכן גוטס און אַז אין אַלע דיינע דרכים ביסטו גערעכט, איז צו גלייבן אַז אַזוי

האָסטו מסתמא באַשטראָפט זייערע אַ זינד וואָס איז אפשר באַגאַנגען געוואָרן פון איינצלנע רשעים, נאָר די שטראָף כאַפּט אַ מאָל אַרום אויך די צדיקים, וואָס האָבן זיך נישט באַמיט אויסצוראָמען דאָס שלעכטס.

נאָר גיכער איז צו באַהויפּטן אַז די דאָזיקע שטאָט, וואָס איז דער קאָפּ פון יידנטום און אַלע אַנדערע לענדער זיינען אירע גלידער, האָט אַזוי אַרום (5) דערשפירט דעם ווייטיק און דאָס שלעכטס וואָס געשעעט זיי אַלע, כדי עס זאָל מקוים ווערן דער דאָזיקער גזר פון ישעיהון: גאָט פון צבאות וועט אָנשיקן אויף די פעטע און מעכטיקע אַ מאָגערקייט און אויפן אָרט פון אייער פּראַכט וועט ער אָנצינדן אַ פייער (6).

---

1) 1545 נ"ק.

2) מליצה־דייד וועגן דער גרויסער ראָלע, וואָס די שטאָט סאַלאָניק, דאָן אונטער טערקישער הערשאַפט, האָט, אין אושקיס תקופה, געשפּילט אין יידישן לעבן, ווי אַ וועלט באַרימטער צענטער פון תורה, חכמה און מעשים־טובים.

3) אושקי באַמערקט: „יאר 5305", ד"ה: 1545 נ"ק.

4) דאָס הייסט: די שריפה.

5) דורך דער שטראָף, דורך דער שריפה.

6) ישעיהו י' — ט"ז.

35.ביימען. יאָר 5306 (1) לבה״ע

אין דער זעלבער צייט האָב איך געזען ווי קעגן די פאַרטריבענע יידן, וואָס האָבן כמעט בשלווה געלעבט אין ביימען, און אין אנדערע שטעט פון דייטשלאַנד, האָט זיך אויפגעהויבן אַ געשעעניש, וואָס האָט זיי פאַרשאַפט פיל מאַטערניש און מי. אָנגעהויבן האָט זיך עס אין דער שטאָט פּראָג, איבער אַ באַלשפּיל צווישן קריסטלעכע און יידישע יינגלעך. בעתן שפּילן האָט זיך דער באַל אַראָפּגעקייקלט אין אַ פאַרבאָרגן אָרט און איינער פון די קריסטלעכע יינגלעך האָט שפּעטער, אָוונט צו, איינער אַליין זיך געוואָלט אַראָפּלאָזן נעמען דעם באַל, אָבער ער האָט זיך אויסגעגליטשעט, אַראָפּגעפאַלן אונטן און איז דערהרגעט געוואָרן.

אַז דאָס יינגל האָט זיך נישט באַוויזן, האָט מען געמאַכט אַ חקירה וועגן אים, ביז מ׳האָט געטראָפן דאָס אָרט וווּ ער איז אַראָפּגעפאַלן און ווייל עס איז געווען בשכנות מיט אַ יידישער שטוב, האָט מען זיי אַלע באַשולדיקט ווי רוצחים פון דעם יינגל.

די אַלטע לייט האָבן געזאָגט אַז דאָס יינגל איז דערהרגעט געוואָרן כדי צו מאַכן פּסח מיט זיין בלוט, און האָבן באַפעסטיקט זייערע רייד דערציילנדיק אַז מיט צייטן צוריק זיינען יידן שוין פיל מאָל באַשולדיקט געוואָרן אין דעם אין דייטשלאַנד און אפילו אין דער שטאָט פּראָג.

דער דאָזיקער בלבול האָט די יידן פאַרשאַפט אַזוי פיל אַנגסטן און ווייטיקן, גלייך דער טויט וואָלט זיי געשטאַנען פאַר די אויגן, באַשר זיי האָבן מורא געהאַט אַז דער המון זאָל קעגן זיי נישט אויפשטיין און מאַכן אַ ווילדע שחיטה, ווי זיי, די יידן, האָבן שוין פיל מאָל געהאַט אויסצושטיין מחמת אַזעלכע פאַלשע עדות-זאָגענישן.

אָ ווילדער געדאַנק, אַ שרעקלעכע פּלאָג און קללה וואָס פאַרבלענדן קעגן מיר אַזעלכע, וואָס זיינען ביים גאַנצן זינען ווי די קריסטן! אָ פעלקער, פאַר וואָס נעמט איר נישט אין אַכט ווי אָפּשטויסנדיק דאָס בלוט איז פאַר דעם יידן? זעט איר דען נישט אַז צווישן די ערשטע געבאָט פון זיין תורה, האָט אים גאָט פאַרווערט צו עסן בלוט, פון וועלכן ער האָט אים געהייסן אַנטלויפן. אַ דערוואָרגן עוף טאָר נישט

געגעסן, ווערן מחמת דעם בלוט וואָס געפינט זיך נאָך אין אים, און יעדער חיה דאַרף פריער געשחטן ווערן כדי איר בלוט זאָל אויסרינען. וואָס פאַר אַ זאַך איז דאָס אויסצוטראַכטן אויף יידן אַז זיי הרגענען אַ באַשעפעניש כדי צו נוצן זיין בלוט? סיידן אַ פלאָג וואָס גאָט דערלויבט, אָן אומגליק וואָס גאָט שיקט אָן, רדיפות פאַר זינד וואָס יידן זיינען באַגאַנגען, אַ רוט מיט וועלכער זיי ווערן געשטראָפט מחמת דעם וואָס זיי און זייערע עלטערן זיינען טאַקע עובר געווען אויף דער מצווה וועגן בלוט (2), און גאָט וויל זיי דעריבער שטראָפן דורך בלוט און מיט פאַלשע עדות.

ענדלעך, נאָך דעם ווי מיינע קינדער פוןביימען און עטלעכע אַנדערע ערטער פון דייטשלאַנד, האָבן שוין געהאַט געזען דעם טויט פאַר די אויגן, בעת זיי האָבן געוואַרט אויף דעם פסק-דין וואָס וועט קעגן זיי אַרויסגעטראָגן ווערן, האָבן די פירשטן פון די ערטער באַשלאָסן אַז היות עס איז בלויז פאַראַן אַ חשד קעגן די יידן, זאָלן אַלע פאַרטריבן ווערן פון דער מלוכה. טייל פון די מגורשים זיינען אַוועק אין דעם שכנותדיקן פוילן און אַנדערע האָבן זיך פאַרקליבן קיין טערקיי.

אַ הימלישער גנאָד, ווי דו פאַרמיידסט די שטראָף וואָס מיינע זינד ברענגען אויף מיר. עס איז דאָ מקוים געוואָרן דיין נבואה, ישעיהו: צוליב מיין נאָמען וועל איך איינהאַלטן מיין צאָרן, און פון מיין לויב וועגן וועל איך מיך צאַמען בעת כ'וועל דיך באַשטראָפן, און איך וועל דיך נישט אין גאַנצן פאַרטיליקן (3).

1) יאַר 1546 נ"ק.

2) אושקי וויל דאָ אפשר מרמז זיין אַז די אנוסים האָבן נישט אָפּגעהיט הלכות־שחיטה און געגעסן טריפה פלייש. זיי האָבן געזינדיקט מיט בלוט (געגעסן פלייש מיט בלוט) און גאָט האָט זיי געשטראָפט דורך בלוט (בלוט־בלבול).

3) ישעיהו מ"ח — ט'.

36. איטאַליע, יאָר 5311 (1) לבה״ע

אין דעם זיבערסטן האַוון פון איטאַליע (2), וואָס דער הימלישער חסד האָט מיר אָנגעגרייט זיך אָפּצורוען פון דער שווערער רייזע, וואָס איך מאַך פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, האָט זיך דערוועקט קעגן מיר די קנאה פון גייסטיקן שונא (3), און מיינע זינד האָבן געשטאַרקט זיינע הענט:

עס איז געשען אַז אַן עפּידעמיע האָט אויסגעבראָכן ערגעץ ווו אין גריזוינס (4) און היות דאָס איז אַ קלעפּיקע חולאת, האָבן עטלעכע רייזנדערס, וואָס זיינען אַהער (5) געקומען פון יענע געגנטן, אָנגעשטעקט די שטאָט, און עס זיינען דערפון געשטאָרבן אַ קליינע צאָל מענטשן, צווישן זיי אויך פּאָרטוגעזישע יידן.

אָבער דער המון האָט חושד געווען אַז פון זיי (6) שטאַמט די קרענק, ווייל דורך יענער געגנט איז געווען דער וועג, וואָס האָט אונדז פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל געבראַכט אַהער, אין דעם זיכערן האַוון. און דער חשד האָט זיך אַזוי באַפעסטיקט, אַז דער פּירשט פון דער שטאָט, נישט געקוקט אויף זיין בעסטן רצון אונדז נוטה־חסד צו זיין כדי צו פאַרלייכטערן דעם ביטערן גלות, צו וועלכן מיר זיינען פאַרמשפּט געוואָרן נאָכן צווייטן חורבן (7), האָט צוליב דער עקשנות פון המון און צוימענדיק זיינע אייגענע גוטע געפילן, געהייסן אַרויסטרייבן אַלע פּאָרטוגעזער (8) פון זיין שטאָט.

און זיי האָבן פאַרלאָזט די שטאָט אויסשטייענדיק אַלע שוועריקייטן און נויטן וואָס מ׳קען זיך נאָר פאָרשטעלן, באשר דאָס פאָלק האָט זיי געהאַלטן פאַר אָנגעשטעקטע, און קיינער האָט זיי, אפילו פאַר געלט, נישט געוואָלט העלפן בעת זיי האָבן פאַרלאָזט די שטאָט. דערצו איז נאָך ביי נאַכט אויסגעגאַנגען דער טערמין וואָס מ׳האָט זיי געגעבן און, אונטער דער שטראָף צו פאַרלירן זייערע פאַרמעגנס, האָבן זיי געמוזט אַוועקפאָרן.

וואָלט איר דאַן געקענט זען, ברידער, ווי מידע זקנים זיינען געפאַלן אין דער פינצטער, מיט זייערע קאַסטנס, אין מיטן די גאַסן, ווייל זייערע שוואַכע כוחות האָבן נישט געקענט איבערטראָגן אַזאַ שווערע לאַסט; און ווי לעבן די געפאַלענע האָבן זייערע אַלטע, שוואַכע פרויען געוויינט און באַקלאָגט זייער מזל. און איר וואָלט געקענט זען ווי אַנדערע האָבן אַנגסטיק געשלעפּט דאָס וואָס זיי האָבן נישט

געקענט טראָגן אויף די פּלייצעס. אויסער דעם, ווען זיי זיינען שוין נאָך אזוי פיל מאַטערניש, אָנגעקומען צום פּאָרט, האָבן זיך אויף זיי געוואָרפן די וועכטערס, וואָס זיינען דאָרט געשטעלט געוואָרן פון דער יוסטיץ זיי צו היטן, און מיט אַנט-בלויזטע שווערדן, און מיט שפּיזן קעגן זייערע ברוסטן, ביי זיי צוגענומען דאָס ביסל געלט, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר רייזע-הוצאות. (דערנאָך זיינען די רויבערס באַשטראָפט געוואָרן פון זייער גערעכטן פירשט).

ווען די פאַרטריבענע זיינען אריין אין די שיפן, וואָס האָבן זיי אויפגענומען פאַר שווער גאָלד, האָט מען זיי אוועקגעפירט אויפן ים, און שפּעטער זיינען זיי צוגעקומען צו א ברעג פון דעם זעלבן פירשטנטום. דאָרט האָט מען זיי זייער שלעכט באַהאַנדלט און זיי זיינען אויסגעשטאַנען גרויסע צרות. מיט דעם אַלעמען איז דעם הימלישן חסד ווילגעפעלן אַז אפילו איין נפש פון זיי אַלע זאָל נישט שטאַרבן; קיינער איז אפילו נישט קראַנק געוואָרן. דאָס איז געווען א קלאָרער באַווייז אַז זיי זיינען נישט געווען אָנגעשטעקט און אַז נישט פון זיי איז די חולאת געקומען.

טראָץ דעם, און ווייל די פּעסט האָט נאָך אַלץ געבושעוועט אין שטאָט, האָבן די איינוווינערס געוואָלט אַז די פּאָרטוגעזער זאָלן פאַרלאָזן דעם ברעג, און זאָלן גיין ווייטער; זיינען די געטריבענע ווידער ארויף אויף די שיפן. טייל פון זיי, וואָס האָבן זיך אוועקגעלאָזט קיין טערקיי, זיינען באַפאַלן געוואָרן פון ים-רויבערס און גנבים, וועמען זיי האָבן געמוזט געבן איינצושלינגען א ביסל גאָלד כדי צו ווערן פריי. אַנדערע האָבן ארומגעבלאָנדזשעט איבערן אדריאַטישן ים נישט וויסנ-דיק וואָס צו טאָן, באשר אין אַלע האַוונס איז מען געווען גרייט מיט שפּיזן אין די הענט, און געוואַרט אויב זיי וועלן אַהין קומען. די דאָזיקע וואַנדערערס זיינען געהאָלפן געוואָרן פון הימלישן חסד דורך דער האַנט פון מיינעם א זון (9), א ייד פון די פּאָרטוגעזישע מגורשים, וואָס האָט געוווינט אין פּעזאַראָ, א שטאָט אין דעם שטאַט אורבינאַ, און וועלכער איז געוואָרן גערירט פון דעם אומגליק וואָס האָט געטראָפן זיינע גניאָגטע ברידער. האָט ער געבעטן ביים פירשט פון שטאָט זיי אַריינצולאָזן, און דאָרט האָבן זיי זיך אָפּגערוט פון דעם לעצטן אומגליק.

אַנדערע ווידער זיינען אויסגעשטאָרבן אומבאַהאָלפענע אויף די וועגן פון אי-טאַליע, ווייל מ'האָט דערקענט אַז זיי געהערן צו דער פּאָרטוגעזישער נאַציע און אַלע פלעגן פון זיי אַנטלויפן מחמת מ'האָט זיי געהאַלטן פאַר פּאַרפּעסטיקטע.

גערעכט ביסטו געווען, ירמיהו, ווען האָסט געזאָגט: איך וועל זיי פאַרפאָלגן מיט דער שווערד, הונגער און פּעסט. איך וועל מאַכן אַז דערשראָקענע, זאָלן זיי ארומוואַנדערן איבער אַלע לענדער פון דער ערד, און איך וועל זיי מאַכן פאַר א קללה, פאַר א שרעק, פאַר א שפּאָט און פאַר אן אומכבוד ביי אַלע פעלקער צווישן וועלכע זיי וועלן וואַנדערן מידע און גניאָגטע. ווייל אין דעם דאָזיקן גירוש (10) און אויך אין דעם גירוש פון פּאָרטוגאַל, איז דיין נבואה מקוים געוואָרן.

1) יאר 1551 נ"ק.

2) אושקי מיינט דא די איטאליענישע שטאט פעראַרא.

3) אזוי באצייכנט אושקי, ווייזט אויס, די קריסטלעכע באפעלקערונג.

4) גריזוינס איז דער פארטוגעזישער נאמען פאר דעם קאנטאן פון דער שווייצארישער קאנ־פעדעראציע, וואס ווערט אנגערופן גראובינדן.

5) קיין פעראַרא.

6) פון די איינגעוואנדערטע פארטוגעזישע יידן.

7) נאכן חורבן בית־שני; גלות ספרד ופורטוגל ווערט דא באטראכט ווי דער דריטער חורבן.

8) די פארטוגעזישע יידן.

9) אושקי באמערקט: Manuel Bichacho; אזוי איז געווען דער נאמען פון דעם יידן פון פעזארא.

10) דער גירוש פון פעראַרא, וואס ווערט באשריבן אין דאזיקן קאפיטל.

37. פעזאַראָ, יאָר 5313 (1) לבה״ע

עס איז קוים אַוועק אַ שטיקל צייט (2) און אַ צווייטע, אַ טיפערע וווּנד האָט מיך באַטריבט, ווייל חוץ דעם וואָס זי האָט צעווייטיקט מיין נשמה, האָט זי נאָך אָנגעריררט און פאַרשוועכט דעם הימלשן כבוד, נישט ווייניקער ווי דאָס האָט געטאָן אַנטיוכס, ווען ער האָט מחלל געווען די הייליקייט פון בית-שני.

אין דער שטאָט פּעזאַראָ זיינען מיינע שונאים, ביי נאַכט, אין געהיים, אריין אין דעם בית-תפלה פון די פּאָרטוגעזישע מגורשים און אָן מורא, און מיט נאָך ווייניקער דרך-ארץ פאַר דעם אלהעכסטן, אַרויסגענומען פון אָרון דאָס ספר (דאָס בוך פון זיין געזעץ, וואָס איז אַן אָנשפּאַר און אַ פעסטער זייל פאַרן קיום פון דער וועלט און אירע ברואים), עס אַוועקגעשליידערט מיט בזיון, און אַזוי עס איבער-געלאָזט. אַ צווייט ספר האָבן זיי געלאָזט ליגן אין אַ שכנותדיקן גאָרטן, וואָס אויף זיינע ביימער האָבן זיי צעהאַנגען אויך די תפילין פון געבעטהויז.

אין דער פרי זיינען די יידישע הערצער אָנגעפולט געוואָרן מיט פחד און טרויער אָן אַ ברעג, פון וועגן דעם גרויסן חילול-הקודש. און כדי די וווּנד זאָל בלייבן אָן אַ תרופה און טויטלעך, איז די רשעות פון יענע מערדערהענט נאָך פיל ווייטער אַוועק, ווייל זיי האָבן אויך פאַרשוועכט — און מיט גרעסערער אכזריות — דאָס אַנדערע בית-תפלה, וווּ עס פלעגן זיך איינזאַמלען די איטאַליענישע יידן:

די פינפטע נאַכט (3) האָבן זיי, מיט דער געשיקטקייט פון פאַרברעכערס, אויפגעריסן אַן אייזערנע גראַטע און זיינען אַריין אינעווייניק. דאָרט האָבן זיי אַרויסגענומען פון די ערטער דרייצן ספרי-תורות, און מיט די הייליקע וויקלבענ-דער און מפות אַרומגעוויקלט און באַדעקט אַ שמוציקן חזיר, און אים איבערגעלאָזט אויף דעם אָרט פון וואַנען זיי האָבן אַרויסגענומען די ספרים. דערנאָך האָבן זיי פאַרמאַכט די טירן פון היכל (4) און איבערגעלאָזט די הייליקע ספרים אַוועקגע-שליידערטע אויפן דיל מיט בזיון.

אַ גאָט פון נקמה, קום צו הילף דיין הייליקייט, וואָס מ׳האָט פאַרשוועכט, נעם זיך אָן פאַר דיין כבוד, ווי דו פלעגסט עס טאָן אַ מאָל, דען מחמת אונדזערע זינד זיינען אונדזערע כוחות צעבראָכן און אָפּגעשוואַכט געוואָרן, און ווייל עס איז שוין

די העכסטע צייט און דער ריכטיקער טאָג אַז דו זאָלסט מקיים זיין דיין הייליק וואָרט: „צוליב מיר, צוליב מיר וועל איך עס טאָן, כדי עס זאָל נישט פאַרשוועכט ווערן (מיין תורה) און כדי מיין כבוד זאָל נישט אַוועקגעגעבן ווערן צו פרעמדע".

1) יאָר 1552 נ"ק. דאָס יאָר ווען דאָס בוך איז אַרויס פון דרוק.

2) נאָך דעם גירוש, וואָס ווערט באַשריבן אין פאַריקן קאַפּיטל.

3) מסתמא די פינפטע נאָכט נאָכן אַנפאַל אויפן געבעטהויז פון די פּאָרטוגעזישע יידן.

4) היכל, ספּעציעל ביי די ספרדישע יידן, באַטייט: ארון־קודש. אין פּאָרטוגעזישן טעקסט נוצט אושקי ממש דאָס דאָזיקע וואָרט Echal.

לעצטע קלאָג אויף די פאַרגאַנגענע און קעגנוואַרטיקע ליידן פון ישראל*)

אָט זעט איר, פרומע ברידער, ווי עס זיינען געווען און עס זיינען נאָך די טעג פונעם ביטערן גלות, וואָס איך טראָג איבער, זינט די רוימער האָבן מיך איבער דער וועלט צעשפּרייט.

אַזוי האָבן די ביטרע און בייזוויליקע שפּאַניער פאַרווונדיקט מיינע שעפעלעך אין זייער ערדישן גוף און אין זייער הימלישער נשמה, און זיי שיר נישט אין גאַנצן פאַרטיליקט;

אַזוי האָבן מיינע שעפעלעך געליטן דעם גרויסן צאָרן פון די דרייסטע פראַנצויזן, וועלכע האָבן זיי דאָס זיסע גראָז פון די פּאַשעפעלדער אין גאַל פאַרוואַנדלט;

אָט זעט איר ווי די בייזוויליקע ענגלענדער האָבן זיי פאַרנאַרט כדי צו האַקן זייערע קעפּ מיט דער שווערד, און ווי די גאַוההדיקע דייטשן האָבן זיי גיפטיק וואַסער געגעבן צו טרינקען;

אָט זעט איר ווי די טייוולאָניש קלוגע פלאַנדריער האָבן זיי מיט אַזוי פיל אכזריות באַהאַנדלט, און ווי די קריגערישע, כפוי-טובהדיקע איטאַליענער האָבן זיי געפּייניקט;

אָט זעט איר ווי די שטאַרקע און האַלב באַרבאַרישע פּאָרטוגעזער האָבן זיי אויף פיל שטיקער צעריסן, און האָבן די יונגע שעפעלעך פון דער מוטערס ברוסט אַוועקגערויבט, כדי זיי איבערצוענטפערן דעם פייער און דעם וואַסער, צי גאָר די ווילדע חיות פאַר אַ שפּייז.

און ביז דעם איצטיקן טאָג האָבן די אַלע פּלאָגן מיך נישט צו רו געלאָזט, ניין; נאָר ווי אַ שיף אין מיטן ים, געשמיסן פון בייזע שטורעמווינטן, וואָס קען צו קיין

---

*) מיט דעם פריערדיקן קאַפּיטל ענדיקט זיך אין אושקיס ספר דער כראָניקטייל, וואָס איז דאָ געטריי און ווערטערלעך איבערגעזעצט צוליב זיין היסטאָרישן ווערט. פון איצט און ווייטער ווערט געגעבן די איבערזעצונג פון די וויכטיקערע פראַגמענטן, און אַ קאָמענטירטער קיצור פון דעם איבעריקן טייל.

איינעם פֿון די פֿיר וועלטעקן נישט צו קומען. בין איך, געפּלאָגטער ייד, צווישן מיינע אומגליקן נאָך ביז היינט.

אַ אומגליקלעך פֿאָלק, ווער קען דען אַזאַ ביטערע און נאָך נישט געהערטע פּיין ווי דיינע?

האָסט ערשט איינגעשלונגען דעם גיפֿטיקן ביסן פֿון די באַבילאָניער, וואָס האָבן דיך שיר פֿון דער וועלט נישט עוקר געווען, און שוין ביסטו אויפֿגעשטאַנען אַז די רוימער זאָלן דיך ווידער פּייניקן.

אַ סוף האָט גענומען צו די ביידע פֿעלקער, וואָס האָבן דיך אַזוי אַכזריותדיק צעשפּליטערט, אָבער דו ביסט, צום פּיין צוגענאָגלט, געבליבן לעבן, און ווערסט ווייטער מיט נייע ליידן געפּייניקט.

ס'איז אַ חוק אַז אַלע באַשאַפֿענע זאַכן ענדערן זיך, נאָר דו, ייד, דיין אומגליקלעכער מצב שטייט אויף אַן אָרט און ענדערט זיך קיין מאָל נישט! ביסט געוואָרן אַ מעכטיקער און פֿעסטער פֿעלדז אין ים, אַן וועלכן די בייזע כוואַליעס שלאָגן אָן אויפֿהער!

די ערד — וואָס דער בייזער ווינטער דעקט אָפּ איר קלייד פֿון צאַרטע און בליענדיקע ביימער — קומט דער זומער, אַ גאָט, דערפֿרייסטו זי און וואַרפֿסט אַרויף אויף אירע אַקסלען אַ מלבוש פֿון אַזוי פֿיל בונטפֿאַרביקע בלומען און פֿרוכטן שיינע בלערליי.

עס טוען אויס די חיות זייער פֿאַרביקע פֿעל, די שאָף — זייער געפֿלעקטע וואָל, די פֿייגל — זייערע פֿילקאָליריקע פֿעדערן, אָבער דו מאַכסט אַז מיט דער צייט זאָל זיי אַלץ אומגעקערט ווערן, צו זייער גרויסער פֿרייד. נאָר מיר, דעם אָרעמען יידן, האָט דער זומער גאָרנישט אומגעקערט!

פֿריי געלאָזט פֿון יאָך ווערן די אָקסן נאָך אַ גליענדיקן טאָג פֿון אַקער. באַוועגנ־דיק מיטן קאָפּ און זיך באַלעקנדיק גייען זיי דערנאָך מיטן אָוונט-שאָטן צו דער רו פֿון זייערע שטאַלן. אויך דער אַרבעטזאַמער פּויער שפּאַנט אַהיים אין יענער שעה. לוסטיק און זאָרגלאָז עסט ער אָפּ זיין פּויערשע סעודה, און, פֿאַרגעסנדיק די מי פֿון טאָג, פֿאַלט ער אַריין אין אַ טיפֿן שלאָף אויף אַ גאַנצער נאַכט. נאָר פֿאַר מיר איז נאָך די שעה פֿון רו נישט געבוירן, ניין! דער יאָך פֿון פֿאַנגער דריקט ווידער מיין נאַקן, און דער ביסן ווערט צווישן האַנט און מויל פֿאַרהאַלטן, פֿון וועגן די טרויעריקע זכרונות.

אומרואיק און דערשראָקן זייגען תּמיד מיין געמיט און מיין שלאָף, דען אומ־גליק און נויט לאָזן דעם פֿריד נישט צו, נאָר באַדראָען אים צו יעדער רגע.

באַטריבט גייען געפֿאַנגענע אַריין אין תּפֿיסה, אין זייערע ייִנגסטע יאָרן, נאָך אָן אַ חתימת-זקן אַפֿילו; און ווען זייערע האָר זיינען ווי שניי שוין ווייס, טרעפֿט

מען זיי אַלע נאָך דאָרטן. אָבער אַט קומען אָן די לעצטע טעג פון זייער לאַנגער און בייזער געפאַנגשאַפט — גייען זיי אַרויס און דערקוויקן זיך מיט דער זיסער פריי-הייט.

די אומגליקלעכע געפאַנגענע וואָס זיינען, ווי מתים, שוין פון אַלע פאַרגעסן, דערלעבן דעם סוף פון זייער אומגליק און גייען אַרויס אויף דער פריי. נאָר דו, אַ באַטריבטער יעקב, דער עלטסטער צווישן אַלע געפאַנגענע, וואָס די אַלטקייט האָט שוין דאָס אייזן פון דיינע קייטן צעפרעסן, נאָר די צייט שליסט דיך אין זיי אַלע מאָל פון דאָס ניי — נאָר די שעה פון דיין פרייהייט קומט נאָך נישט!

די וואָס בענקען צו דעם היימלאַנד פון וועלכן זיי זיינען לאַנגע יאָרן פאַר-טריבן, ברענגט די צייט אַ רפואה זייער בענקעניש, און זיי קערן זיך אום; די, ווע-מען דער טויט האָט פון געליבטע קינדער באַרויבט, טרייסטו זיי, אַ גאָט, מיטן געבוירן פון נייע. נאָר פאַר מיר, וואַנדערנדיקער ישראל, קומט נישט דער סוף צו מיין גלות, אַז איך זאָל אַ צופרידענער קאָנען באַטרעטן די פריילעכע בערג און פעל-דער פון מיין הייליקן מוטערלאַנד. אויך מיין מוטערלאַנד טרייסטו נישט מיט נייע קינדער אויפן אָרט פון די וואָס איך באַוויין, ווייל זיי זיינען פאַרלוירן געגאַנגען.

די געוואָגטע ים-פאָרערס, וואָס אַ ווילדער שטורעם האָט זייער לעבן אין סכנה געשטעלט, האָבן באַלד צו גאַסט דאָס מזל און די שיינע צייט. אַנקערן זיי געראַטע-וועט און פריילעך ביי דעם געגאַרטן האַוון. נאָר צו מיין אומגליק נעמט נישט קיין סוף און איך דערזע נישט דעם האַוון פון מיין גליק. —

אַ וועלט, נאָך וואָס האָסטו אויפגעבאַוועט אין דיר עמעצן וואָס זאָלסט אים שפּעטער אַזוי פיינט האָבן און פאַראַכטן?

אין דעם אור-חומר פון שטויב און ערד בין איך געווען פאַרבאָרגן איידער מ'האָט מיך באַשאַפן. הלוואי וואָלסטו געוועזן געלאָזט אַז די שטאַרבלעכע זאָלן מיך אין מיין יעמאָלטיקער פאָרעם טרעטן, אויב שוין זיי האָבן עס שפּעטער, אין מיין איצטיקער פאָרעם, סיי ווי סיי געדאַרפט טאָן!

אָבער וויי, די געפילן האָט מען אין מיר אַריינגעבלאָזן כדי צו פאַרטאָפּלען מיין פּיין. און נישט נאָר דאָס: איך וואָלט שוין די יסורים אָנגענומען באהבה, ווען דו, גאָט, זאָלסט מיך נישט געווען באַשאַפן אַנדערש ווי אַלע, וואָס זייער חלק איז צו ליידן:

דען פאַר לעבן רעכענען אַלע דאָס ליכט און דעם טאָג, און פאַר טויט — די נאַכט און דעם שלאָף; אָבער פאַר מיר איז יעדע ליכטיקייט און וואָר — טויט, און דאָס לעבן זע איך נאָר אין חלום!

און איר, אויגן מיינע? — ווען איר זענט געשלאָסן זעט איר די פאַלשע וויזיע פון גליק, און ווען איר זענט אָפן — מיין אומגליק אויף דער וואָר!

אפילו די חיות וואָס זיינען מיך, געפֿינען רו אין זיסן שלאָף. די — אויף ווייסן פּיינעם ליין, יענע — אויף האַרטע שטיינער, טייל אויף גרינע גראָזן, אַנדערע אויף הויכע געוויקסן און ווילדעביימער. אויך דער ים שטעלט דאָן אָפּ דעם גערויש פֿון זיין וואַסערלויף; אָבער מיך, אומגליקלעכער ייד, הייבט דאָן אָן נאָגן די זאָרג, און וואַך האַלט מיך אויף די אומענדלעכע פּלאָג: איך טראַכט מיט שרעק וועגן די צרות, וואָס זיינען נאָך אין וועג, עפּן די טיר פֿון זכרון פֿאַר דעם אומגליק, וואָס איז שוין פֿאַרגאַנגען, און וואַש מיך אין טרערן פֿון וועגן דעם פּיין וואָס איז דאָ.

יעדן איינעם פֿון די פֿיר עלעמענטן*) ווערט, מיט דער צייט, אומגעקערט זיין חלק פֿון די אומות וואָס האָבן עקסיסטירט אויף דער ערד און זיינען צעשטערט געוואָרן; נאָר מיך קאָן די צייט נישט צעשטערן און אומברענגען.

געדעכט איז דערפֿאַר די ערד, וואָס פֿרעסט פֿון מיין קערפּער דעם חלק וואָס כ׳בין איר שולדיק; דאָס פֿייער — די וואַרעמקייט וואָס כ׳האָב ביי אים גענומען; דאָס וואַסער — די פֿייכטקייט וואָס כ׳האָב ביי אים צוגערויבט; און די לופֿט — דעם לעבנס-אָטעם וואָס כ׳האָב ביי איר אַרויסגעריסן.

די ערד האָט זיך גענומען איר חלק מיט די הרוגים פֿון פֿראַנקרייך און דייטשלאַנד; דאָס פֿייער האָט זיך גענומען זיין חלק מיט די שייטער-הויפֿנס פֿון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל; די וואַסערן האָבן זיך גענומען זייער חלק אין ענגלאַנד און אין ים אוקינוס**); און דעם גרעסטן חלק האָט זיך אָפּגענומען די לופֿט מיט די קראַנקהייטן און מגפֿות, וואָס כ׳האָב אויף דער גאַנצער וועלט במשך מיין לאַנגן גלות געליטן. אָבער ווי איז מיר, ווי איז מיר! פֿיל בעסער וואָלט געווען אויב איר, עלעמענטן, וואָלט מיך מיט איין מאָל צעשטערט, און נישט צעשטיקלט ביסלעכווייז, כדי מיך צו פּייניקן מיט טויזנטערליי מיתות.

אַ הימל, אַ ערד, אַ וואַסערן, אַ שטאַרבלעכע ברואים! האָט רחמנות און מאַכט אַ ביסל לויזער דעם שטריק, וואָס איר האָט אויף מיין האַלדז פֿאַרצויגן. לאָזט אַרויס די שטים, וואָס איז שוין זינט יאָרן פֿאַרשפּאַרט אין ברוסט פֿון דעם דאָזיקן קנעכט (וועמעס טענות קיינער וויל נישט הערן) און זאָל ער מיט אייך אַ וויכוח פֿירן וועגן די תירוצים, וואָס איר געפֿינט צו באַרעכטיקן אייערע שלעכטע מעשים קעגן אים.

מיט וואָס איז דען אַנדערש מיין שׂכל און פֿאַרשטאַנד פֿון דעם וואָס איז אין די אַנדערע ברואים פֿון מיין מין אַריינגעבלאָזן?

---

*) ערד, פֿייער, וואַסער און לופֿט זיינען די פֿיר עלעמענטן, וואָס בילדן הָעם שטאָף פֿון וועלכן עס באַשטייט די וועלט (לויט אַלטע גריכישע פֿילאָסאָפֿישע סיסטעמען).

**) אַ רמז, באַשיינפּערלעך, אויף דעם פֿאַל ווען די ענגלענדער האָבן פֿאַרנאַרט די יידן צום ים און זיי דאָרטן איינציקווייז דערטרונקען (זע דריטער דיאַלאָג, קאַפּיטל 13), און אויף די אומצאָליקע פֿאַלן פֿון יידן וואָס זיינען דערטרונקען געוואָרן אין די ימים, בעת זיי זיינען אַנטלאָפֿן פֿון שפּאַניע, פּאָרטוגאַל, אד"גל.

פאַר וואָס, אַ הימל-מזלות, פאַרפאָלגט איר מיך? בין איך דען פון אַן אַנדערן חומר איידער אַלע ערדישע קערפּער געקנאָטן?

פאַר וואָס, אַ ערד, ווילסטו מיך אויף דיר נישט האַלטן? איז דען מיין גע־שטאַלט פאַרקריפּלט, אָדער זיינען מיינע גלידער דען אַנדערש ווי ביי אַלע שכלדיקע ברואים?

פאַר וואָס, אַ מענטשן, קענט איר מיך נישט, און ווי אַ פרעמדן באַהאַנדלט איר מיך! וואָלט איר נאָר אַן ליידנשאַפט געוואָלט באַטראַכטן די זאַך, וואָלט איר מיך זיכער געלאָזט אָפּלעבן מיינע טעג אויף דער ערד, אין די זעלבע תנאים וואָס אַנדערע.

אָ, סאַראַ אויסטערלישער וווּנדער ווערט נתגלה דורך מיר: די ערד פאַראַכט זיך אַליין אין מיין געשטאַלט, דער הימל האַסט זיין אייגענעם גייסט אין מיין ברוסט, און די מענטשן האָבן פיינט זיך אַליין אין מיין אָפּבילד!

זעט איר דען נישט אַז איר גייט קעגן דעם דרך-הטבע דערמיט וואָס איר אַכט נישט דעם וואָס איז גלייך צו אייך, אַזוי ווי אַלע באַשאַפענע זאַכן אַכטן זייער גלייכן?! —

נאָך דער לעצטער כראָניק פון אושקיס ספר וועגן דעם חילול-הקודש אין פּע-זאַראָ קומען די פריער געבראַכטע רירנדיקע קלאָגרייד וואָס דער פאַסטעך יעקב פליסטערט פאַר זיינע דערשטוינטע צוהערערס אין די טיפעניש פון וואַלד. באַלד אָבער בלייבן שטום די מעלאַנכאָלישע ווייכע טענער און עס דערהערן זיך יעקבס מעכטיקע טענות. ער הייבט אָן פירן אַ וויכוח מיט גאָט: די פעלקער פון אַלע צייטן און פון אַלע לענדער האָבן געזינדיקט נאָך מער, ווי די יידן, אָבער גאָט האָט גע-שטראָפט דווקא נאָר די יידן, כדי זיי זאָלן דינען פאַר אַ ביישפיל פאַר דער וועלט. פאַר וואָס איז דער טרויעריקער גורל געפאַלן אויף זיי? און אויב זיי זיינען שוין יאָ די אייביקע צילברעט פאַר דער געטלעכער שטראָף, פאַר וואָס איז ער זיך מער נישט מרחם אויף זיי ווי ער פלעגט עס אַ מאָל טאָן, אין אַן עת-צרה?

זיקאַרעאָ ענטפערט אַז גערעכט איז יעקב אין זיין קלאָג. אַלע נאַציאָנאַלע אומ-גליקן דאַרפן קומען צום אויסדריק דורך געוויין און טרויער. ווייל ווי זאָל מען נישט טרויעריק זיין ווען עס קומען אויפן זכרון דער צוואַנג-שמד פון שפּאַניע, די צרות וואָס יידן זיינען אויסגעשטאַנען אין פראַנקרייך, ענגלאַנד, דייטשלאַנד, אי-טאַליע און די גרויזאַמקייטן וואָס ווערן נאָך איצט באַגאַנגען קעגן זיי אין פּאָרטו-גאַל. מע דאַרף באַקלאָגן די יונגע לעבנס וואָס זיינען פאַרשניטן געוואָרן און די זקנים וואָס זייער חכמה איז שטום געבליבן. גרויס איז אויך דער ווייטיק וואָס טייל פון די וועלכע האָבן זיך געשמדט כדי צו ראַטעווען דעם נפש, זיינען שוין פאַרבליבן קריסטן און ווילן זיך מער נישט אומקערן צו דער אמונה פון זייערע אבות.

דערנאָך הייבט נומעאָ אָן זיינע רייד וועלכע דאַרפן זיין ווי אַ באַלזאַם פאַר די

אָפּענע, בלוטנדיקע וואונדן פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן גוף. און ער ברענגט זיין טרייסט דורך אכט וועגן:

ערשטער וועג — נאָך אין די בראשית-טעג איז איינגעשטעלט געוואָרן דער חוק אַז יעדע זינד ווערט באַשטראָפט. אדם הראשון איז געווען דער ערשטער קרבן פון דעם דאָזיקן געזעץ, וואָס הערשט אין צייט און אין רוים, זינט בריאת-העולם און פאַר אַלע פעלקער. יידן זיינען, אין דעם פּרט, נישט קיין יוצא מן הכלל.

צווייטער וועג — דערגרייכן די העכסטע מדרגה פון שלימות איז דער ציל פון אַלעמען, און דאָס קומט נישט אָן גרינג. דאָס גאָלד ווערט געלייטערט אין פייער און דאָס פאָלק ישראל — אין ליידן. דאָס אורבילד פון דער יידישער טראַגעדיע טרעפט מען נאָך אין דער תקופה פון די אבות: אברהמען האָבן די כשדים אַריינגעוואָרפן אין אַ קאַלכאויוון און ער איז בייגעשטאַנען דעם נסיון פון יצחקס עקדה, איידער ער האָט דערגרייכט זיין שלימות. כדי צו קאָנען דערגרייכן דאָס העכסטע גליק מוזן יידן מיט געדולד און מסירת נפש ביישטיין אַלע נסיונות פאַר וועלכע די שונאים שטעלן זיי.

דריטער וועג — ביים שטראָפן די יידן האָט גאָט אויסגעקליבן פון צוויי שלעכטסן דאָס קלענערע: ער האָט מקריב געווען זייער עולם-הזה אָבער גאַנץ געלאָזט זייער עולם-הבא; דען מיטן גלויבן אַז זיי גייען אַוועק אין אַ שענערער, העכערער וועלט האָבן די פאַרמשפּטע איבערגעטראָגן אויף זייער לייב דאָס פייער פון די שייטער-הויפנס און די טאָרטור-כלים פון דער אינקוויזיציע. אפילו דער גרויסער צאָל מאַראַנען וואָס זיינען געשטאָרבן און האָבן זיך מחמת שרעק אָדער וואַקלעניש נאָך נישט געהאַט אומגעקערט צו דער אמונה פון זייערע אבות, וועט געגעבן ווערן אַ געלעגנהייט צו לייטערן זייער נשמה דורך גלגולים, כדי זיי זאָלן קאָנען זוכה זיין עולם-הבא. און אַפילו ביים באַשטראָפן קערפּערלעך די יידן האָט גאָט עס געטאָן מיט חסד און זיי נישט פאַרטיליקט אין גאַנצן. ער האָט זיי צעשפּרייט צווישן די אומות און אויב מיהייבט זיך אויף קעגן זיי אין אייראָפּע, לאָזט מען זיי לעבן אין אַזיע; ווען שפּאַניע פאַרטרייבט זיי אָדער ברענט זיי אויף די שייטער-הויפנס, געפינען זיי שוץ און פרייהייט אין איטאַליע. די יידישע צעשפּרייטונג איז געווען אַ טובה און נישט קיין רעה. די בבלים און רוימער זיינען נישט צעשפּרייט געוואָרן נאָר אומגעקומען לעולם ועד און מיט איין מאָל.

דער פערטער וועג — כדי צו דערגרייכן זייער מדרגה פון שלימות מוזן יידן איבערקומען די שטראָף. אָבער אפילו אין דער דאָזיקער פאַזע באַווייזט זיך גאָט פון צייט צו צייט מיט רעטונג און מיט טרייסט און באַשטראָפט די אונטערדריקערס. אין אַלטע צייטן זיינען אומגעקומען די מצרים, די בבלים, די אשורים, די גריכן און די רוימער. אין די נייערע צייטן געשעעט דאָס זעלבע: סיזעבוט, דער גאָטישער קיניג וואָס האָט אונטערגעדריקט יידן, איז פאַרסמט געוואָרן אין די טעג

פון זיין העכסטער גלאָריע. פיליפ, דער פראַנצויזישער קיניג וואָס האָט באַרויבט און פאַרטריבן יידן, איז צעשטיקלט געוואָרן צוזאַמען מיט זיין פערד בעת ער האָט נאָכגעיאָגט אַ הירש, בעת אַ געיעג. דאָן יאָהאַן דער צווייטער, קיניג פון פּאָר-טוגאַל, וואָס האָט געשליידערט יידישע קינדער ווי שפּייז פאַר די עקדישן, איז אויך באַשטראָפט געוואָרן מיטן פריצייטיקן טויט פון זיין זון, וועלכער איז אַראָפּגעפאַלן פון אַ פערד און דערהרגעט געוואָרן. די לענדער וואָס פייניקן יידן פרעסן זיך אויף אייניס דאָס אַנדערע: איטאַליע גראָבט אַ קבר פאַר שפּאַניע; שפּאַניע וויל פאַרשלינ-גען פראַנקרייך; די ביידע לענדער צוזאַמען מיט טערקיי באַדראָען דייטשלאַנד; און סקאָטלאַנד איז אַ בייטש קעגן ענגלאַנד. זאָלן יידן טראַכטן וועגן דער דאָזיקער לאַגע פון די לענדער וואָס האָבן זיי געפייניקט, און זיי וועלן געפינען אַ טרייסט.

דער פינפטער וועג — אַ גרויסע צאָל פון די מאַראַנען האָבן זיך שוין צו פיל איינגעלעבט אין דער ניי-אָנגענומענער אמונה, באשר זיי טראַכטן נאָר וועגן ראַטעווען זייערע לעבנס און פאַרמעגנס, פאַרגעסנדיק די סכנה אין וועלכער עס גע-פינט זיך זייער נשמה. און ווען נישט די פלאַמען פון דער אינקוויזיציע וואָלט יע-דער שפור פון יידישקייט אויסגעראָטעט געוואָרן פון זייער זכרון אין אַ קורצער צייט. דעריבער קאָן מען אויך געפינען אַ לינדערונג אין דעם געדאַנק וואָס די אינקוויזיציע פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל פירט אויך אויס, אין דעם פרט, די פונקציע פון אַ גרויליק, ווייטיקלעך אָבער אומפאַרמיידלעך היילמיטל פאַר דעם נאַציאָנאַלן אָר-גאַניזם.

דער זעקסטער, זיבעטער און אַכטער וועג זיינען ווערטער וואָס אושקי לייגט אַריין אין נחומס מויל וועגן דריי וויכטיקע היסטאָרישע פאַקטאָרן וואָס האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל ביים אַריינברענגען אין גלייכגעוויכט דאָס דערשיטערטע לעבן פון די שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע מגורשים: ד׳ פרוי חנה (גראַסיאַ) נשיא, דער פירשט ערקאָלע II און די אָטאָמאַנישע מלוכה, וועגן וועלכע עס איז שוין גערעדט געוואָרן אין דעם ביאָ-ביבליאָגראַפישן אַריינפיר צו דעם דאָזיקן בוך. אָבער צוליב דער וויכטיקייט פון די דאָזיקע דריי היסטאָרישע פאַקטאָרן, ווערן דאָ געגעבן אין אַ ווערטערלעכער איבערזעצונג די מליצה-רייד וואָס אושקי לייגט אַריין נחומען אין מויל:

דער זעקסטער וועג איז די הילף, וואָס האָסט באַקומען בעת די אומגליקן וואָס דו דערציילסט אַז ביסט אויסגעשטאַנען אויף די וועגן, ווען ביסט פון פּאָרטוגאַל אַנטלאָפן זיך צו ראַטעווען.

ווער האָט שוין געזען די געטלעכע באַרעמהאַרציקייט זיך אין מענטשן־גע־שטאַלט אַזוי אַנטפּלעקן ווי זי האָט זיך דאַן דיך צו ראַטעווען אַנטפּלעקט און אַנט־פּלעקט זיך נאָך?

ווער האָט שוין געזען ווידער אויפשטיין די האַרציקע פרומקייט פון מרימען, וועלכע האָט איר לעבן אַוועקגעשענקט כדי צו ראַטעווען אירע ברידער; דבורהס גרויסע חכמה צו רעגירן איר פאָלק; אסתרס אומענדלעכע מעשים־טובים און היילי־קייט צו שיצן די פאַרפאָלגטע; די ליבוווערטיקע אָנשטרענגונג פון דער צניעותדי־קער, גרויסמוטיקער אלמנה יהודית צו באַפרייען די באַלאַגערטע פון אַנגסט — ווי גאָט האָט דיר אין אונדזערע טעג געשיקט פון זיין פמליא של מעלה, און האָט דאָס אַלץ אַוועקגעשענקט צו איין נשמה, וואָס איז צו דיין גרויס גליק אין דעם ריינעם פרויען־גוף פון דער גליקלעכער יידישער פרוי נשיא*) אַריינגעבלאָזן געוואָרן?

דיינע נויטבאַדערפטיקע זין, וואָס זייער פאַרמעגן איז צו קליין געווען זיי זאָלן קאָנען אַנטלויפן פון די שייטער־הויפנס אין אַ וויטן וועג, האָט זי ביים אָנהייב פון דער אויסוואַנדערונג קראַפט און האָפענונג געגעבן; און יענע וואָס האָבן שוין אויס־געוואַנדערט און זיינען אָנגעקומען קיין פלאַנדריע אָדער אַנדערע מקומות, דער־שלאָגענע פון אָרעמקייט און פון דער שווערער ים־רייזע און בסכנה נישט צו קענען ממשיך זיין די נסיעה, האָט זי זייער נויט דורך געלט און כלערליי חסדים מיט אַ מילדער האַנט געלינדערט.

בעת זייער וואַנדערונג צווישן די פעלדזיקע אַלפּן פון דייטשלאַנד און אַנדערע לענדער, האָט זי זיי געשיקט איר חסד; אין יעדער נויט וואָס האָט זיי דערגרייכט מחמת דעם לאַנגן וואַנדערוועג, האָט זי זיי צוגעאיילט איר הילף.

אין דער גרויסער נויט, וואָס איז אויף דיר געקומען ווען מ'האָט דיך פּלוצעם פון יענער איטאַליענישער שטאָט**) פאַרטריבן, איז זי דיר מיט צאַרטער ליבע און געטלעכער מילדקייט צו הילף געקומען.

זי האָט געהאָלפן די רייכע ווען זייער עשירות איז זיי מער נישט בייגעשטאַ־נען און געשטיצט אַלע עניים ואביונים. אַפילו אירע שונאים האָט זי קיין הילף נישט אָפּגעזאָגט, און מיט גאַנצע שיפן ברויט און שפייז האָט זי געראַטעוועט אַלע יענע, וועמען דער הונגער האָט באַדראָט מיטן גרוב.

אַזוי האָט זי מיט איר גאָלדענער האַנט און מיט אירע הימלישע כוונות דער־הויבן, אין אייראָפּע, דאָס רוב פון דעם דאָזיקן פאָלק אויס דער טיפעניש פון די,

---

*) אושקי באַמערקט ביים ברעג פון זייט: „די צדיקת גראַסיאַ נשיא".

**) אושקי מיינט דאָ, באַשיינפערלעך, דעם גירוש פון פעראַראַ (זע קאַפּיטל 36).

און פון אַנדערע אומענדלעכע מאַטערנישן, וווהין עס האָבן זיי אַריינגעשליידערט זייער גוים און זייערע זינד. צו זיכערע לענדער האָט זי זיי געפירט און אונטער דער געהאָרכזאַמקייט צו די חוקים פון זייער אַמאָליקן גאָט האָט זי זיי געזאַמלט.

און זי איז דיר געווען אַ קראַפט אין די טעג פון דיין שוואַכקייט, אַן אָנשפּאַר אַן וועלכן עס האָבן זיך אָנגעלענט די מידע, אַ קוואַל לויטער וואַסער אין וועלכן עס האָבן געטרונקען די דאָרשטיקע, אַ בוים פול מיט פרוכטן אונטער וועמעס שאָטן עס האָבן געגעסן די הונגעריקע און אונטער וועלכן עס האָבן אַ שוץ געפונען די פאַרלאָזענע. און אויף אירע ברייט אויסגעשפּרייטע אָדלער־פליגל זיינען געקומען געראַטעוועט אַ גרויסער טייל פון דיינע קינדער, וואָס אַנטלויפן פון דער אכזריות פון די פאַרטוגעזער, אַזוי ווי עס האָט געטאָן גאָט בשעת יציאת מצרים, לויט די בביאישע ווערטער פון משהן: „ווי אַן אָדלער וואָס וועקט זיין נעסט און פליט איבער זיינע קינדער, שפּרייט אויס זיינע פליגל און נעמט זיי, אַזוי האָט גאָט געפירט זיין פאָלק, און קיין פרעמדער איז נישט געווען מיט אים" (דברים ל"ב).

דער זיבעטער וועג, וואָס פירט דיך צו דער גרויסער טרייסט, איז דער זיכערער און שלווהדיקער האוון, וואָס דער געטלעכער חסד האָט דיר צוגעגרייט אין דער נשמה פון דעם איידעלן און מילדן איטאַליענישן פירשט, וועלכער האָט זיין נעסט אויף די ברעגן פון דעם שיינעם און גרויסן טייך פּאָ*), כדי צו שיצן דיינע מידע און געטריבענע קינדער, נאָך די צרות וואָס זיי זיינען אויסגעשטאַנען אויף דער יבשה און אויפן ים.

זינט דעם טאָג וואָס דיינע אומגליקן און וואַנדערונגען האָבן זיך אָנגעהויבן, איז דען שוין אויפגעשטאַנען נאָך איינער אַ פרעמדער, נישט פון דיין אמונה, וואָס זאָל דיר אַזוי נוטה־חסד זיין אין דיין געפאַלנקייט; וואָס זאָל מיט אַזוי פיל ליבע איינזאַמלען דיין שארית הפליטה; וואָס זאָל אַרומנעמען דיינע פאַרשטויסענע און פאַרטריבענע זיי אומקערנדיק דעם לעבנס־אָטעם, וואָס זיי האָבן פאַרלוירן אויפן לאַנגן וואַנדערוועג, מיט אַזאַ ברייטער האַנט, מיט אַזאַ גוטן ווילן און מיט אַזוי פיל ליבע, ווי דער איטאַליענישער פירשט?

צווישן אַלע פעלקער האָט נאָך גאָט קיין מאָל אין אַ שטאַרבלעכן גוף נישט אַריינגעבלאָזן אַזאַ איידעלן גייסט און אַזאַ צאַרטע נשמה, ווי אין דעם דאָזיקן אומשטאַרבלעכן און געטלעכן פירשט.

מיט אָפענע פליגל פלעגט ער אָפּוואַרטן, כדי דיך איינצוזאַמלען אונטער זיי מיט ליבע; און דאָס טוט ער נאָך ביז היינטיקן טאָג. איבער די שטעט פון שפּאַניע וואַנדערסטו אום דערשראָקן און טרויעריק, אָבער אין זיין שטאָט קומסטו מיט פרייד און אָן מורא.

---

*) פעראַראַ, די שטאָט פון דעם יידנפריינדלעכן פירשט ערקאָלע II, געפינט זיך אויפן ברעג פון טייך פּאָ.

אין זיין שלווהדיקן און גליקלעכן האוון רוסטו אָפּ דיין געמיט, וואָס איז דער־שיטערט און אומרואיק מחמת די געפּערלעכע איבערלעבונגען אין פלאַנדריע און אין פראַנקרייך. מ'פּאַנגט דיך און מ'פּייניקט דיך אין דייטשלאַנד און אין מילאַן, אָבער דאָ לאָזט מען דיך געניסן אומגעשטערט פון דער געגאַרטער פרייהייט, און אַלע צרות וואָס שטייסט אויס מחמת דעם גירוש־פּאָרטוגאַל ווערן דאָ געלינדערט. דאָ נעמסטו אַראָפּ די פרעמדע קליידער און באַדעקסט דיין נשמה מיט אַן אמתן אייגענעם לבוש*).

ביז היינט האָסטו געהאַט אויסצושטיין אַזעלכע ביטערע יסורים, אָבער די דאָ־זיקע זיסע הילף, וואָס הייבסט שוין אָן צו באַקומען, דאַרף דערוועקן אין דיר גרויסע האָפענונגען אויף אַ נאָך פיל גרעסערער ישועה. לייג זשע צו דעם דאָזיקן פלאַסטער צו דיינע וווּנדן און וועסט זען ווי עס באַווייזט זיך צו דיר אַ זיסע טרייסט און אַ גרויסע לינדערונג.

דער אַכטער און וויכטיקסטער וועג, וועלכער ברענגט דיך אַ טרעפּ נענטער צו דער טרייסט אויף דיינע מאַטערנישן, איז די גרויסע טערקיי: אַ גרויסער און ברייטער ים וואָס דער אייבערשטער האָט געשפּאַלטן מיט דער רוט פון זיין חסד (אַזוי ווי משה, בשעת יציאת מצרים) כדי אין זיינע וואַסערן זאָלן פאַרשוועמט ווערן (ווי די גרויסע מחנה מצרים אין ים־סוף) אַלע מאַטערנישן און צרות וואָס האָבן דיך באַגלייט, אַן אויפהער, ביים אויסוואַנדערן פון אַלע אייראָפּעישע לענדער.

דאָ זיינען פאַר דיר ברייט צעעפנט געוואָרן די טויערן פון פרייהייט, כדי זאָלסט קענען אָפּהיטן יידישקייט, און זיי ווערן קיין מאָל נישט פאַרמאַכט. דאָ באַנייסטו דיין אינגעווייד, ענדערסט די תנאים, בייטסט די מנהגים און פאַרטרייבסט די פאַלשע באַגריפן. טוליעסט זיך צו דיין אַמאָליקן דת און פאַרלאָזסט די שענדלעכע מנהגים, צו וועלכע האָסט דיך צוגעוווינט בעתן וואָגלען צווישן פרעמדע פעלקער, און ביסט געווען געצוווּנגען זיי נאָכצוטאָן.

ווי גרויס איז דער חסד, וואָס באַקומסט פון גאָט, דען אין דער דאָזיקער מלוכה איז דיר געגעבן געוואָרן רשות פריי און אומגעשטערט אָנצוהייבן דאָס פאַרשפּע־טיקטע תשובה־טאָן.

זיי מקבל ווי אַ גרויסע טרייסט און ווי אַ לינדערונג דעם חסד צוליב וועלכן האָסט געטראָפן, אין דיין וואַנדערוועג, אַזאַ זיכערן און באַפעסטיקטן מקלט ווי דער דאָזיקער, אין וועלכן קאָנסט מאַכן אַ חשבון הנפש, אָן שרעק אַז מ'זאָל דיך איבער גוואַלד דערווייטערן פון דיין תורה, ווי עס איז דיר געשען אין אַלע אַנדערע מדינות.

---

*) דאָס הייסט: קערסט זיך אום צו דער יידישער אמונה.

דורך אַכט וועגן ברענגט נחום טרייסט אויף די יידישע ליידן. ער איז אויך מבטיח אַז די ישועה קומט נאָר דורך פאַרבאָרגענע דרכים וואָס יידן זיינען נאָך ניט זוכה אַז מ׳זאָל זיי מגלה זיין. אויך דאָס הייליקע לאַנד, וואָס איז מששת ימי בראשית אָוועקגעשענקט געוואָרן דער יידישער אומה, וואַרט אַז די פאַרוואָגלטע זין זאָלן זיך אומקערן, און וויל נישט בליען און גרינען אין די הענט פון פרעמדע.

יעקב איז דאַן מודה אַז די אַלע טרייסטווערטער זיינען טאַקע בכוח לייכטער צו מאַכן דעם שווערן יאָך וואָס דריקט זיין נאַקן. הלוואי וואָלטן עס אַלע מאַ־ראַנען געקאָנט הערן, וואָלטן זיי דאַן לייכטער איבערגעטראָגן זייער פּלאָג. ער איז אָבער אומגעדולדיק. דער גלות־מצרים האָט געדויערט צווי הונדערט און צען יאָר, צי פיר הונדערט און דרייסיק לויט די חכמים; דער גלות בבל — זיבעציק יאָר, אָבער דער איצטיקער גלות דויערט שוין טויזנט און דריי הונדערט. ווען וועט דערצו נעמען אַ סוף? צי וועט גאָט ווידער אַנטפּלעקן זיין קראַפט דורך ניסים כדי צו ראַ־טעווען די יידישע אומה פון איר אומפאַרטראָגלעכער לאַגע?

זיקאַרעאַ און נומעאַ ענטפערן אים דאַן אַז שפּאַניע און פּאָרטוגאַל זיינען דער לעצטער פּונקט פון דעם יידישן וואַנדערוועג. מיט זיי איז געמיינט: דער „עק פון דער ערד" וואָס גאָט האָט געזאָגט אַז ער וועט אַהין פאַרשיקן די יידן (דברים כח־סד); איצט איז מער נישטאָ וווהין צו וואַנדערן, סיידן צוריקגיין אין הייליקן לאַנד. און מ׳זעט דאָך מיט די אייגענע אויגן ווי גרויס איז איצט די עמיגראַציע קיין ארץ־ישראל. קיין מאָל אין דער פאַרגאַנגענהייט האָט מען נאָך נישט געזען אַזוי פיל יידן אויסוואַנדערן פון אייראָפּעישע לענדער, און פון אַנדערע מקומות פון דער וועלט, קיין ארץ־ישראל. דאָס איז אַ קלאָרער באַווייז אַז פּונקט אַזוי ווי עס זיינען מקוים געוואָרן די נביאות וועגן יידישער צעשפּרייטונג, וועלן אויך מקוים ווערן די נבואות וועגן צוריקקער.

אַ דערמוטיקטער פון די דאָזיקע רייד, בעט יעקב די צוויי נאָך אומבאַקאַנטע פאַסטעכער זיי זאָלן זיך צו אים לאָזן דערקענען מיט זייערע נעמען. אַנטפּלעקן זיי אים דאַן, אַז זיי זיינען די נביאים נחום און זכריהו און אַז דער הימל האָט זיי גע־שיקט אים טרייסטן. זיי קומען אַראָפּ אויף דער ערד פון אַ לאַנגער נסיעה איבער די העכערע עולמות ווו די אבות, די זקנים, די כוהנים און די נביאים בעטן יום־יום אויף דער גאולה פון ישראל. צוליב זייער תפילה ווערן דערהערט די יידישע גע־שרייען און בקשות וועלכע דערשיטערן און טרייסלען אויף די הימלשע ספערעס:

די געשרייען פון וועגן גלות אשור און בבל זיינען אַרויף ביזן ערשטן הימל, ווו די לבנה האָט איר וווינאָרט; די זיפצן מחמת דעם חורבן בית שני האָבן אַריינ־געדרונגען ביזן צווייטן הימל, דאָס איז די ספערע פון מערקור; דאָס געוויין מחמת די צרות וואָס יידן זיינען אויסגעשטאַנען בעתן קומען קיין רוים, האָט דער־גרייכט ביז דער דריטער ספערע פון ווענוס; די קלאָג פון וועגן די צרות איבער גאַנץ

איטאַליע האָט דורכגעלעכערט די פערטע ספערע פון דעם פּלאַנעט זון, דער גרעסטער פון אַלע הימלשע קערפּער, הונדערט און זיבעציק מאָל גרעסער פון דער ערד; די ילדה מחמת די אומגליקן פון פראַנקרייך איז אַרויף ביז דער פינפטער הימל-ספערע פון מאַרס; די קרעכצן פון װעגן דער פּלאָג איז ענגלאַנד האָבן דערגרייכט ביז דער זעקסטער ספערע פון יופּיטער; די װײגעשרייען מחמת דער אכזריות פון דײטשלאַנד האָבן דורכגעלעכערט די זיבעטע ספערע פון סאַטורן; די קלאָגגעשרייען פון װעגן די אומגליקן פון שפּאַניע האָבן זיך דערהויבן ביז דער אַכטער ספערע פון די צוועלף מזלות; און דער געיאָמער מחמת די שייטער-הויפנס פון פּאָרטוגאַל האָט דערגרייכט ביז דער נײנטער ספערע פון די זיבן שטערן.

נאָכן מאָלן דאָס דאָזיקע פּטאָלאָמעיש-אַסטראָלאָגישע הימלבילד אויף װעלכן עס פאַלט דער שאָטן פון דער דורותדיקער יידישער טראַגעדיע, דערקלערט נחום, אַז די װײגעשרייען פון ישראל װאָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין דער נײנטער הימלשער ספערע, זײנען געװאָרן צו אַ גרויסן חייל; דעריבער האָט גאָט אים געשיקט אָנזאָגן אַז די גאולה איז שוין נאָענט: אַז די געטלעכע שװערד װעט נקמה נעמען פאַר דעם פאַרגאָסענעם יידישן בלוט און יידן װעלן זיך אומקערן אין זײער לאַנד װי עס איז שוין פאָרויסגעזען אין פיל נבואות װאָס ער און זכריה ציטירן פאַר דעם דער-שטױנטן יעקב.

יעקב קלאָגט זיך דאַן פאַר די צװײ נביאים, אַז ער פילט זיך פאַרקריפּלט פון דעם לאַנגן גלות און איז, אין אַזאַ מצב, נישט װערט דאָס צוגעזאָגטע גליק; אויך די הייליקע ערד איז װיסט און באַדעקט מיט דערנער. אָבער נחום און זכריהו טרייסטן אים, אַז גאָט װעט באַנײען דאָס פאָלק און װעט דערפרישן דאָס לאַנד, כדי זײ זאָלן גרייט זײן צו דער גרויסער שעה. אפילו די מתים װאָס זײנען אַװעק פון דער װעלט מיט דער האָפענונג צו זען די גאולה, װעלן אויפשטײן תחית-המתים, װי יחזקאל האָט שוין פאָרויסגעזען אין זײן װיזיע װעגן די טויטע ביינער פון טאָל.

גיט נאָך יעקב אַ לעצטן קרעכץ: שװער, אַזוי שװער צו װאַרטן אויף דעם צו-געזאָגטן גליק. דערװײל פּײניקן די פּײניקערס אַלע טאָג כדי צו דערװײטערן דעם געגאַרטן האַװן און צו פאַרלענגערן דעם װעג. ענטפערט אים זכריהו אַז אײדער די גליקלעכע שעה װעט קומען װעלן נאָך יידן מוזן ביישטײן פיל נסיונות. די האָפענונג אָבער טאָר קײן מאָל נישט דערשיטערט װערן, באַשר דער הימלשער חסד באַװײזט זיך נאָר צו די, װאָס האָפן.

און שמואל אושקי ענדיקט זײן אויסטערלישן ספר מיט אַ קורצן שמועס, צװישן די פאַסטעכער. פון די כמעט אָפּגעהאַקטע װערטער פון לעצטן שמועס װאָס עס פירן צװישן זיך יעקב, נחום און זכריהו, קוקט אַרויס אַ טיפע מעלאַנכאָליע דורך אַן אַרויפגעצװונגענעם און דורכזיכטיקן שלייער פון פרייד:

נחום:

עס איז שוין שפּעט, לאָמיר זיך אומקערן.

זכריהו:

זאָג זשע מיר, ברודער יעקב, וואָס טראַכסטו וועגן דער זיסער און געטלע־כער נחמה, וואָס נחום האָט דיר געבראַכט?

יעקב:

אויך דיינע רייד זיינען ביי מיר חשוב. איך האָף צו דעם גרויסן גאָט, אַז די נבואות פון אייך ביידע זאָלן בקרוב מקוים ווערן.

זכריהו:

איך ווינטש עס.

יעקב:

און איך ריכט זיך אויף דעם.

נחום:

און איך בין אין דעם זיכער.

זכריהו:

ברודער מיינער יעקב, כדי דער קורצער וועג זאָל אונדז לייכטער זיין, זינג, איך בעט דיך, איינס פון יענע זיסע געזאַנגען, וואָס דיינע אַמאָליקע הירטינס פלעגן זינגען בעתן היטן די שאָף אויף די בערג פון ציון. דו מוזסט אוודאי געדענקען, ווייל פיל פון די דאָזיקע געזאַנגען האָט צונויפגעזאַמלט דער זון פון ישי.

נחום:

ביסט זייער גערעכט זכריהו; זאָל ישראל צוריקגיין פריילעך, ווייל ער איז געקומען טרויעריק.

יעקב:

ווער קען דען אָפּזאָגן אייער בקשה?

זכריהו:

הייב זשע אָן:

תהלים קכ״ו*)

יעקב:

וועֶן אונדזער גאָט וועט אומקערן
ציון איר אַמאָליקע פּראַכט
וועלן מיר מיינען אַז עס איז נישט וואָר
און אַז מיר חלומען אין מיטן טאָג,
אָבער ווי נאָר עס וועט דערוואַכן אונדזער זכרון
און די אמתע גאולה וועט זיך אַנטפּלעקן
וועלן מיר אָנפּילן אונדזער מויל מיט געלעכטער
און אונדזער צונג מיט געזאַנג און פרייד.
און צווישן די אומות וועט מען זאָגן:
גרויסע וואונדער האָט גאָט זיי געטאָן
און מיר וועלן עס אוודאי באַשטעטיקן
אַז גרויסע ניסים האָט גאָט מיט אונדז געטאָן,
דען פון באַטריבטע און טרויעריקע,
מחמת די צרות וואָס מיר זיינען אויסגעשטאַנען,
זיינען מיר איצט געוואָרן פריילעכע
ווי זינגערס וואָס זיינען פול מיט ליִיב.
און בלי כל ספק וועט אונדזער גאָט
אומקערן אַלע אונדזערע פאַרטריבענע
אַזוי ווי ער באַוואַסערט אַ בוים אין טריקעניש
און אַזוי ווי די וואָס זייען מיט טרערן
שניידן דערנאָך מיט געזאַנג.
וויינענדיק גייט אַרוים דער גוטער זייער
אָבער אומקערן, קערט ער זיך אום פריילעך
ברענגענדיק זיינע גאַרבן מיט געזאַנג.

—— סוף ——

*) די לייכטע שינויים וואָס מען באַמערקט אין דער איבערזעצונג, אין פאַרגלייך מיטן אָריגי־נעלן העברעישן טעקסט, זיינען אַ פּועל־יוצא פון דעם וואָס אושקי האָט געמאַכט זיין פּאָרטוגעזישע איבערזעצונג אין גראַמען.

ביבליאָגראַפיע

באזונדערע אַרבעטן, וואָס זאָלן כוללדיק באהאַנדלען די טעמע פון דעם דאָזיקן בוך זיינען נישט פאַראַן. אומנוצלעך וואָלט אויך געווען דאָ אויסצורעכענען די גרויסע צאָל אַלגעמיינע רעפערענץ־ווערק, וועלכע זיינען דורכגעקוקט געוואָרן מיט דער כוונה צו געפינען עפּעס אַ נייעם פּרט: נייע פאַרשונגען וועגן שמואל אושקי זיינען נישט געמאַכט געוואָרן, און אין די מאָדערנערע רעפערענץ־ווערק זיינען בלויז קאָפּירט די קאַרגע עטלעכע ידיעות, וואָס זיינען צו אונדז דערגאַנגען דורך עלטערע מקורים.

דאָ ווערט, בכן, געבראַכט אַ רשימה פון די עלטערע ווערק פון היסטאָריש־בי־בליאָגראַפישן ווערט, וואָס דער מחבר האָט באַנוצט, און אין וועלכע עס זיינען פאַ־ראַן די קאַרגע אָבער פונדאַמענטאַלע ידיעות וועגן שמואל אושקי. עס ווערן אויך אויסגערעכנט די וויכטיקע לעצטע אַרבעטן פון מאָדערנע פּאָרטוגעזישע ליטעראַטור־פאָרשערס, וועלכע באַטראַכטן אושקיס ווערק אויסשליסלעך פון ליטעראַריש־קריטישן שטאַנדפּונקט.

אַנדערע מקורים, נישט פון קלענערער חשיבות, נאָר וואָס דער מחבר האָט זיי נישט געקענט זען, ווערן ציטירט, בשם אומרם, אין דעם ביאָ־ביבליאָגראַפישן אַריינ־פיר צום דאָזיקן בוך, ווו עס ווערן אויך אויסגערעכנט פאַרשידענע הבטחות און נישט דערענדיקטע פרוּוון באַקאַנט צו מאַכן אושקין און צוטריטלעך צו מאַכן זיין בוך.

צו דעם לעצטן מין דאַרף מען נאָך צורעכענען — לויט דער אינפאָרמאַציע פון ה' אברהם א. נוימאַן, אין זיין אַרטיקל וואָס ווערט פאַרצייכנט אין דער ווייטערדיקער ביבליאָגראַפישער רשימה — אַ גרעסערע נישט־פאַרעפנטלעכטע אַרבעט פון ד"ר גרשון געלבאַרט, וועלכער האָט איבערגעזעצט אין ענגליש טיילן פון אושקיס ווערק.

פארטוגעזיש:

BELL (Aubrey F. G.) — **A Literatura Portuguesa**; pág. 326; Coimbra, 1931

CIDADE (Hernani) — **Liçoes de Cultura e Literatura Portuguesa**; Vol. I, pág. 169.

FIGUEIREDO (Fidelino de) — **Historia da Literatura Classica**; Vol. I, cap. VIII; Lisboa 1930.

MACHADO (Diogo Barbosa) — **Biblioteca Luzitana**; Vol. I, pág. 4, e Vol. III, pág. 672; Lisboa, 1741 e 1752.

MANUEL (El-Rei D.) — **Livros Antigos Portugueses**; Vol. II, pág. 304; Cambridge, 1932.

MICHAELIS (Carolina de Vasconcelos) — **Introduçao às obras de Bernardim Ribeiro e Cristovão Falcão**; Coimbra 1923.

REGO (José Texeira) — **Estudos e Controversias**; 2ª Serie; págs. 7-27 e 57-69; Porto, 1931; **História de Portugal**, Ediçao monumental da Portucalense Editora, Barcelos, 1933; Vol. V, pág. 527 e segs.

REMEDIOS (Mendes dos) — **Consolaçao às Tribulaçoes de Israel**, com revisão e prefacio; Coimbra 1906.

SANTOS (Antonio Ribeiro dos) — **Memorias da Literatura Portuguesa, publicadas pela Academia Real de Ciencias de Lisboa.** Tomo II, 406; 1792.

SILVA (Inocencio Francisco da) — **Dicionario Bibliografico Portugues**; Vol. VII; Lisboa 1862.

שפאניש:

ABOAB (Immanuel) — **Nomología o Discursos Legales**; págs. 272, 273, 296, 299 e 304; año de la creación 5389.

CARDOSO (Yshac) — **Las Excelencias de los Hebreos**; págs. 380, 382; Amsterdam 1679.

RIOS (José Amador de los) — **Historia Social, Política y Religiosa de los Judíos de España y Portugal**; (Primera edición española Madrid 1875) edición argentina, Buenos Aires 1943; Vol II, 617. **Estudios sobre los judíos de España**, pág. 464.

לאטיין:

BARTOLOCCIO (D. Iulio de Celeno) — **Bibliotheca Magna Rabbinica;** Vol. I, 49; Vol II, 19; Vol. III, 785; 1675.

NICOLAO (Antonio D.) — **Bibliotheca Hispana-Nova;** Vol. II, 275; 1788.

WOLFIO (J. Christoforus) — **Bibliothecae Hebreae;** Vol. I, 31; Vol. III 20, 176, 1025, 1071; Vol. IV, 973.

יידיש און העברעיש:

גראטץ ד"ר צ. — דברי ימי ישראל, מתורגם בתוספות, הערות והארות, חדושים ומלואים מאת שאול פנחס ראבינאָוויץ; זיבעטער באנד, זייטן 238 — 241 און באזונדער: באנד זעקס, ציון א, און באנד זיבן, ציון ז.

שלמה אבן ווירגה — שבט יהודה, ערוך ומבואר בידי שאול רובינזון; הוצאת שוקן, ירושלים ותל־אביב, תש"ז.

יוסף הכהן — עמק הבכא, הוצאת האחים לוין אפשטין ושות', ירושלים.

צינבערג ד"ר י. — די געשיכטע פון דער ליטעראטור ביי יידן, באנד פיר, דריטער קאפיטל; ניו־יאָרק 1943.

ראַבינאָוויץ שאול פנחס — מוצאי גולה, ספר זכרון למלאות ארבע מאות שנה לגלות ספרד ופורטוגליה; ווארשא 1894; זייטן 289 און 308.

ענגליש:

NEUMAN ABRAHAM A. — **Samuel Usque: Marrano Historian of the Sixteenth Century;** Reprinted from **To Doctor R.**, Philadelphia 1946 180 - 203.

THE JEWISH ENCYCLOPEDIA — **Usque:** באנד צוועלף, זוכוואָרט

דייטש:

STEINSCHNEIDER JULIUS — **Zur Geschichte jüdischer Martyrologien.** (R. Samuel Usques "Trost Israels in seinen Trübsalen"); Festchrift zum X. Stiftungsfest des Akademischen Vereins für jüdische. Geschichte und Litteratur; Berlin 1893; 24-77.

אינהאלט

זייט

אריינפיר — — — — — — — — — — — — — — — — — — 7

שמואל אושקי, זיין תקופה און זיין „טרייסט צו די ליידן פון ישראל":
דער מוטיקער קעמל־טרייבער. — טייכן שפאלטן זיך. — דער יידנפריינדלעכער דוכס. — די בענקעניש נאך גאולה. — דאס עדות־זאגן פון ר' יצחק עקריש. — א משל וואס זוכט זיין נמשל. — סימנים וואס דערציילן א סך. — צוויי טיילן פון אן איבערגעשניטענעם עפל. — א שווערע פראגע און א בלייבער ענטפער. — „דיין טאטנס א זון אבער ניט דיין ברודער". — א חלום וואס פארשוועבט גיך. — די שייטער־הויפנס ברענען אין איטאליע. — שווער בייצושטיין דעם נסיון. — א שפאציר איבער די אלטע ספרים. — די אלטע קריסטלעכע ביבליאגראפן. — א טעות אין חשבון. — די אויסגאבע פון אמסטערדאם. — א וויכטיקע ביבליאגראפישע מציאה. — שמואל אושקי ווערט אנט־דעקט. — קנאפפעס וואס האבן זיך ניט צעבליט. — רמזים וואס נארן אפ. — הבטחות וואס זענען ניט מקוים געווארן. — פונאנדערוויקלענדיק א נייע מגילה. — סוף דבר — — — — — 17

א טרייסט צו די ליידן פון ישראל:

צו דער הויכגעערטער פרוי דאניא גראציא נשיא — — — — 53
וועגן דער פארעם און וועגן דעם צוועק פון בוך: א פארערדע צו די אנטלאפענע פון פארטוגאל — — — — — — — — — — 55
ערשטער דיאלאג (פראגמענטן און קאמענטארן) — — — — — — 61
צווייטער דיאלאג (קיצור) — — — — — — — — — — — — — 77
דריטער דיאלאג: — — — — — — — — — — — — — — — — 81
קאפיטל איינס: סיזעבוט, דער קיניג פון די גאטן, טרייבט ארויין די יידן פון שפאניע אין שמד — — — — — — — — — 85
קאפיטל צוויי: דער אומגליק אויף די יידן פון פראנקרייך צוליב א האסטיע־בלבול — — — — — — — — — — — — — — 87
קאפיטל דריי: דער אומגליק אויף די יידן פון שפאניע צוליב דער

שטאָט טאָלעדאָ — 89

קאַפּיטל פיר: די אומגליקן אין אַלע מורינישע לענדער צוליב אַ גנבה וואָס איז פאָרגעקומען אין דער שטאָט מעדינא־טאַלבי אָדער מעקאַ — 91

קאַפּיטל פינף: דער אומגליק אויף די יידן אין פראַנקרייך צוליב אַ געהרגעטן קריסטלעך יינגל — 93

קאַפּיטל זעקס: דער אומגליק אויף די יידן פון פראַנקרייך צוליב די פאַרכישופטע חזירים — 94

קאַפּיטל זיבן: דער אומגליק אויף די יידן פון שפּאַניע צוליב דעם שמיד — 96

קאַפּיטל אכט: דער אומגליק פון וועגן דעם פאַלשן משיח וואָס איז אויפגעשטאַנען אין פּערסיע — 98

קאַפּיטל ניין: דער אומגליק אויף די יידן פון דייטשלאַנד, פון וועגן די דריי יינגלעך — 104

קאַפּיטל צען: די צרות אויף די יידן אין פראַנקרייך, פון וועגן כלערליי בלבולים — 106

קאַפּיטל עלף: דער גרויסער אומגליק וואָס איז געקומען אויף די יידן פון נעאַפּאַל, אַלס שכר פאַר אַ גרויסער טובה וואָס זיי האָבן געטאָן דער מלוכה — 109

קאַפּיטל צוועלף: דער גרויסער אומגליק אויף די יידן פון ענגלאַנד מחמת דער ליבע פון אַ מאָנאַך צו אַ יידישער פרוי — 112

קאַפּיטל דרייצן: דער אומגליק וואָס איז געקומען אויף די יידן פון ענגלאַנד, מחמת פּעסט, מלחמה און הונגער וואָס האָבן גלייכ־צייטיק אויסגעבראָכן אין דער מלוכה — 115

קאַפּיטל פערצן: דער אומגליק אויף די יידן פון פלאַנדריע צוליב אַ האָסטיע — 120

קאַפּיטל פופצן: דער אומגליק אויף די יידן פון דייטשלאַנד מחמת דעם טויט פון אַ מאַן — 121

קאַפּיטל זעכצן: די אומגליקן אויף יידן פון פאַרשיידענע מקומות פון וועגן די פּאַסטעכער און דורך זייערע הענט — 123

קאַפּיטל זיבעצן: די שרעק וואָס עס האָט אָנגעוואָרפן אויף די יידן פון איטאַליע די שוועסטער פון אַ פּויפּס וואָס איר נאָמען איז געווען סאַנשאַ — 130

קאַפּיטל אכצן: דער גרויסער אומגליק אויף די יידן פון פראַנקרייך, מחמת דעם וואָס מ'האָט געזאָגט אַז זיי האָבן פאַרסמט די ברונעמער — 131

קאַפּיטל ניינצן: דער אומגליק אויף די יידן פון דייטשלאַנד, מחמת דעם זעלביקן בלבול — 134

קאפיטל צוואנציק: דער אומגליק וואס איז געקומען אויף די יידן אין פראנקרייך, מחמת שנאה — — — — — — — — — — 136
קאפיטל איין און צוואנציק: דער גרויסער אומגליק וואס עס האט געבראכט אויף די יידן פון שפאניע דער מאנאך מיטן נאמען פראי ווינסענטע — — — — — — — — — — — — — — 139
קאפיטל צוויי און צוואנציק: די שרעק וואס איז באפאלן די יידן פון שפאניע מחמת דער דערמארדונג פון א יינגל — — — — — 143
קאפיטל דריי און צוואנציק: צרות אויף יידן אין דער זעלביקער שפאניע, פון וועגן צוויי בלבולים — — — — — — — — — — 145
קאפיטל פיר און צוואנציק: די שחיטה אויף די יידן פון גראנאדא און דער טויט פון ר׳ יוסף הלוי — — — — — — — — — — 148
קאפיטל פינף און צוואנציק: די אינקוויזיציע אין שפאניע קעגן די וואס פראי ווינסענטע האט זיי אריינגעטריבן אין שמד, באשריבן אין מליצה-סטיל — — — — — — — — — — — — — 150
קאפיטל זעקס און צוואנציק: וועגן די יידן פון קאסטיליע, וואס זענען אריינגעקומען קיין פארטוגאל און דער אומגליק וואס איז געקומען אויף די וואס האבן זיך אוועקגעלאזט צו די מורינישע לענדער — — — — — — — — — — — — — — — — — 154
קאפיטל זיבן און צוואנציק: ווען מען האט, אין פארטוגאל, געשיקט די קינדער פון יידן צו דעם אינדזל פון עקדישן — — — 157
קאפיטל אכט און צוואנציק: ווען מען האט אפגעשמדט די יידן איבער גוואלד, אין פארטוגאל — — — — — — — — — — — 162
קאפיטל ניין און צוואנציק: די שחיטה אויף די נייקריסטן פון פארטוגאל — — — — — — — — — — — — — — — — — — 167
קאפיטל דרייסיק: דאן יאהאן דער דריטער פון פארטוגאל פירט איין די אינקוויזיציע קעגן די יידן וואס זענען געשמדט געווארן איבער גוואלד — — — — — — — — — — — — — — — — — 169
קאפיטל איין און דרייסיק: וועגן דעם וואס ס׳איז געשען מיט די אנטלאפענע פון פארטוגאל — — — — — — — — — — — 173
קאפיטל צוויי און דרייסיק: דער גירוש פון נעאפאל — — — — — 176
קאפיטל דריי און דרייסיק: די שרעק אויף די יידן פון קאנסטאנטינאפאל — — — — — — — — — — — — — — — — — 179
קאפיטל פינף און דרייסיק: די שריפה אויף די יידן פון סאלאניק — — — — — — — — — — — — — — — — — — 181
קאפיטל פינף און דרייסיק: דער גירוש פון ביימען — — — — — 183
קאפיטל זעקס און דרייסיק: דער גירוש פון פעראראַ — — — — — 185
קאפיטל זיבן און דרייסיק: דער גרויסער אומגליק פון פעזארא — — — 188

לעצטע קלאַג אויף ישראלס פאַרגאַנגענע און קעגנוואַרטיקעליידן.
קיצור פון די לעצטע בלעטלעך פון אושקים ספר — — — — — — — — 190
ביבליאָגראַפיע — — — — — — — — — — — — — — — — — 205

רעפּראָדוקציעס און בילדער

	זייט
דאָס לעצטע זייטל פון חסדאי קרשקשעס „אור ה׳" — — — — — — — אנטקעגן	22
ערקאָלע II ד׳עסטע — — — — — — — — — — — — — — — — — אנטקעגן	22
אָפּדרוק פון ערשטן טעקסטזייטל פון Menina e Moça	26
שער-בלאַט פון Menina e Moça — — — — — — — —	30
שער-בלאַט פון Consolacam as Tribulacoens — — —	30
שער-בלאַט פון דער אַמסטערדאַמער אויסגאַבע פון אושקיס בוך — — — —	39
לואיז דע קאַמוינס — — — — — — — — — — — — — — אנטקעגן	42
שער־בלאַט פון מענדעס דאָס רעמעדיאָסעס אויסגאַבע פון אושקיס בוך —	45
דער אָנהייב פון ערשטן דיאַלאָג, לויט אַן אָפּדרוק פון דער אויסגאַבע פון פעראַראַ — — — — — — — — — — — — — —	64
דאָן יאָהאַן דער צווייטער — — — — — — — — — — — — אנטקעגן	154
אָפּדרוק פון אַ זייטל פון שמואל אושקיס ספר, לויט דער זעלטענער אויסגאַבע פון פעראַראַ — — — — — — — — — —	161
דאָן מאַנועל קניט און איז מתפלל... — — — — — — — — — — —	163
ליסאַבאָן אין 16טן יאָרהונדערט — — — — — — — — — — אנטקעגן	166
דאָן יאָהאַן דער דריטער — — — — — — — — — — — — אנטקעגן	168
אויטאָ-דאַ-פע־פּראָצעסיע גייט ארום פון ליסאַבאָנער עסטאַאָס-פּאַלאַץ — — — — — — — — — — — — אנטקעגן	170

Este libro se terminó de imprimir el día 15 de marzo de 1949 en los Talleres Gráficos Julio Kaufman, Corrientes 1976, Buenos Aires, Rep. Argentina.